STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11871

DRAY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דרײַ



פאולא עלסטער
הערש בערלינסקי
אליהו ערליק

דריי — אָנדענקבוך

פּאָלאַ עלסטער
הערש בערלינסקי
אליהו ערליך

ארויסגעגעבן דורך דעם רינגעלבלום־אינסטיטוט
ניסן תשכ״ו — תל אביב — אַפּריל 1966

השלושה — קובץ לזכרם
הוצאת מכון רינגלבלום

DRAI (THREE)

Published by the Ringelblum Institute, Tel Aviv

נדפס בישראל תשכ״ו
Printed in Israel 1966

הילע געצייכנט דורך שמואל זילבערשטיין

דפוס „אורלי״, רח׳ יסוד המעלה 27, תל־אביב

אינהאַלט

	זייט
אַריינפיר	5
זרבבל / די דריי און זייער שליחות	11
וואַנדאַ / פּאָלאַ, הערש, עלעק	15
וו. מאַשראַך / דער קבר פון דריי העלדן	20
יעקב קענער / פּאָלאַ עלסטער	23
ד״ר ע. קירשענבוים / פּאָלאַ, די אָנפירערין פון „פרייען שומר״ אין וואַרשע	26
הערש וואַסער / פּאָלאַ עלסטער	32
באַשע בערמאַן / צוויי שוועסטער	37
בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ) / פּאָלאַ	43
רחל אויערבאַך / באַגעגענישן מיט פּאָלאַ עלסטער	53
יאָנאַס טורקאָוו / פּאָלאַ עלסטער	75
בלעטלעך פונעם נאָטיץ־בוך פון פּאָלאַ עלסטער	83
רשימה פון אומגעקומענע חברים, פאַרנאָטירט דורך פּאָלאַ עלסטער אין איר טאָגבוך	106
דעקלאַראַציע, געלייענט דורך פּאָלאַ עלסטער אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פונעם נאַציאָנאַלן לאַנדראַט	110
יעקב קענער / הערש בערלינסקי	113
אַנטיגנוס עזרא / פון דער לאָדזשער „יוגנט״ ביזן געטאָ־אויפשטאַנד	115
יואל רויזמאַן / מיין חבר הערש בערלינסקי	118
שמואל פערלמוטער / הערש בערלינסקי — די בליענדיקע צווייג אויפן פועלי־ציון־שטאַם	122
בינה זיסר־דג / אַ פּאָר ווערטער צום אָנדענק פון הערש בערלינסקי	126
יעקב בערלינסקי / אונדזער ברודער הערש	129
ד״ר יוסף קערמיש / הערש בערלינסקי — אַ וואָגיקער מקור צו דער געשיכטע פון געטאָ־אויפשטאַנד	133
יוסף זיעמיאַן / די נסיעה צום בונקער	138
מרדכי ברקאי / נאָך 20 יאָר ווערט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט דער טאָגבוך פון בונקער פון הערש בערלינסקי	142
הערש בערלינסקי / זכרונות	154
הערש בערלינסקי / אַ פראַגמענט (דער עקס אין דער באַנק נאַלעווקי 37)	188
הערש בערלינסקי / צום אָנדענק פון אַ קעמפער	191
הערש בערלינסקי / דער קאַנאַל	193
Jeleń / אין טראַגישן יאָרטאָג	198
יעקב קענער / אליהו ערליך	202
י. ווייסבראָד / מיין חבר עליע	204
בינה שטיינבערג / אליהו משה ערליך	208

בילדער

	זייט
אונטערערדישע פועלי־ציון פרעסע אין וואַרשעווער געטאָ . .	8
פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי, אליהו ערליך	9
אַ זייטל פון פּאָלאַ עלסטערס רשימה	105
די אָפּצייכענונג פון פּאָלאַ עלסטער	112
די ערשטע זייט פון די זכרונות פון הערש בערלינסקי . . .	153
די אָפּצייכענונג פון הערש בערלינסקי	201
די לויה פון די דריי	212
דער קבר פון די דריי און די מצבה	215
די בערלינסקי־גאַס אין לאָדזש	216

אַרײַנפֿיר

פֿאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי, אליהו ערליך.
דרײַ אידײען־חברים, דרײַ קעמפֿער, דרײַ העלדן, דרײַ סימבאָלן.
דרײַ געשטאַלטן פֿונעם אַמאָליקן ייִדישן פּוילן. דרײַ טיפֿן פֿון דער ייִדישער אָרעמקייט, פֿון דער אַרבעטערשאַפֿט, פֿו דער אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. אַלע דרײַ דערצויגן אין זעלבן גײַסט, באַהויכט פֿון די זעלבע אידעאַלן, אויסגעוואַקסן און אויסגעפֿורעמט אין די רייען פֿון דער פּועלי־ציון־באַוועגונג — פֿריִער אין דער יוגנט דערנאָך אין דער פּאַרטיי — אויסגעפּרוווטע, איבערגעגעבענע חברים, וואָס האָבן אין דער שעה פֿון גרויסן נסיון זיך דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה פֿון אחריות און אָפּפֿערוויליקייט.
צוזאַמען האָבן זיי דורכגעמאַכט דעם מאַרטירער־וועג אין געטאָ, מיטגעליטן מיט די הונדערטער טויזנטער פֿאַרשפּאַרטע, דערנידעריקטע, געפּייניקטע. צוזאַמען האָבן זיי געשפּונען דעם חלום פֿון באַוואָפֿנטן ווידערשטאַנד, צוזאַמען דעם ווידערשטאַנד געגרייט און זיך צוגעגרייט צו אים — ווי אַ טייל פֿון דער מחנה ווידערשפּעניקע, מיטן יאוש נישט אַרומגענומענע, מיט דעם גורל נישט שלום מאַכנדיקע.
אין טויט האָט זיי דער גורל פֿאַרייניקט. מיט דער ביקל אין דער האַנט, אין ווירדיקן קאַמף מיטן נאַצישן שונא האָבן זיי צוזאַמען זייערע יונגע לעבנס אָפּגעגעבן.

*

דער געדאַנק פֿון ווידערשטאַנד, פֿון קעגנשטעלן זיך, פֿון נישט אונטערגעבן זיך איז אייגנטלעך געבוירן געוואָרן גלײַך דעם ערשטן טאָג, ווען די ייִדן זענען פֿאַרשפּאַרט געוואָרן הינטער די ענגע געטאָ־מויערן.
אַלע באַמיונגען אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן זענען געווען דער

אויסדרוק פון דער דאָזיקער שטרעבונג. אַלע אָפּענע — אָבער אויך מער־סטנטייל פאַרשטעלטע — טעטיקייטן אין געטאָ: סאָציאַלע הילף, קינ־דער־דערציונג, קולטור־אַרבעט, הויז־קאָמיטעטן, „עונג שבת" און אַנ־דערע אַקטיוויטעטן האָבן געהאַט פאַר אַ ציל נישט דערלאָזן די יידן אַריינצופאַלן אין יאוש, אויפצוהאַלטן ביי זיי דעם צלם אלוקים, אויף וועלכן דער דייטש האָט זיך אויף אַלע טייוולאָנישע אופנים געהאַט פאַרמאָסטן.

אויך דאָס פאַרשרייבן דאָס געשעענע און עס אויפהיטן אַזוי, אַז די וועלט זאָל שפּעטער וויסן וואָס עס איז געשען און ווי ס'איז געשען, איז געווען איינע פון די פאָרמען פון דעם יידישן אַנטקעגנשטעלן זיך.

און שפּעטער איז געקומען די צייט פון דעם אָרגאַניזירטן באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד.

אין אַלע די עטאַפּן האָבן פועלי־ציון־חברים טעטיק מיטגעאַרבעט, געשטאַנען אין די ערשטע שורות, געדינט ווי אַ מוסטער.

אין די רופן אויסצוהאַלטן, איבערצולעבן, האָט זיך גאָר ספּעציעל געהערט די שטים פון אונדזער חבר שכנא זאַגאַן, דעם טריבון און גע־וויסן פון געטאָ.

אין צענטער פון דער סאָציאַלער הילף אין געטאָ איז געשטאַנען אונדזער חבר ד"ר עמנואל רינגעלבלום, וואָס איז אויך געווען דער איני־ציאַטאָר און די נשמה פון דעם געהיימען געטאָ־אַרכיוו אונטערן פאַר־שטעלטן נאָמען „עונג שבת".

אונדזערע חברים האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין דער גרינדונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און אין אירע קאַמפן אין געטאָ און שפּעטער אויך אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד.

*

די דריי — פאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך — האָבן מיטגעמאַכט דעם ווידערשטאַנד אין געטאָ אין אַלע זיינע פאַזעס און פאָרמען: הן אויפן סאָציאַלן, הן אויפן פּאָליטישן פראָנט זענען זיי געשטאַנען אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס אין געטאָ. בערלינסקי און ערליך האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די באַוואָפנטע קאַמפן (פאָלאַ איז גלייך אין אָנהויב פון אויפשטאַנד פאַרשיקט געוואָרן קיין פּאָניאַ־טאָוו). שפּעטער, נאָכן אויפשטאַנד, זיצנדיק אין די באַהעלטענישן אויף דער אַרישער זייט, האָבן בערלינסקי און פאָלאַ, געטריי דעם רוף פון זייער חבר רינגעלבלום, גענומען פאַרשרייבן דאָס, וואָס זיי האָבן מיט־

געמאַכט און געזען, כדי עס זאָל פאַרבלייבן לדורות און ווען די שעה האָט געשלאָגן, האָבן די דריי דעם ווידערשטאַנד אויפסניי אויפגענומען מיט געווער אין דער האַנט און זענען געפאַלן אין באַוואָפנטן קאַמף קעגן שונא.

*

מיטן אַרויסגעבן דאָס דאָזיקע בוך ווענן אונדזערע דריי חברים, צאָלן מיר אָפּ אַ חוב די דריי העלדן.

אונדזערע ד ר י י, אויסגעהאָדעוועטע אין דער פועלי־ציון־טראַדיציע, האָבן זיך אין די טראַגישע גורל־שעהען אַרויסגעוויזן ווי געטרייע חברים פון אונדזער באַוועגונג, ווי ווירדיקע זין פון אונדזער פאָלק.

טויזנטער חברים אונדזערע, אויסגעהאָדעוועטע אין דער זעלבער טראַדיציע, זענען אין וואַרשעווער געטאָ און אין די אַנדערע געטאָס, אין די פאַרטיזאַנער־אָפּטיילן, אין די וועלדער, געגאַנגען דעם זעלבן וועג וואָס די ד ר י י און האָבן געטיילט דעם זעלבן גורל וואָס זיי.

ס׳וואָלט אָבער אוממעגלעך געווען אויפצושטעלן אַ פולע רשימה פון זיי אַלע. וויפל פון זיי האָבן נאָמענלאָז געקעמפט און זענען נאָמענלאָז געפאַלן!

סימבאָליזירן פאַר אונדז די ד ר י י, אַ ל ע אונדזערע חברים — און נישט נאָר אונדזערע חברים, — וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין ווידערשטאַנד אין אַלע פאָרמען, וואָס האָבן זיך קעגנגעשטעלט אַקטיוו און פאַסיוו, פיזיש און גייסטיק, וואָס האָבן זיך ביטער געראַנגלט, כדי איבערצולעבן און בייצוקומען, וואָס האָבן געקעמפט, כדי צו שטאַרבן מיט כבוד.

די ד ר י י סימבאָליזירן פאַר אונדז א ל ע אומגעקומענע, אַ ל ע קרבנות פון אונדזער פאָלק.

זאָלן די דאָזיקע בלעטלעך, וואָס זענען געווידמעט די ד ר י י און וואָס אַנטהאַלטן אויך די זכרונות פון די העלדן גופא, זיין אַ באַשיידענער צושטייער צום גרויסן פנקס איבער יענער גרויזאַמער תקופה אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק, וואָס דערציילט וועגן אומקום פון מ י ל י אָ נ ע ן.

רינגעלבלום־אינסטיטוט

תל־אביב







פראָלעטאַרישער געדאַנק



אונזער וועג

אונטערערדישע פרעסע אין וואַרשעווער געטאָ:
„יוגנט־רוף", „אונזער וועג", „פראָלעטאַרישער געדאַנק"

פאַלאַ עלסטער



הערש בערלינסקי

אליהו ערליך

י. זרבבל

די דריי אין זייער שליחות

עס זענען אַדורך העכער צוויי צענדליק יאָר זינט די נאַצישע שאַנדטאַטן אין יידישן לעבן. דער טויט־אַנגריף איז געווען אויסגערעכנט אויף אַלע ווינקעלעך פון דער ערד, ווו נאָר עס לעבט אַ יידישער מענטש. קאָנצענטרירט האָט זיך אָבער די נאַצישע ווילדקייט אויפן שטח פון דער פוילישער מלוכה. היינט ווייסן מיר גוט, אַז צווישן די פּאָליאַקן האָט די היטלעריסטישע באַנדע געהאַט אַ הילכיקן אָפּקלאַנג און געפונען געטרייע מיטהעלפער אין דעם אומברענג־געיעג נאָך יידן. אָבער עס זענען געווען אויך אויסנאַמען, און מיר האָבן געהאַט די געלעגנהייט די לעצטע יאָרן אַרויסצוהייבן דעם כבוד פון די חסידי פּאָליאַקן, וועלכע האָבן מיט מסירת־נפש געראַטעוועט דאָס לעבן פון די פאַרפאָלגטע יידן און דעם כבוד פון זייער אייגענעם פאָלק.

אין דעם געראַנגל קעגן נאַצישע בעסטיעס האָבן זיך אויסגעצייכנט יידישע קינדער און יוגנט פון פוילישער ערד, און אין די מחנות, געטאָ־קעמפער, פּאַרטי־זאַנער פון וועלדער און פאַרבאַרגענע פלעצער, האָבן זיך מאָביליזירט באַדייטנדיקע גרופּן אויך פון די פּועלי־ציון־רייען. זיי האָבן געוווּסט, אַז ס'איז אַ קאַמף צווישן נישט־גלייכע כוחות, צווישן באַוואָפנטע מיט אַלע מאָדערנע קריגס־מכשירים און צווישן שוצלאָזע מענטשן, פאַריאָגטע אין פאַסטקעס, אָן אויסזיכט פון געווער און אָן אַפילו מאָראַלישער הילף.

אונדזערע חברים און חברטעס זענען אומגעקומען אין דעם אויסזיכטלאָזן קאַמף און זייערע ביינער זענען פאַרברענט געוואָרן אין גאַז־קאַמערן און אין קאַלך־אויוונס, ווי קדושים און טהורים, וואָס זענען געפאַלן אויף קידוש העם. זיי האָבן גענומען דאָס קאַרגע געווער אין האַנט, ווייל זיי זענען געווען שווער באַוואָפנט גייסטיק און פּסיכיש. זיי זענען דערצויגן געוואָרן אין דער מחנה פון ציוניסטן־סאָציאַליסטן און זיי האָבן זיך באַטראַכט, ווי מאָביליזירט צו דעם היסטאָרישן קאַמף פאַר רעאַליזירן אין יידישן לעבן די גרינטלעכע רעוואָלוציע,

וואָס זאָל צוריקגעבן דעם ייִדישן פֿאָלק זײַנע פֿולע נאָרמאַלע רעכט אין זײַן אייגענעם פֿאָטערלאַנד. אין דעם מאָמענט, וואָס זיי זענען געקומען צום באַוווסטזײַן פֿון זייער רעכט, האָבן זיי נאַטירלעכערהייט אויפֿגענומען אויך דעם אימפּעראַטיוו פֿון פֿליכט. פֿליכטן לגבי זיך און לגבי אַנדערע. ווי באַוווסטזיניקע ייִדישע סאָציאַליסטן האָבן זיי זיך באַצויגן צו די אַנדערע פֿעלקער נישט לויט דער אויפֿפֿירונג פֿון געציילטע אָדער גרופּן, נאָר ווי צו אַ נאַציאָנאַלער גאַנצקייט, וואָס אונדזער מאָראַל דיקטירט איר צו העלפֿן מיט אַלץ, וואָס מיר קענען.

„פֿאַר אונדזער און פֿאַר אייער פֿרייהייט" איז אין פּוילן געווען אַ לאָזונג, וואָס איז זינט דורות געהייליקט געוואָרן אין בלוט פֿון געטרײַע קעמפֿער פֿאַר פּוילנס זעלבשטענדיקייט און באַפֿרײַונג פֿון פֿרעמדע אָקופּאַנטן און אייגענע אונטערדריקער.

צוזאַמען מיטן טיפֿן ווייטאָג צוליבן אומקום פֿון יונגע לעבנס, דערמאָנען מיר מיט גאווה, אַז אונדזערע דרײַ חברים: פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך זענען געפֿאַלן אין קאַמף, ווען דער געראַנגל אין געטאָ האָט זיך שוין געהאַט אויסגעלאָשן. זיי זענען געפֿאַלן ווי באַטייליקטע אינעם אַלגעמיינעם פּויליש ן אויפֿשטאַנד. זיי האָבן זייער יונג לעבן מקריב געווען פֿאַר דער אַלגעמיינער פֿרייהייט פֿון פּויליש ן פֿאָלק, פֿון דער פּוילישער ערד. זיי האָבן מקיים געווען זייער רעוואָלוציאָנערן חוב לגבי דעם פֿאָלק, מיט וועלכן ייִדן האָבן געלעבט פֿולע טויזנט יאָר. זיי האָבן אין דעם מאָמענט נישט געדענקט וועגן די פּוילישע אַנטיסעמיטישע העצערס און ייִדן־פּאָגראָמירער. פֿאַר זיי איז דערשינען דאָס שענסטע און דערהויבנסטע פֿון פּוילישער קאַמפֿס־טראַדיציע דורך אירע בעסטע פֿאָרשטייער און רעפּרעזענטאַנטן אין לעבן און אין דער ליטעראַטור.

האָבן מיר, צוזאַמען מיט זיי, זוכה געווען, אַז גראָד זייערע קערפּערס זאָלן געפֿונען ווערן. מיר האָבן זיי געבראַכט צו קבורה, און דאָס אָרט פֿון זייער קבר איז פֿאַרצייכנט פֿאַר דורות און דורות.

האָבן זיך די דרײַ אויסגעצייכנט מיט עפּעס אויסטערלישעס פֿון אַלע איבעריקע קעמפֿער? אַזוינס האָבן מיר בײַ זיי נישט געזוכט. אונדז האָט אינטערעסירט גראָד דאָס, וואָס אין די דרײַ איז געווען כאַראַקטעריסטיש אויך פֿאַר די אַנדערע, פֿאַר די הונדערטער און הונדערטער, וואָס האָבן געקעמפֿט אַזוי ווי זיי און זענען געפֿאַלן אין דעם זעלבן קאַמף. זיי זענען נישט געבוירענע, נאָר געוואָרענע העלדן. זיי זענען אַלע אויסגעוואַקסן אין נויט און אין עלנט — אין דער אייגענער משפּחה, אָדער אין דער אַרומיקער סביבה. דאָס געשריי פֿון נויט־לײַדנדיקע, פֿון באַעוולטע, פֿאַרגעסענע און פֿאַרלאָזענע האָט זיי נאָכאַנאַנד באַגלייט און איז אין זיי אַרײַנגעדרונגען ווי אַ ניגון, וואָס באַגלייט איינעם דאָס גאַנצע

לעבן. זיי זענען דערצויגן געוואָרן צו דערקענען און שעצן גייסטיקע ווערטן, צו קענען און זיך באַציען מיט דרך־ארץ צו דער געשיכטע פון אייגענעם פאָלק. זיי זענען געווען שטאָלץ אויף זייער נאַציאָנאַלער יידישער אָנגעהעריקייט און זיך געגרייסט מיט זייער קולטור־היסטאָרישן יחוס.

האָבן זיי אָרגאַניש נישט געקאָנט סובל זיין באַליידיקונג און דערנידערונג, בפרט לגבי דעם אייגענעם פאָלק, וואָס די נאַציס האָבן אים אויסדערוויילט צו דעמאָנסטרירן אויף אים, אויף זיין קערפּער און גייסט, זייערע חיהשע אינסטינקטן און בעסטיאַליטעטן.

די ציש״א אין פּוילן האָט אין דעם גייסט דערצויגן טויזנטער תלמידים, און זיי האָבן נישט פאַרשעמט זייערע לערערס און דערציערס, וואָס זענען צוזאַמען מיט זיי געגאַנגען אין פראָנט.

אויך די דערצויגענע אין די באָראָכאָוו־שולן פון לינקע פּועלי־ציון האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען פון יידישן לעבן גריילעך אין די ביטערסטע שעהן פון דער נאַצישער ברוטאַליטעט אפילו איבער זקנים און קינדער.

די געשיכטע וויקלט אַלץ מער אויף באַהאַלטענע יריעות פון יידישער גבורה אין דער היטלער־תקופה, און צוזאַמען מיט דעם אַנטפּלעקן זיך פאַר אונדז, אי־בערגעבליבענע און צופעליק געראַטעווטע, העראָישע מעשים פון אונדזערע חברים און חברטעס בעת זיי האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף די נאַצישע שוידער־לעכקייטן.

זיי אַלע ווערן פון אונדז געזען, ווי צונויפגעשליידערטע אין איין מאַסן־קבר. ס'איז דער מאַסן־קבר פון קעמפנדיקע פּועלי־ציון. זיי זענען נישט קיין נאָמענלאָזע גבורים. זיי האָבן אַ נאָמען, וואָס זיי האָבן מיט זייער פאַרגאָסענעם בלוט כשר פאַרדינט. זייער נאָמען איז: פּ ו ע ל י צ י ו ן! זיי האָבן אים געהייליקט, און זענען דורך אים אַליין, געהייליקטע, אַריין אין פּאַנטעאָן פון אונדזער באַוועגונג.

און ווי אַ סימבאָל פאַר די אַלע אונדזעריקע זענען געקומען די ד ר י י. זייער קבר איז באַקאַנט —ביים אַריינקום אין גענשער בית־עולם. זייערע נעמען זענען אויסגעקריצט אויף דער מצבה. זיי האָבן אויסגעפירט אַ שליחות. זיי זענען געווען באַרופן צו ר ע פּ ר ע ז ע נ ט י ר ן די באַוועגונג. זיי זענען נישט די איינציקע. פאַראַן נאָך און נאָך. נעמען, וואָס זענען געשטיגן צו סימבאָלן: ש אַ כ נ ע ז אַ ג אַ ן, ע מ נ ו א ל ר י נ ג ע ל ב ל ו ם און זייערע נאָענטסטע מיטאַרבעטער.

אָבער די ד ר י י זענען געפאַלן אין דירעקטן קאַמף, מיט געווער אין האַנט. אַזוי דאַרפן פאַלן קעמפער, וואָס מאַניפעסטירן דעם מאָראַלישן כוח פון אַ קאַמפּס־באַוועגונג.

זייער טאַט דאַרף זיין אַ ר ו ף צו אַנדערע, זיי נאָכצואָן, גיין אין זייערע פוסטריט. נישט אַנטלויפן פון דער געפאַר, נישט באַגיין זעלבסטמאָרד. דאָס קען אַמאָל

דרײַ

זײַן דער װעג פֿאַר אַ יחיד, אָבער נישט פֿאַרן קאָלעקטיװ, אַזױ לאַנג װי ער האָט די מעגלעכקײט צו קעמפֿן און גילטן װי אַ געפֿאַר פֿאַרן שונא.

די דרײַ האָבן געפֿירט אַ פּאָליטישן קאַמף. מיטן פּנים צום שונא, מיטן געװער אין האַנט, מיטן אידעאַל אין האַרצן, מיטן גלױבן אין נצחון פֿונעם קאָלעקטיװ.

זײ האָבן אונדז נישט פֿאַרשעמט. זײ האָבן אונדז דערהױבן, און מיר װעלן זײ געדענקען אין זײער דערהױבנקײט.

ווּאַנדאַ

הערש, פּאָלאַ, עלעק

זאַלבעדריט האָב איך זיי געפונען אין צושטאַנד פון קערפּערלעכער צעפאַלונג.

כ׳האָב געגלעט די פאַרבלאַטיקטע ביינער, גלייך געמאַכט די צעוואָרפענע האָר, און שפּעטער פאַרשיט מיט ערד דאָס געביין פון די טייערע דריי.

אין די פאַרשרפהטע רואינען פון זייער בונקער האָבן זיך געוואַלגערט פּאַפּירן, האַלב־פאַרברענטע דאָקומענטן און גילזן פון אויסגעשאָסענע קוילן.

די דייטשן האָבן אַנטדעקט דעם בונקער, אונדזערע דריי זענען אַרויס זיי אַנטקעגן, און אין קעגנזייטיקן אומגלייכן קאַמף זענען זיי געפאַלן.

מיין אייביקע טרייסט אין לעבן: עס זענען אויך געפאַלן דייטשע פּגרים פון אונדזערע טייערע דריי פאַר הענט.

כ׳האָב זיי אַלע דריי זייער גוט געקענט. ווען כ׳זאָל וועגן דעם פאַרלויף פון זייערע לעצטע טעג נישט האָבן געהערט פון די על פּי נס אָפּגעראַטעוועטע, און נישט געפונען די גילזן פון אויסגעשאָסענע קוילן, וואָלט איך די גילזן אַזוי לאַנג געזוכט ביז כ׳וואָלט זיי געפונען...

ווייל אַנדערש האָבן זיי נישט געקענט פאַלן!

ה ע ר ש...

קאַנטיק אין באַנעמונג צו מענטשן, האַרט, קאָנסעקווענט, ווייניק סענטימענ־טאַל, שטענדיק מיט אַ סך פאָדערונגען צו מענטשן — אָבער נאָך מער צו זיך — ווי געבוירן צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט.

אַליין אַ לאָדזשער, איז ער פון די ערשטע טעג פון זיין קומען קיין וואַרשע גלייך געוואָרן אַ צענטראַלער מענטש אין דער באַוועגונג. ער האָט רעפערירט אויף אונדזערע יוגנט־גרופּן (וועלכע זענען מייסטנס פאָרגעקומען אין אונדזערע קיכן: עלעקטאָראַלנע 14, וואָלנאָשטש 10 און זאַמענהאָף 9), און געווען איינער פון די הויפּט־אָרגאַניזאַטאָרן פון נייע גרופּן.

ער איז געווען באַטייליקט אין אַרויסגעבן אונדזער אומלעגאַלע פּרעסע און

אַ ביישפּיל פון פאַרשפּרייטן זי פאַר דער קאָלפּאָרטיר־קאָמיסיע פון דער יוגנט — ניוּנעק און טושקאַ זאַגאַן, הערשעלע וורײַנסקי, וועלוול זשאַמסקי און איך.

ער האָט נישט אָנערקענט קיין שום פאַרענטפערונג פאַר אַ נישט אויסגעפירטער אַרבעט. מיר האָבן רעספּעקטירט זיין אומבויגזאַמקייט, ווייל ער אַליין האָט פון זיך געגעבן דעם מאַקסימום.

איך דערמאָן זיך ווי בערלינסקי איז אין אַ פּראַקטיקער נאַכט געקומען צו אונדז אָן אַ היטל. ער האָט באַשלאָסן צו סאַבאָטירן די נייע פאַראָרדענונג צו ציען דעם הוט פאַר יעדן דורכגייענדיקן דייטש.

ער איז געווען דער אָרגאַניזאַטאָר פון די „קאַמפּס־פינפטלעך". צוזאַמען מיט אַנדערע חברים איז ער געשטאַנען ביים וויגעלע פון אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט און — שפּעטער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דער האַרטער בערלינסקי איז געווען גלייכצייטיק פאָטערלעך לגבי זיין אונדזער קאַמפּס־גרופּע, וואָס האָט זיך געפונען אין ראַיאָן פון בערשטער־שאָפּ אויף שוויענטאָיערסקע־גאַס.

ער איז געווען פול מיט קאַמפּס־פּלענער. אַלס קאָמענדאַנט פון דער גרופּע האָט ער שטענדיק געחלומט וועגן באַזאָרגן אַלעמען מיט געווער. איין מאָל, אומקערנדיק זיך שפּעט ביינאַכט פון אַ זיצונג, האָט ער זיך נישט געקענט איינהאַלטן און אויפגעוועקט אַלעמען.

זיינע אויגן האָבן געבלישטשעט, מיט זיין שטאַרקער מוסקולירטער האַנט האָט ער אַרויסגעצויגן דעם ערשטן איינגעשאַפטן רעוואָלווער. געהאַלטן אים ווי אַ מוטער אַן איינציק אָפּגעציטערט קינד.

נאָכן העלדישן בלוטיקן קאַפּיטל בראש פון אונדזער גרופּע אין געטאָ־אויפשטאַנד, איז ער צוזאַמען מיט אַנדערע געטאָ־קעמפער דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אַוועק אין די ווישקאָווער וועלדער אַלס פּאַרטיזאַן.

מיר האָבן אים פון דאָרט אַרויסגענומען און איינגעאָרדנט אין אַ בונקער אויף פּראַגע, וווּ ס'האָבן זיך שוין געפונען פּאָלאַ, ערליך, ד"ר ראָזענבוים, משפּחה וואַסער, בוקסבוים מיט דער משפּחה. פון דאָרט האָט ער געמוזט אַוועק צוזאַמען מיט דער גאַנצער גרופּע און כסדר בייטן די ערטער צוליב לויערנדיקע געפאַרן.

יעדעס מאָל, ווען כ'האָב איבערגעפירט הערשן אויף אַ צווייט אָרט, האָב איך געציטערט, געשראָקן זיך פאַר אַ דורכפאַל. הערש מיט זיין אויסזען... כ'האָב אים געגעבן ער זאָל מיר געבן זיין פּאַראַבעלום (רעוואָלווער), כדי אים באַהאַלטן אין מיין קייבערל, וועט אפשר זיין זיכערער. זיין ענטפער איז שטענדיק געווען: „אין דעם איז מיין כוח און זיכערקייט". דאַכט זיך, ווייניק ווער איז געווען אַזוי נקמה־גיריק ווי הערש.

זיין לעצט באַהעלטעניש איז געווען צוזאַמען מיט פּאָלען, עלעקן און וואַסערן אויף זשאַליבאָזש, אין דער קאָלאָניע קאַשציושקאָ — אין אַ וווינונג פון אַן אונ־טערערדישן בונקער. אויסערלעך האָט עס געמאַכט אַ צניעותדיק קריסטלעך־רעליגיעזן איינדרוק, און געווען באַהאַנגען מיט אַלערליי רעליגיעזע בילדער. אָבער טו נאָר אַ זוך וועסטו געפינען אַלץ וואָס עס איז טריף: אויפּרייס־מאַטע־ריאַלן, געווער, אונטערערדישע ליטעראַטור. די איינציקע, וואָס איז פון צייט צו צייט אַרויסגעגאַנגען איז געווען פּאָלאַ, וועלכע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטענדיקן קאָנטאַקט מיט די פאַרשטייער פון פּ.פּ.ר.

כ'בין ביי זיי אָפט געווען, געטראָפן זיי שטענדיק ביי אַרבעט, שרייבן, איבערשרייבן, מאַכן אויסשניטן פון דייטשישע צייטונגען. מייסטנס האָב איך מיט־געפילט מיט הערש בערלינסקין. ער, דער שטורעמדיקער הערש, מוז זיצן רויק, קוקן אויף דער גרויזאַמער וועלט דורך אַן אומבאַקאַנטער שפּאַרע.

איין מאָל, נאָך רינגעלבלומס אַרעסט, האָט מיך געטראָפן אין טראַמוויי די שוועסטער פון פּוילישן גערטנער וואָלסקי, וואָס אונטער זיינע ספּעקטן אויף גראָיעצקאַ־גאַס, האָט זיך געפונען רינגעלבלומס בונקער. זי האָט מיך דערקענט, און גלייך דערקלערט, אַז זי דאַרף האָבן תיכף אַ גרויסע סומע געלט, אויב נישט... אַז דער טראַמוויי האָט זיך אָפּגעשטעלט, בין איך אַראָפּ מיט איר צוזאַמען און זי איבערצייגט, אַז כ'האָב ביי זיך נישט קיין געלט, צוזאָגנדיק צוצושטעלן דעם נאָענטסטן זונטיק די סומע אויף די ביעלאַנעס (אַ וואַלד אין דער פּעריפעריע פון וואַרשע).

כ'האָב די געשיכטע דערציילט די חברים. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז כ'טאָר נישט אַהין גיין און די נאָענטסטע צייט זיך נישט ווייזן אין שטאָט. דאַן אָבער האָט בערלינסקי זיך אָנגערופן, אַז ער איז גרייט צו גיין צו דער טרעפונג, כדי אויסצופּרוּוון זיין געווער...

ע ל ע ק...

איך זע אים כסדר מיט אַ שמייכלדיק פּנים. אַ ביסל ציניש, נישט געאָרדנט. אַ גרויס קינד. אָן גרענעצן איבערגעגעבן דער פּאַרטיי.

פון דער קאַמפּס־גרופּע האָט ער אַדורכגעמאַכט צוזאַמען מיט בערלינסקין דעם געטאָ־אויפשטאַנד און צוזאַמען מיט אים, דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, אַריבער אויף דער אַרישער זייט און פון דאָרט אין די ווישקאָווער וועלדער.

באַשיידן אין זיין האַלטונג, האָט ער זיך נישט געוואָרפן ספּעציעל אין די אויגן, אָבער געווען אַ שם־דבר פון חברישער איבערגעגעבנקייט.

ער, צוזאַמען מיט מאַלע קאַרנבלום, שלמה לאָופער, שמואל רובינשטיין, מאַניע אַלטערמאַן, האָבן אַרום זיך גרופּירט די פאַרמלחמהדיקע יוגנט־חברים. אין געטאָ האָט ער פאַרלוירן זיין גאַנצע משפּחה, און די, מיט וועלכע ער איז

געווען ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, זענען געבליבן זיינע נאָענטסטע. פּאָלאַ...

איר גאַנץ לעבן — איין גרויסע שטרעבונג צו זיין ערלעך צו מענטשן און צו זיך אַליין, פול מיט אַ סך פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע.

די דאָזיקע שטריכן האָבן איר פאַרשאַפט אַ סך דערפאָלג אין דער אַרבעט צווישן דער יוגנט. נישט איין מאָל בין איך אייפערזיכטיק געווען, ווען חברים האָבן געזאָגט „אונדזער פאָלאַ"... זי איז אָבער נישט געווען בלויז „זייערע". זי איז פעיק געווען אָן מינדסטן שאָדן פאַר דער זאַך צו זיין אַ גוטע טאָכטער און אויסערגעוויינלעכע שוועסטער.

זי האָט איר כאַראַקטער געהאַרטעוועט, בעת אַלע אויספּרווו־מאָמענטן, וואָס עס האָט געהאַט אויסצושטיין יעדער פּאַרטיי־טוער פאַר דער מלחמה. זי איז דורכגעגאַנגען אָפּטע רעוויזיעס, אַרעסטן, פּראָצעסן, מעלדן זיך אין דער פּאָליציי. פון יעדן פּרווו אַזעלכן, איז זי אַרויס אַ מאָראַליש געשטאַרקטע.

אין 39סטן יאָר האָט זי נישט פאַרלאָזן וואַרשע, זיך געשטעלט אין די נייע באַדינגונגען צו דער אַרבעט. ס'איז איר אָנפאַרטרויט געוואָרן צו אָרגאַניזירן אַ קיך. זי האָט עס אויסגעפירט און אין קורצן איז די קיך געווען אַ מוסטער פאַר אַנדערע פאָלקס־קיכן, ווייל אין דעם וואָס זי האָט אונטערגענומען האָט זי אַריינגעלייגט זיך. געאַרבעט מיט גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט און באַזונדער צווישן דער שילער־יוגנט.

זי איז געשטאַנען אין פערזענלעכן קאָנטאַקט מיט יעדן פאַרבליבענעם חבר פון „פרייען שומר", אין וועלכן זי האָט פאַר דער מלחמה פאַרנומען אַן אָנפירנדיק אָרט. זי איז געוואָרן אַ לעבעדיקער אָנשפּאַר־פּונקט פאַר אַ סך חברים. בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד איז זי פאַרשיקט געוואָרן אין לאַגער פּאָניאַטאָוו. אויך דאָרט איז זי נישט צוזאַמענגעבראָכן. צוזאַמען מיט מלך פיינקינד און אַנדערע, איז זי צוגעטראָטן צו אָרגאַניזירן די אונטערערדישע אַרבעט.

ווען דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט האָט אָנגעקניפּט אַ קאָנטאַקט מיטן כלומרשטן „אַרבעטס־לאַגער" און פאַקטישן טויטן־לאַגער איז געלונגען פון די ערשטע אַרויסצוראַטעווען פּאָלען.

שרעקלעך איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש מיט איר, דער דורך אונדז צוריקגעקערטער צום לעבן. זי האָט נישט אויפגעהערט צו דרינגען מען זאָל שיקן אין לאַגער געפעלשטע דאָקומענטן, כדי פון דאָרט אַרויסצושלעפּן מענטשן — און געווער.

איצט האָבן מיר ווידער געהאַט פּאָלען ביי זיך, זי אַליין אָבער האָט נאָך ווייטער געלעבט מיט פּאָניאַטאָוו, מיט די מענטשן, וואָס זי האָט דאָרט איבערגעלאָזט און זיי זענען אין אַ געוויסן טאָג לעבעדיקערהייט באַגראָבן געוואָרן.

זי האָט אומאויפהערלעך געגלייבט אין אַ שנעלן זיג פון דער גערעכטיקייט. כ׳האָב טייל מאָל געטראַכט, אַז דאָס וויל זי ביי מיר אונטערהאַלטן דעם מוט. איך האָב אָבער ווי אַ באַשטעטיקונג געפונען איר נאָטיץ־ביכל אינעם פאַרברענטן בונקער. אַחוץ נאָטירונגען פון איר פּראַזאַישן לעבן אויף דער אַרישער זייט, לייען איך פּינקטלעכע נאָטיצן וועגן דעם פאָרויסמאַרש פון דער רויטער אַרמיי, וועגן ארץ־ישראל, און אַלץ איז דורכגעדרונגען מיט טיפן אָפּטימיזם.

דעם 31סטן דעצעמבער האָב איך זי באַגלייט אויף אַ געהיימער זיצונג פון אונטערערדישן פּוילישן פּאַרלאַמענט ק.ר.נ., ווו זי האָט באַדאַרפט אַרויסטרעטן אַלס פאָרשטייער פון פּועלי־ציון.

פון דער זיצונג איז זי געקומען אַן אויפגעהייטערטע. איך האָב זי אָפּגעוואַרט פאַרטאָגס און בין מיט איר געגאַנגען איבער די פאַרשנייטע וואַרשעווער גאַסן, אַלץ איז געשלאָפן נאָך די סילוועסטער־פאַרוויילונגען.

דער וואַרשעווער פּוילישער אויפשטאַנד האָט אונדז צעטיילט. פיר וואָכן, טאָג נאָך טאָג האָב איך געזוכט אַ וועג צו איר. ס׳האָט זיך אַלץ געענדיקט מיט גאָרנישט.

די דייטשן האָבן אויפן קרייץ־וועג וואַרשע—זשאַליבאָזש אַוועקגעשטעלט אַ געפּאַנצערטע באַן. כ׳האָב אָבער געגלייבט, אַז כ׳וועל זי נאָך טרעפן אַ לעבעדיקע.

דעם ערשטן טאָג נאָך דער באַפרייונג בין איך, ווי אין אַ הייליקן עולי־רגל, אַוועק קיין זשאַליבאָזש.

כ׳בין געגאַנגען מיט שרעק און האָפענונג — געטראָפן האָב איך — די מיט כבוד איבערגעריסענע לעבנס.

וו. מאַשראַך

דער קבר פון דריי העלדן

געווען ביי אונדז משפחה פון בלוט און משפחה פון געדאַנק, וועלכע זענען אונדז געווען ליב און טייער, וועלכע מיר האָבן געערט מיט דעם גרויסן געפיל פון דרך־ארץ און באַוווּנדערונג. דאָס, וואָס איז פון זיי פאַרבליבן, דאָס איז דער ברודער־קבר פון דריי חברים, וואָס האָבן צוזאַמען געשפּרייזט אין לעבן, אין קאַמף און געפאַלן ווי העלדן. זייערע מאַסאַקרירטע קערפּערס ליגן צוזאַמען אויפן געגנשער בית־עולם אין וואַרשע. זייער קבר ווערט פאַר אונדז אַ סימבאָל, דורך זיי הייליקן מיר דעם אָנדענק פון אַלע.

„דאָ רוען אונדזערע העלדן: „פּאָלאַ, הערשל, אליהו".

*

נאָך דעם געטאָ־אויפשטאַנד, אין וועלכן זיי האָבן זיך באַטייליקט, געווען פון די ערשטע, פון די, וואָס האָבן אָנגעפירט, געווען צווישן די באַגייסטערער, וועלכע האָבן געהאָלפן וועקן דאָס ווירדע־געפיל ביי די אין אומגליק דערשלאָגענע געטאָ־מענטשן — האָבן זיי זיך אויך באַטייליקט, שוין אָפגעראַטעוועטע, אין צווייטן, אין אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד.

און ווען וואַרשע האָט געברענט פון אַלע זייטן, האָבן זיי נאָך אין זשאָליבאָזש פאַרטיידיקט די לעצטע פּאָזיציעס און נישט ווייט פון זייער בונקער זענען זיי געפאַלן.

*

העלדן — אַ כישוף־וואָרט. דאָס זענען דאָך די, וועגן וועלכע אונדזער פאַנטאַזיע וועבט אויס אַ הערלעכע וויזיע, וואָס רייסט אונדז מיט, אונדז ווערט ליכטיקער. מיר ווערן געשטאַרקט אין אונדזער ווילן און מוט. די וויזיע וועגן זיי באַלייכט אונדזער טונקלקייט. זיי וואַקסן פאַר אונדז אויס שענער, שטאַרקער,

גרעסער, ליכטיקער, גאַנצער! יאָ! גאַנצער טאַקע און דערצו איז נישט יעדער זוכה.

מען קען נישט זאָגן, אַז די העלדישקייט איז אַ צופעליקייט. ביי אונדזערע דריי העלדן איז אויך נישט אַזוי. יעדער פון זיי האָט די העלדישקייט אויסגע־טראָגן אין זיך לאַנג.

פ אַ ל אַ ע ל ס ט ע ר — אַ הויכע, אַ טונקל־ברוין פּנים, שוואַרצע סאַמעט־האָר. איר בליק אַ שאַרפער. איר אויג האָט זיך טייל מאָל געמרוזשעט. דאָס איז געווען אַ טיפער אַריינדרינגען אין יענעמס טראַכטן, בכדי אים בעסער צו דער־קענען, וועלן פאַרשטיין, באַנעמען. איר קאָפּ געבויגן, ווי זי וואָלט זיך וועלן דערנענטערן צו די מענטשן נידעריקער פון איר, זיי בעסער צו דערהערן.

אַ שוויגערין. האָט זי געטראָגן אין זיך חכמה און געזאַמלט ווערטער, וואָס זאָל זי דערהייבן צו ווערן אַ פירערין פון יוגנטלעכע אַרבעטער און שטודירנדי־קער יוגנט. פון וואַנען זי איז געקומען — אויסגעוואַקסן איז זי צו אַ העלדין פון דער עפּאָפּייע: וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד!

ה ע ר ש ב ע ר ל י נ ס ק י — לאָדזש און לאָדזשער אומגעגנט האָבן אים גוט געקענט. ווו ער איז געקומען האָט מען געפילט זיין ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, אומעטום האָט ער געלאָזט הערן זיין עקשנותדיק וואָרט, וואָס האָט פאַרמאָגט פעסטקייט און איבערצייגונגס־כוח. שטענדיק אין קאַמפס־גרייטקייט — שטענדיק האָט ער געקעמפט.

אַ זון פון באַלוט, דערצויגן אין סאַמע צענטער פון הונגער און אומצופרידנ־קייט, האָט ער זיך פויסט געביילט צו דער וועלט פון אומרעכט. זיין טראָט איז געווען אַ פעסטער, זיין קאָפּ — פאַרריסן דרייסט, אַזעלכע ווי ער, קענען זיין העלדן. זיי נעמען עס אויף זיך אַליין.

ווען איך האָב הערשלען געזען איין מאָל, שוין אין דער צייט פון מלחמה, אַ פאַרביטערטן, האָט ער מיט אַ פעסטער שטימע מיר געזאָגט: „אַזוי קען מען נישט לעבן, מען מוז עפּעס טאָן". אים האָט עס גערופן צו אַקטיווקייט, און ער האָט זיין יונג, שיין לעבן דערהויבן צו העלדישקייט!

א ל י ה ו ע ר ל י ך — אַ שטילער באַשיידענער טוער, אַ פּינקטלעכער אויס־פירער, אַ מענטש וואָס האָט זיך נישט געריסן אויף „הויכע טענער", אָבער אַז ער האָט זיך צערעדט, האָט פון זיינע ווערטער אַרויסגעלויכטן זיין טיפער גלויבן, מיט וועלכן ער האָט זיינע יונגע תלמידים איבערצייגט.

די יאָרן 1939—1944 האָבן אין אים אויפגעוועקט נייע כוחות. ער איז געווען איינער פון די, וועלכע האָבן מיט זייער דרייסטקייט מיטגעשלעפּט אַנדערע. ער

דריי

האָט זיין לעבן פאַרלוירן ווי אַ העלד. ער איז אומגעקומען פאַר זיין שיינעם חלום, פאַר זיין אידעע, פאַר יידישקייט!

*

דריי העלדן זענען זיי געווען. צוזאַמען האָבן זיי געשפּינען אַ שיינעם טרוים פון אַ גערעכטער וועלט. צוזאַמען האָבן זיי געלעבט אין קאַמף אין וואַרשעווער געטאָ, צוזאַמען געפאַלן אין קאַמף פאַר יידישער ווירדע, פאַר אַ פריי לעבן אויף דער וועלט!

מיט שטאָלץ און יראת־הכבוד דערמאָנען מיר זיי און דורך זיי, וואָס זייערע נעמען ווערן דערהויבן צו אַ סימבאָל — אַלע אונדזערע נאָענטע, וועלכע זענען אַזוי טראַגיש אומגעקומען.

כבוד זייער ליכטיקן אָנדענק!

יעקב קענער

פּאָלאַ עלסטער

פּאָלאַ עלסטער איז נישט קיין אומבאַקאַנטער נאָמען. סיי אין די פּאַרשידענע ראַפּאָרטן פון דער אונטערערדישער יידישער באַוועגונג, סיי אין דער פּרעסע פונעם באַפרייטן פּוילן, איז איר נאָמען שוין אַ סך מאָל דערמאָנט געוואָרן אַלס קעמפערין און העלדין פונעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אינעם יאָר 1944.

פּאָלאַ עלסטער איז צום סוף פון יאָר 1926, צוזאַמען מיט אַ גרעסערער גרופּע גימנאַזיסטן, געקומען צו אונדז פון „השומר־הצעיר" און זי איז באַלד דערפאַר „באַלוינט" געוואָרן פון רעאַקציאָנערן רעזשים מיט צוויי חדשים זיצן אין דער „פּאַוויאַק"־תפיסה דערפאַר, ווייל זי האָט פאַרן אַרויסגאַנג פון אַ מיטל־שול פונאַנדערגעטיילט אַן אומלעגאַלן אויפרוף פון דער פּועלי־ציון־יוגנט, אין וועלכן די שול־יוגנט איז גערופן געוואָרן צו פייערן דעם אינטערנאַציאָנאַלן יוגנט־טאָג.

אַרויסקומענדיק פון תפיסה האָט זיך פּאָלאַ עלסטער מער נישט אומגע־קערט אין שולע אַריין, נאָר זי איז געוואָרן אַן אַרבעטערין און אָנגעהויבן איר דערציערישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייט אין די ראַמען פונעם מיטלשילער־פאַרבאַנד „דער פרייער שומר". פון יענער צייט אָן האָט מען זי טאָג־איין טאָג־אויס באַגעגנט אין אַלע פּאַרטייאישע טעטיקייטן. ווי אַ באַוועגלעכע סטאַטוע פון אַ גריכישער געטין, האָט זי געשוועבט אין די אָוונט־שעהן — אַמאָל אין „פרייען שומר" און אַמאָל אין די קלוב־צימערן פונעם „יונג־באָר" — געבנדיק אינ־סטרוקציעס, פירנדיק שמועסן פאַר באַזונדערע קרייזן און נאָך אַלעמען געלאָפן אין פּאַרטיי־לאָקאַל אויף אַ פאַרזאַמלונג פון „אַקטיוו", אָדער סתם זיך צו אינפאָר־מירן וועגן די געשעענישן אינעם לעבן פון דער פּועלי־ציון־משפּחה.

אַזוי איז, כמעט אומבאַמערקט, פון דער יונגער גימנאַזיסטקע אויסגעוואַקסן אַן ערנסטע און רייפע אַרבעטער־טוערין, מיט גרויסע פּעדאַגאָגישע פעיקייטן,

מיט פּאָליטישן שווונג און מיט נאָך גרעסערע באַגערן פאַר געזעלשאַפטלעכער עקספּאַנסיע. פּאָלאַ איז אין דער אַרבעט גייסטיק געוואַקסן און זי פאַרנעמט פון יאָר צו יאָר אַלץ העכערע פּאָזיציעס. זי ווערט אַ מיטגליד פונעם וואַרשעווער פּועלי־ציון־קאָמיטעט, גייט אַריין אין צענטראַלן יונגבאַר־סעקרעטאַריאַט, ווערט אויסגעקליבן אַלס דעלעגאַטקע צו די פּאַרטיי־צוזאַמענפאָרן און ווערט די אָנער־קענטע פירערין פון דער „פרייער שומר“־באַוועגונג.

אַזוי איז דאָס געווען ביז סעפּטעמבער 1939. שפּעטער, אונטער דער בלוטי־קער נאַצישער אָקופּאַציע, ווערט זי פונעם אונטערערדישן צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי באַשטימט אַלס אָנפירערין פון איינער פון די 5 קיכן, וואָס פּועלי־ציון האָט אין יענע יאָרן פאַרמאָגט און וועלכע האָבן גלייכצייטיק געדינט ווי צענטערס פון דער אונטערערדישער פּאָליטישער טעטיקייט. נאָך שפּעטער, ווען די דייטשישע מערדער האָבן אָנגעהויבן דורכצופירן זייערע ליקווידיר־אַקציעס און עס זענען כסדר שיטערער געוואָרן די רייען פון אונדזערע חברים, איז פּאָלאַ עלסטער געוואָרן, צוזאַמען מיט הערש בערלינסקי, די נשמה פונעם וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. פון דעמאָלט אָן באַגעגענען מיר אָפט איר נאָמען אין די געהיימע באַריכטן, וואָס די וואַרשעווער חברים פלעגן אַרויסשיקן פון פוילן. זי רעפּרעזענטירט די לינקע פּועלי־ציון־פּאַרטיי אין די פאַרשידענע בשותּפותדיקע קאָמיסיעס פונעם אונטערערדישן „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט“, נעמט גאָר אָן אַקטיוון אָנטייל אין די צוגרייטונגען צום וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און ווערט אויך די פאַרשטייערין פון לינקע פּועלי־ציון אינעם גע־היימען וואַרשעווער שטאַטראַט.

נאָך דער בלוטיקער ליקווידאַציע פונעם אויפשטאַנד ווערט זי דעפּאָרטירט קיין פּאָניאַטאָוו,[1] פון וואַנען די אונטערערדישע באַוועגונג ראַטעוועט זי אַרויס און אָרדנט זי איין אינעם אַרישן קוואַרטאַל פון וואַרשע, ווו זי לעבט אַלס „אַריע־רין“ און פירט אויס די פונקציע פון אַ „קוריער“, אַ פאַרמיטלערין, צווישן דעם צענטראַל־קאָמיטעט און די אַרבעט־לאַגערן אויף דער פּראָווינץ. אַלס פאַרשטעלטע קריסטין פירט זי פונאַנדער צווישן די געהיימע אָנפיר־קאָמיטעטן אין די פּראָווינ־

[1] אַ קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגער אין דער געגנט פון לובלין. דאָרט אַהין זענען אין די טעג פון געטאָ־אויפשטאַנד פאַרשיקט געוואָרן אַן ערך 15 טויזנט יידן פון וואַרשע. די לאַגעריסטן זענען באַשעפטיקט געוואָרן אין די דאָרטיקע טעבענס־אונטערנע־מונגען. אין לאַגער איז טעטיק געווען אַ געזעלשאַפטלעכער קאָמיטעט און אַן אָפּטיילונג פון דער יידישער קאַמפּסאָרגאַניזאַציע, וואָס אין זיין שפּיץ איז געשטאַנען דער פּ.צ. חבר מלך נייַנקינד. דעם 5טן נאָוועמבער 1943, פאַרטאָג, איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן דורך די דייטשן, וואָס האָבן אין משך פון דריי טעג אויסגעמאָרדעט אַלע יידן. די יידן האָבן אונטערגעצונדן די סקלאַדעס. בלויז געציילטע איז געלונגען צו אַנטלויפן.

צער געטאָס און שקלאַפן־לאַגערן, די פינאַנסיעלע הילף און ברענגט פון דאָרט צוריק די ידיעות וועגן דער צער און פיינפולער וועגעטאַציע פון די יידישע אַרבעט־שקלאַפן.

אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זי כסדר מצליח געווען. איר אויסערלעך גריכישער אויסזען, איר האַלטונג, איר פּערפעקט באַהערשן די פּוילישע שפּראַך און אירע אַרישע דאָקומענטן, האָבן זי געשיצט און געזיכערט פון אַ דורכפאַל. איר איז אָבער נישט באַשערט געווען צו דערלעבן די באַפרייונג פון נאַציישן יאָך. און אפשר האָט זי שוין מער נישט געשטרעבט צו פערזענלעכער באַפרייונג? האָט זי דאָך מיט די אייגענע אויגן צוגעזען דעם גרויסן חורבן פון פּוילישן יידנטום און איינגעזאַפּט אין איר טעמפּעראַמענטפולן וועזן די העכסטע באַגערן פון בלוט־טיקער נקמה — טאָ ווי האָט זי געקענט שטיין מן־הצד, ווען עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן דער וואַרשעווער אויגוסט־אויפשטאַנד, בעת די רויטע אַרמיי איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל פון שווער־געפּרוווטן וואַרשע? האָט זי טאַקע, צוזאַמען מיט אירע נאָענסטע קאַמף־חברים פון די לעצטע עטלעכע יאָרן, גענומען דאָס געווער אין האַנט, כדי כאָטש אינעם לעצטן מאָמענט, קילן איר נאַציאָנאַלן שמערץ אינעם חיהשן בלוט פון די פאַרשאָלטענע דייטשן, און איז דערביי אַליין געפאַלן ווי אַ מוטיקע העלדין, ווי אַ פאַרווונדעטע לייבעכע, וואָס האָט זיך נוקם געווען פאַר אירע אומשולדיק אומגעבראַכטע קינדער.

ד"ר ש. קירשענבוים

פּאָלאַ, די אָנפירערין פון „פרייען שומר" אין וואַרשע

פּאָלעס פּאָליטישע און פּאַרטיי־טעטיקייט האָט באַקומען איר בולטסטן אויס־דרוק אין דער צווייטער העלפט פון די דרייסיקער יאָרן פון אונדזער יאָרהונדערט. די דזאָזיקע יאָרן, ווען דער פאַשיזם האָט גענומען געוועלטיקן איבער דעם פּאָליטישן לעבן אין פּוילן, האָבן באַשאַפן באַדינגונגען, וואָס האָבן אַרויסגערוקט מענטשן פון אַ שטאַרקן כאַראַקטער מיט אויקריסטאַליזירטע אָנשויונגען אַזוי ווי ס׳איז געווען פּאָלאַ. אירע אייגנשאַפטן ווי אַ וואָרטזאָגערין, אַ פירערין און אַ וועגוויי־זערין פאַר אַנדערע, האָבן זי אַרויסגערוקט אין די פאָדערשטע שורות פון די לינקע פּועלי־ציון אין וואַרשע.

איר גלויבן אין דער סאָציאַליסטישער וועלט פון מאָרגן איז געווען אַן אומ־דערשיטערטער. זי האָט געגלייבט דערין מיטן גאַנצן ברען פון איר ברויזנדיקן און יונגן האַרץ. פאַר דעם איז זי גרייט געווען צו ברענגען יעדן קרבן. אַפילו איר לעבן וואָלט פאַר איר נישט געווען צו טייער, ווען מע וואָלט פון איר פאַר־לאַנגט, זי זאָל עס אָפּגעבן. פאַר איר איז געווען נאַטירלעך דאָס דאַרפן שטעלן זיך אויף באַריקאַדעס, כדי צו ברענגען דעם סאָציאַליזם מיטן כוח פון דער רעוואָלוציע. דעריבער האָט זי אַזוי ליב געהאַט דאָס ליד: „אויף באַריקאַדעס, אַרבעטער־פאָלק...". די רויטע פאָן, וואָס האָט באַגלייט די רעוואָלוציאָנערע קעמ־פער, איז געווען איר פאָן.

איר איז ליבער געווען די רעוואָלוציאָנערע אומלעגאַלע טעטיקייט ווי די אַרבעט אין לעגאַלע באַדינגונגען. כאָטש די לינקע פּועלי־ציון זענען אין פּוילן געווען אַ לעגאַלע פּאַרטיי, וואָס האָט געקענט אָנגיין אָפן מיט איר טעטיקייט, האָט פּאָלאַ אָנגעפירט די אַרבעט פון „פרייען שומר", וואָס אין זיין שפּיץ איז זי געשטאַנען און וואָס איז געווען אַן אָרגאַניזאַציע פון שילער־יוגנט ביי דער פּ.צ.־פּאַרטיי, אין באַדינגונגען פון אומלעגאַליטעט. האַלטנדיק, אַז אַן אָרגאַני־זאַציע פון שילער־יוגנט איז אין פּוילן געזעצלעך פאַרווערט, האָט פּאָלאַ נישט

געזוכט קיין געלעגנהייט אָנצוגיין מיט לעגאַלע טעטיקייטן פון „פרייען שומר״. די אונטערערדישע טעטיקייט האָט דער דאָזיקער באַוועגונג צוגעגעבן אַ כאַראַק־טער פון רעוואָלוציאָנערישקייט. דאָס צוגרייטן אין געהיים די העקטאָגראַפירטע אויפרופן, דאָס פונאַנדערטיילן זיי צווישן די שילער, אויסמײַידנדיק די בליקן פון דער פּאָליציי, די סכנה דערביי געכאַפּט און אַרעסטירט צו ווערן — דאָס אַלץ האָט איינגעהילט די טעטיקייט פון „פרייען שומר״ אין אַ רעוואָלוציאָנערן לבוש. פּאָלאַ איז שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס זי איז אַרעסטירט געוואָרן בעת זי האָט פּאַרטיילט ערשטע־מאַי־אויפרופן פון דעם „פרייען שומר״ און דער וואָזשני פון דער שולע האָט זי איבערגעגעבן אין די הענט פון דער פּאָליציי.

די אָרגאַניזאַציע פון „פרייען שומר״ ביי דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי איז געגרינ־דעט געוואָרן דורך יוגנטלעכע, וואָס האָבן פּאַרלאָזן דעם „השומר הצעיר״ אין וואַרשע. פּאָלאַ האָט אין איר טעטיקייט איבערגענומען שומרישע און סקויטישע אָרגאַניזאַציע־מעטאָדן. זי האָט זיך אָבער דערמיט נישט באַנוגנט. זי האָט געוואָלט אויפשטעלן ביי דער פּאַרטיי אַ מאַסן־אָרגאַניזאַציע פון דער שול־יוגנט, וואָס זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע לאַנד. דעריבער האָט זי צום נאָמען „פרייער שומר״ נאָך צוגעגעבן די באַצייכענונג „אָרגאַניזאַציע פון דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט״. זי האָט געגלייבט, אַז די אינטערעסן, די כאַראַקטער־שטריכן, דער אינטעלעקטוע־לער ניוואָ, דער אופן פון רעאַגירן פון דער שול־יוגנט, פאַרלאַנגען אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. דעריבער איז אויך אין דער דאָזיקער אָרגאַניזאַציע אויפגעהיט געוואָרן אַ הויכער קולטורעלער ניוואָ, וואָס האָט פאַרלאַנגט פון די מיטגלידער צו זאָרגן פאַר זייער אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און פאַר דעם, אַז זיי זאָלן באַהאַוונט זיין אין פּראָבלעמען פון פּאָליטיק, קונסט, ליטעראַטור, סאָציאַלע וויסנשאַפטן, זיי זאָלן די קעגנשטאַנדן גרינטלעך שטודירן און קענען.

פּאָלאַ איז דערצויגן געוואָרן אויף דער פּוילישער קולטור. זי האָט אויסגע־צייכנט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך און גוט געקענט די פּוילישע ליטעראַ־טור. זי האָט פאַרמאָגט אַ פּרעכטיקן פּוילישן סטיל אין וואָרט און אין שריפט. פּויליש איז געווען די אומגאַנג־שפּראַך צווישן די חברים פון „פרייען שומר״. פון דעסטוועגן האָט פּאָלאַ מקפיד געווען, אַז די אָרגאַניזאַציאָנעלע און קולטור־טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע זאָלן געפירט ווערן אין דער שפּראַך פון די יידישע מאַסן, אין יידיש. זי אַליין האָט געהאַלטן רעדעס אין יידיש און באַהערשט האָט זי די שפּראַך אָן קיין שום שוועריקייטן אויסצודריקן זיך.

דאָס וואָס זי איז געווען אַזוי פאַרוואָרצלט אין דער פּוילישער קולטור האָט איר לגמרי נישט געשטערט צו קענען די פּראָבלעמען פונעם יידישן אַרבעטער, דעם געדאַנקען־גאַנג פונעם יידישן פאָלקס־מענטש און צו געפינען אַ וועג צו זיין האַרץ. זי איז געווען שטאַרק אָנגעזען ביי די חברים און בי די אָנפירערס

פון פועלי־ציון, און כאָטש זיי האָבן נישט געהאַלטן אַזוי ווי זי, אַז ס'איז נייטיק אַ ספּעציעלע אָרגאַניזאַטאָרישע ראַם פאַר דער שול־יוגנט, איז זייער חברישע באַציונג צו איר געווען אַן אויסגעצייכנטע.

פאַלאַ האָט געגלייבט אין רעוואָלוציאָנערן סאָציאַליזם. זי האָט באמונה שלמה געגלייבט אינעם זיג פון פועלי־ציוניזם. ווען זי פלעגט אויסרופן דעם פּאַרטיי־רוף: „שטענדיק גרייט", פלעג זי דערמיט מיט דער פולער אויפריכטיקייט אויסדריקן איר גרייטקייט טעטיק צו זיין פאַר דער באַוועגונג. די דאָזיקע געטריישאַפט אירע צו דער באַוועגונג איז געוואָרן ביי איר דער כּוח, וואָס האָט צעגליט די הערצער פון אירע יונגע חניכים. מיט אירע שוואַרצע און פלאַמענדיקע אויגן פלעג זי אין אירע חברים פון „פרייען שומר" אָנצינדן דאָס פייער פון גלויבן און איינפלאַנצן די גרייטקייט מקריב צו זיין זיך. אין צייטן פון דערגרייכונגען פאַר דער באַוועגונג פלעג זי אין די הערצער פון אירע חברים אַרויסרופן פרייד, אין צייטן פון דורכפאַל און צוריקצוגן פלעג זי ביי זיי אַרויסרופן טרויער און צער. איר אָפּטימיזם איז אָבער תמיד געווען אַ כּוח, וואָס האָט צוזאַמענגענומען און געשטויסן צו מעשים.

איר עקסטרעמיזם אין איר באַציונג צו גײַסטיק־עלשאַפטלעכע פּראָבלעמען איז בולט געקומען צום אויסדרוק בעת זי פלעג אָפּשאַצן קולטור־ און קונסט־דער־שיינונגען. ליטעראַרישע, קינסטלערישע און וויסנשאַפטלעכע שאַפונגען פלעג זי אַנאַליזירן שטרענג מאַרקסיסטיש־מאַטעריאַליסטיש. די קולטור־שאַפונגען פלעג זי איינטיילן אין בירגערלעכע און פּראָלעטאַרישע. אַלע בירגערלעכע שאַפונגען זענען פאַר איר געווען פּסול, און זי פלעג זיי פאַראורטיילן. דאַקעגן זענען אַלע פּראָלעטאַרישע שאַפונגען אין אירע אויגן געווען כּשר און האָבן פאַר־דינט מ'זאָל זיך מיט זיי פאַראינטערעסירן, מ'זאָל זיי שטודירן און אַרויסטראָגן וועגן זיי אַ מיינונג. דעריבער איז זי געווען שטאַרק באַהאַוונט אין דער סאָוויע־טישער ליטעראַטור (אין פּוילישע איבערזעצונגען) און אין דער פּוילישער פּראָ־לעטאַרישער ליטעראַטור. די פאַרשידענע וויסנשאַפטן האָבן זי בלויז אויף אַזוי פיל צוגעצויגן, אויף וויפל זיי האָבן פאַרמאָגט אין זיך עלעמענטן, וואָס האָבן געקענט באַפעסטיקן איר סאָציאַליסטישע וועלט אָנשויונג. זי האָט זיך אינטע־רעסירט מיט עקאָנאָמיע, מיט שטאַט־וויסנשאַפטן און מיט די פּראָבלעמען אין די נאַטור־וויסנשאַפטן, וואָס האָבן געקענט באַגרינדן איר מאַטעריאַליסטיש־מאַרקסיסטישע פילאָזאָפיע.

שפּורן פון דעם דאָזיקן צוגאַנג אירן האָבן זיך געלאָזט פילן אין דער קולטור־טעטיקייט פון „פרייען שומר". די רעפעראַטן און דיסקוסיעס אין די קרייזלעך און אויף די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען זענען פאָרגעקומען אויף טעמעס, וואָס האָבן געהאַט פאַר אַ ציל צו באַגרינדן די וועלט־אָנשויונג פון דער פועלי־ציון־

באַוועגונג. דער לערן־פּראָגראַם פון דער אָרגאַניזאַציע האָט געדאַרפט איינפלאַנצן אין די חניכים פון פאָרויס באַשטימטע ווערטן און פרינציפּן. ס׳איז נישט מעגלעך געווען קיין אָפּנייג פון אָט דער הויפּט־ליניע.

אויך צו איר אייגענער סביבה האָט זי זיך באַצויגן לויט פרינציפּן פון עקס־טרעמקייט. נישט געווען ביי איר קיין מיטל־וועג אין איר באַציונג צו אירע באַקאַנטע: זי פלעג אָפּשטויסן די, וואָס זענען איר נישט געווען סימפּאַטיש און פלעג דערנענטערן די, וואָס זענען איר געווען צום האַרצן. זיי האָט זי געשאָנקען די גאַנצע וואַרעמקייט פון איר האַרצן און איר פולן צוטרוי. אירע חניכים־פריינט פלעגן אַרויסלייגן פאַר איר אַ רייכן צעטל פון פּראָבלעמען, וואָס האָבן געפּייניקט די יידישע יוגנט אין פּוילן, וואָס האָט געלעבט אונטערן דרוק פון דער פּוילישער פיינטלעכער און אַנטיסעמיטישער געזעלשאַפט. די דאָזיקע יוגנט איז געווען באַרויבט אי פון אָנשטענדיקע לעבנס־באַדינגונגען אין דער קעגנוואַרט, אי פון אַ האָפענונג צו געפינען אַ בעסערע צוקונפט אין דעם דאָזיקן פאַשיסטיש־אַנטי־סעמיטישן פּוילן. אין פּוילן פון סוף פון די דרייסיקער יאָרן האָט דער ברוטאַלער אַנטיסעמיטיזם געבושעוועט אין די גאַסן. ער איז דערגאַנגען צו זיין עקסטרעמען אויסדרוק אינעם פּאַגראָם אין פּזשיטיק, וואָס האָט פולשטענדיק חרוב געמאַכט דאָס יידישע לעבן אין דעם דאָזיקן שטעטל. אָבער פּאַראַלעל מיט דעם דאָזיקן ברוטאַלן אַנטיסעמיטיזם איז אָנגעגאַנגען אַ שטילער אַנטיסעמיטיזם, אַ ווירט־שאַפטלעכער, וואָס האָט סיטעמאַטיש באַרויבט די יידן פון זייערע פּרנסות.

פּאָלאַ האָט גוט געקענט די פּראָבלעמען פון אירע חניכים, די חברים פון דעם „פרייען שומר״, די תלמידים פון די מיטל־ און פּראָפעסיאָנעלע שולן, וואָס זייער צוקונפט איז געווען איינגעהילט אין אַ טיפן נעפּל. אַ דאַנק אירע אייגנ־שאַפטן און איר כאַראַקטער, האָט פּאָלאַ פאַרמאָגט אַ זעלטענע מעגלעכקייט צו זאַמלען אַרום זיך די דאָזיקע יוגנט. איר פריינטשאַפט צו זיי האָט נישט געהאַט קיין גרענעץ. מיט איר גרויסער ליבשאַפט צו אירע חניכים איז זי געווען פאַר זיי אַ מאַמע, אַ דערציערין, אַ וועגווייזערין. זי האָט פאַרמאָגט דעם כוח זיי צו דער־מונטערן און צו שטאַרקן זייער גייסט אין די דאָזיקע טעג פון נויט און פון קריזיס.

אירע חניכים פלעגן פאַר איר אָפן אַרויסברענגען זייערע מענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס זענען געווען צאָלרייך און פאַרשידנאַרטיק. די דאָזיקע יוגנט־לעכע, אין עלטער פון רייף ווערן, האָבן אויך איבערגעלעבט אינערלעכע גייס־טיקע קריזיסן פון זייער עלטער און האָבן זיך געפונען אין כסדרדיקן סכסוך און געשפּאַנטקייט מיט זייערע היימען, מיט זייערע עלטערן. דער רוב פון די בחורים און מיידלעך פון „פרייען שומר״ זענען געקומען פון קליינבירגערלעכע היימען, ווו דער טראַדיציאָנעלער לעבנס־שטייגער האָט זיך אויפגעהיט אין משך פון דורות. דער וועג פון די קינדער איז נישט געווען צום האַרצן פון די טאַטעס

און מאַמעס. די תורה פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע און פון דער ציוניסטישער פאַרווירקלעכונג, און גאַר ספּעציעל דער מאָדנער סינטעז פון ציוניזם מיט רעוואָלוציע, אַזוי ווי די לינקע פּועלי־ציון האָבן אים אַרויסגעבראַכט, האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף דער קעגנערשאַפט און פיינטשאַפט פון אַ סך עלטערן. פאַלאַ האָט געמוזט שטיין ביי דער זייט פון די צעטומלטע יוגנטלעכע, כדי זיי צו שטאַרקן אין זייער געראַנגל מיט די עלטערן און מיט זייער נאָענטער סביבה.

איר חברישע און האַרציקע באַציונג צו אירע חברים און חניכים האָט זיך איבערגעטראָגן צו די חברים פון דער באַוועגונג. אַ דאַנק איר איינפלוס האָט צווישן די חברים פון „פרייען שומר״ געהערשט אַן אַטמאָספער פון פריינטשאַפט און חברישקייט. אַזוי ווי די צאָל חברים האָט נישט איבערגעשטיגן עטלעכע צענדליק, איז צווישן זיי אַנטוויקלט געוואָרן אַ גייסט פון אַ קליינער משפחה, אין וועלכער די זאָרגן און די פריידן פון יחיד זענען געוואָרן די זאָרגן און די פריידן פון כלל. אין פאַל פון אַ קריזיס אָדער אַ נויט, פלעג אַ חבר באַקומען די אויס־געשטרעקטע האַנט פון אַלע זיינע געטרייע חברים.

פאַלאַ איז געווען אַ געטרייע טאָכטער פון איר משפחה. זי האָט ליב געהאַט אירע עלטערן און האָט אַרויסגעוויזן אַ באַזונדערן אינטערעס צו איר יינגערער שוועסטער. אין די טעג פון נויט האָט זי ספּעציעל געהאַלטן פאַר איר חוב צו זאָרגן פאַרן אויסהאַלט פון דער שטוב. דעם דאָזיקן חוב האָט זי דערפילט אַזוי ווייט, אַז זי האָט אָנגענומען אַרבעט אין די איבערשעהן, ווי אויך אין די רו־טעג, כדי צו פאַרגרעסערן אירע פאַרדינסטן. געטאָן האָט זי עס מיט אַן איינגעהאַל־טענעם ווייטיק, מחמת דאָס פאַרגרעסערן אירע אַרבעט־שעהן האָט ביי איר צוגערויבט די מעגלעכקייט צו לייענען און שטודירן, וואָס דער פאַרלאַנג און די באַדערפעניש דערצו האָבן אַזוי טיף אין איר געשטעקט. אַזוי אַרום האָט זי, צו איר גרויסן באַדויערן, נישט געקענט רויק נאָכפאָלגן די רייכע פראַלעטאַרישע ליטעראַטור, וואָס איז דעמאָלט, אין די שפּעטע דרייסיקער יאָרן, דערשינען אין פוילן. זי האָט אָבער דאָך נישט מותר געווען אויפן לייענען. זי פלעג פאַרברויכן דערצו די נאַכט־שעהן אין באַדינגונגען פון פיזישער אויסגעמאַטערטקייט.

זי האָט שטאַרק געוואָלט פאַרזיכערן דער שוועסטער אירער די מעגלעכקייט צו פאַרענדיקן איר לערנען און זיך צו דערוואַרבן בילדונג, זייענדיק אין גאַנצן פריי פון דאגות פרנסה. זי האָט געשטרעבט איינצופלאַנצן אין איר די אידעאַלן און לעבנס־געוווינהייטן, וואָס פאַר זיי האָט זי זיך געווידמעט אין „פרייען שומר״ און אין וועלכע זי האָט געזען די קענצייכנס פון דעם נייעם מענטשן פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

פאַלאַ האָט בדרך כלל נישט אַרויסגעבראַכט פאַר דער עפנטלעכקייט אירע געדאַנקען, וואָס שייך איר עווענטועלער עליה קיין ארץ־ישראל. זי איז געווען

אָנגעשטעקט מיט דער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס האָט געפּרעדיקט, אַז מע דאַרף קעמפן אויף די ערטער און האָט פאַרגעשטעלט די עליה ווי אַן אַנטלויפן פון פראָנט. זי האָט געוואַרט אויפן טאָג, ווען ס'וועט איינגעפירט ווערן די סאָ־ציאַליסטישע אָרדענונג אין דער וועלט און ווען דאָס יידישע פאָלק וועט באַנייען זיין לעבן ביי זיך אין לאַנד. און דאַן, האָט זי געהאָפט, וועט קומען אויך איר טאָג עולה צו זיין אין סאָציאַליסטישן ארץ־ישראל. פון צייט צו צייט אָבער פלעג מען פון איר דאָך הערן, אַז אפשר וועט זי עולה זיין קיין ארץ־ישראל. זי האָט גוט געקענט אַלע גרויסע שוועריקייטן, וואָס זענען איר געשטאַנען אין וועג צו איר פערזענלעכער עליה. זי האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך צו באַפרייען זיך פון אירע פאַרפליכטונגען לגבי איר משפחה און לגבי איר באַוועגונג. וואָלט זי פאַרן אומגליק דאָך אַוועק פון איר געבוירן־לאַנד און פון איר פוילישער סביבה און וואָלט עולה געווען קיין ארץ־ישראל, וואָלט זי זיך אָן שום ספק דאָ דער־וואָרבן אַ צענטראַלע שטעלונג אינעם געזעלשאַפטלעכן און פאָליטישן לעבן. איר ריינער מענטשלעכער געוויסן, אירע הויכע געזעלשאַפטלעכע אידעאַלן און איר גרענעצלאָזע געטריישאַפט וואָלטן זיך אַנטפּלעקט ווי די טייערסטע בוי־שטיינער אינעם בוי פון אונדזער נייער געזעלשאַפט.

דער טויט פון פאָלאַ עלסטער איז ראשית־כל אַ שרעקלעכער פאַרלוסט פאַר אירע חברים און פריינט, וואָס האָבן אין איר געפונען אַ האַרץ פול מיט ליבשאַפט און פאַרשטענדעניש, אַ קלוגע און אַ געטרייע עצה־געבערין אין יעדן שווערן און פאַרוויקלטן פאַל, אין וועלכן אַ מענטש האָט געקענט אַריינגעצויגן ווערן.

הערש וואַסער

פּאָלאַ עלסטער

מיינע ערשטע באַגעגענישן מיט פּאָלאַ עלסטער זענען געווען אין וואַרשע אין די ראַמען פונעם „פרייען שומר“, דער שילער־אָרגאַניזאַציע ביי דער פּועלי־ציון־פּאַרטיי, וואָס האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין יאָר 1925. מיר זענען נישט געווען אין איין גרופּע, אָבער אויף זומער־קאָלאָניעס (איינע פון זיי אין קוזמיר ביי דער ווייסל) פלעגן מיר זיין צוזאַמען. אונדזערע אינסטרוקטאָרן — העניעק דראַבקין (היינט אין ישראל), צאַלעל, קראָל און מענדל וואַרשאַוויאַק (היינט אין ישראל), האָבן די פרייע שומרים דערצויגן אין גייסט פון רעוואָלו־ציאָנערן פּועלי־ציוניזם און פּאָליטישן אַקטיוויזם.

פּאָלאַ עלסטער האָט שנעל אַוואַנסירט, פריער אין דער „יוגנט“ און שפּעטער אין דער פּאַרטיי. זי האָט פאַרמאָגט יענע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, וואָס אָנפירער באַזיצן: ערנסטן אָפּטימיזם, רעאַליסטישן אופן פון דענקען, אויספיר־פעיקייטן, ליבע צום פאָלק און דעם זעלטענעם כוח זיך צו קענען באַהעפטן מיטן פאָלק אין זיינע פריידן און ליידן.

אין דעצעמבער 1939, ווען איך בין מיט מיין פרוי, בלומע, אַנטלאָפן פון לאָדזש קיין וואַרשע, האָבן מיר אויפסניי אָנגעהויבן זיך צו טרעפן מיט פּאָלען — דאָס מאָל איז אַ גאָר גאָר אַנדערער ווירקלעכקייט, אין אַ ווירקלעכקייט פון נאַצי־טעראָר און פון הונגער.

די פאָלקס־קיך, ווו פּאָלאַ איז געווען די לייטערין, די קיך אויף עלעקטאָ־ראַלנע 14, איז אַ דאַנק איר אויסגעוואַקסן צו אַ גרויסער אינסטיטוציע. צו די „קאָנסומענטן“ פון דער קיך האָבן געהערט אַחוץ די צוגעטיילטע נצרכים אויך די פּ.צ.־חברים, וואָס זענען פאַרוואָגלט געוואָרן קיין וואַרשע און האָבן זיך דאָ אין געטאָ געפונען נע ונד און אָן מאַטעריעלע מיטלען. אַלע האָבן אין דער קיך און אין איר לייטערין — פּאָלען — געפונען אויפמערקזאַמקייט, מיטלייד און הילף אין פשוטסטן זין פון וואָרט. וועגן פּאָלעס הילף־גרייטקייט און וועגן דעם

„ווי אַזוי” זי פּלעג עס אַרויסווייזן, וואָלט זיך געלאָזט אַ סך שרייבן און דאָס וואָלט נאָך בולטער געמאַכט איר געשטאַלט פון אַ גוטן און איידעלן מענטש. די קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14 איז געווען אויך אַ פּאַרטייאישער צענטער. פּינקט־לעכער געזאָגט — דער פּאַרטייאישער צענטער פון די לינקע פּועלי־ציון. טרע־פונגען, זיצונגען, באַראַטונגען און פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פלעגן דאָרט פּאָר־קומען און ס׳קען אָן אַ גוזמא געזאָגט ווערן, אַז אַלץ איז באַהויכט געווען פון פּאָלעס פּערזענלעכן חן און ערנסט.

כ׳געדענק, ווי הײַנט, די ערשטע מאַי־פאַרזאַמלונג פון יאָר 1942, וואָס איז פאָרגעקומען אויף עלעקטאָראַלנע 14, און די פאַרזאַמלטע, וואָס האָבן נאָכגעזאָגט מיט כוונה און אמונה די ווערטער פון „אינטערנאַציאָנאַל” און פון דער פּועלי־ציון־שבועה, וואָס פּאָלאַ האָט געבראַכט די חברים. אין דער אַלגעמיינער אַטמאָס־פער פון מורא און פון אָנגעווייטיקטע האָפענונגען איז דאָ געקומען צום אויסדרוק דער רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס פון פּועלי־ציון־חברים, וואָס האָבן מיט געבײַלטע פויסטן און מיט פאַרקלעמטע הערצער אַרויסגעבראַכט זייער פּראָטעסט קעגן די נאַציס.

פּאָלאַ האָט זיך געפונען אין דער פּאָליטישער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי. זי איז געווען אַ מיטגליד פונעם צענטראַל־קאָמיטעט פון די לינקע פּועלי־ציון אינעם אָקופּירטן פּוילן.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ אין יולי 1942, איז מיר אויסגעקומען צו זיין צוזאַמען מיט פּאָלען אינעם „לאַנדאַו־שאָפּ”, אויף גענשע 42. O.B.W.[2] דער „לאַנדאַו־שאָפּ” האָט אָן שוועריקייטן אַריינגענומען אויף אַרבעט פּאָליטישע אַקטיוויסטן און זיי דערמעגלעכט איבערהאַלטן טעג און נעכט. צווישן אַנדערע האָט זיך דאָרט געפונען יוסף קאַפּלאַן פון „השומר הצעיר”, לעוואַרטאָווסקי, דער יידישער קאָמוניסטישער פירער, אברהם לעווין, פונעם אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו, אליהו גוטקאָווסקי פון פּ.צ.צ.ס., ד״ר נתן עק (הײַנט אין ישראל), פּאָלאַ עלסטער מיט איר שוועסטער בעלאַ („וואַנדאַ”), הערש בער־לינסקי, איך מיט מײַן פרוי און פיל אַנדערע.

מיר האָבן שפּעטער געוווינט צוזאַמען מיט פּאָלען אין איין בלאָק אויף מילע 52. אויף דער זעלבער גאַס האָט זיך געפונען דער צענטער פון יידישן אונטערערד. פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און איך פלעגן זיך טרעפן מיט פאַרשטייער פון אַנדערע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען — „השומר הצעיר” און פּ.צ. (צ.ס.) — און באַהאַנדלען פראַגן פון באַוואָפנטן אַנטי־נאַצי־קאַמף. דער וועג אין

[2] Ostdeutsche Bautischlerei Werkstätte.

געטאָ האָט אונדז צוזאַמענגעפּירט. כ׳האָב געקענט זיך צוקוקן צו די האַנדלונגען און טאָטן פון פאַלען טאָג־איין טאָג־אויס.

איבער דעם פחד און מענטשלעכער שרעק, איבער דער אַטמאָספער פון געשפּענסטלעכער מורא האָט זיך דערהויבן די געשטאַלט פון פאַלען — געזעצט, געפאַסט, רואיק, קאָנצענטרירט. כ׳געדענק נישט, זי זאָל ווען נישט איז האָבן געוויינט, זיך האָבן געקלאָגט אָדער אויף אַן אַנדערן אופן זיך האָבן איינגעבראָכן. אָט איז אין האַרבסט 1942 פאַרכאַפּט געוואָרן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ איר שוועס־טער בעלאַ („וואַנדאַ") און ס׳זענען נישט געווען קיין גרויסע האָפענונגען, אַז זי זאָל זיך אַרויסקריגן פון דער גאַז־קאַמער. פאַלאַ האָט געהאַנדלט ענערגיש. זי האָט אָבער נישט געוויינט. מיט חדשים שפּעטער — אין אַפּריל 1943 — איז פאַלאַ אַליין פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פּאָניאַטאָווער לאַגער, ווו אַלע אָן אויסנאַם זענען שפּעטער אויסגעהרגעט געוואָרן. פאַלאַ האָט אינעם לאַגער נישט פאַרלוירן איר גלייכגעוויכט און אַ דאַנק דעם האָט זי זיך פון דאָרטן אַרויסגעקריגן.

פאַלאַ מיט איר שוועסטער „וואַנדאַ" און מיין פרוי מיט מיר, זענען לויטן אויפטראַג פון דער פּאַרטיי אַריבער אויף דער אַרישער זייט. אונדזער „מעלינע" האָט זיך געפונען אינעם „אָפיצירן־הויז" אויף נאַלעווקעס 4, ביי אַ פּוילישער פרוי, האַלאַוואַ. נאָכן אָפּזיין עטלעכע טעג האָט פאַלאַ צוזאַמען מיט מיר געמוזט צוריקגיין אין געטאָ אויף אַ באַראַטונג. ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויפשטעלן נאָך צוויי קאַמפּס־גרופּן, וואָס איינע פון זיי האָט זיך געדאַרפט געפינען אונטער דער אָנפירונג פון אונדזער חבר מלך פיינקינד (מלך עסדעק), וואָס איז שפּעטער געווען איינער פון די מיליטערישע קאָמענדאַנטן אין פּאָניאַטאָווער לאַגער און איז דאָרט אומגעקומען.

די דעבאַטן זענען פאָרגעקומען שבת, דעם 18טן אַפּריל 1943, אינעם פּ.צ. קאַמף־קאָלעקטיוו אויף שוויענטאָיערסקע 32. די באַשלוסן זענען שוין אָבער נישט רעאַליזירט געוואָרן — אויף צומאָרגנס האָט זיך אָנגעהויבן דער גרויסער אויפשטאַנד.

שפּעטער האָבן מיר צוזאַמען געוואַנדערט אויף דער אַרישער זייט. פון אָנהייב האָבן מיר זיך אויפגעהאַלטן אויף אַ בוידעם ביים יידישן פּראַגער בית־עולם. שפּעטער אויף זשאָליבאָזש און צום סוף אויף דער קאָשציושקאָ־קאָלאָניע צווישן זשאָליבאָזש און פּאָוואָנזקי.

ס׳דאַרף געזאָגט ווערן, אַז פאַלאַ האָט נישט אויפגעהערט צו זיין טעטיק, נישט געקוקט אויף די סכנות, וואָס האָבן אונדז אַלע געדראָט, ווען אַפילו אַ שמייכל פון אַ קינד, ווען אַפילו אַ זון־שטראַל האָט געקאָנט אונדז ברענגען די נאַצי־תלינים. טראָץ די פּורעניותן, וואָס פאַלאַ איז שוין אויסגעשטאַנען, האָט

זי באַוויזן אויפצוהיטן איר מענטשלעכן כבוד און אַרויסווייזן אינטערעס צו די וועלט־געשעענישן.

איר טאָגבוך, וואָס איז געווען אַ זאַמלונג פון אַרטיקלען, געדאַנקען, באַמערקונגען און כראָניק האָט פּאָלאַ זייער אָפּגעהיט. טאָג־טעגלעך פלעג זי פאַרשרייבן בלעטער מיט אירע מחשבות און אויספירן, און וואָלטן אירע נאָטיצן זיך געווען אָפּגעהיט, וואָלטן מיר געהאַט אַ צייט־דאָקומענט פון קאָלאָסאַלן באַטייט.

אין אונדזער פּאַרטייאישן קאָלעקטיוו אויף סווואָלסקע 20 אויף דער קאָש־ציושקאָ־קאָלאָניע, צו וועלכן ס׳האָבן געהערט פּאָלאַ, הערש בערלינסקי, אליהו ערליך, מיין פרוי און איך, האָט זיך געפירט אַ זייער אינטענסיוו געזעלשאַפטלעך לעבן. מיר האָבן באַוווסטזיניק עלימינירט דעם פחד און געאַרבעט ווי ס׳וואָלט אָט־אָט געדאַרפט קומען די באַפרייונג. די דייטשישע פּרעסע, די אונטערערדישע ביולעטינען פונעם פוילישן אונטערערד פון אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען, פּראָבלעמען פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט, פונעם קאָאָרדיניר־קאָמיטעט, הילף־אַקציעס, בריוו־קאָנטאַקטן מיט יחידים און גרופּעס, וואָס האָבן זיך געפונען אין פאַרשידענע „מעלינעס״ אין וואַרשע, האָבן אונדז אַבסאָרבירט.

ווען פּאָלאַ („עוואַ״) איז געוואָרן פאַרבעטן אָנטיילצונעמען אין דער גרינדונג־זיצונג פונעם פוילישן אונטערערדישן נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט („קראַיאָוואַ ראַדאַ נאַראָדאָוואַ) אין דער נאַכט פון 31סטן דעצעמבער 1943 אויפן 1טן יאַנואַר 1944, האָט זי עס אויפגענומען ווי אַ גרויסע זכיה און כבוד, אָבער גליכצייטיק האָט זי דערין געזען די מעגלעכקייט אַרויסצוברענגען אין דער עפנטלעכקייט דאָס וואָרט פון די רעשטלעך פון די יידישע אַרבעטער אין פוילן.

ס׳איז געווען, ווי פּאָלאַ האָט עס אונדז געזאָגט, אַן אָנערקענונג פאַר די יידישע אַנטיפאַשיסטישע קעמפער, פאַר דעם רעוואָלוציאָנער־ציוניסטישן לאַגער און פאַר אַלע די, וואָס האָבן הויך געהאַלטן די פאָן פון יידישער ווערדע און פון קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף מיטן נאַצי־אָקופּאַנט.

פּאָלעס טויט — איר טויט, אין קאַמף קעגן די היטלעריסטן, מיט געווער אין האַנט — איז געווען אַ לאָגישע פאַרענדיקונג פון אַ רומפולן פּרק.

אַ טאָג פאַר איר טויט, דעם 25סטן סעפּטעמבער 1944 — איז אַנטדעקט געוואָרן איינער פון אונדזערע בונקערס. מיר זענען אַריבער אין אַ צווייטן. קיין גרויסער אויסוואַל פון מעגלעכקייטן איז נישט געווען. מיר האָבן געקענט גיין אָדער אין ברענענדיקן זשאָליבאָזש, אָדער מערב־צו צו די דייטשן. קיינער פון אונדז האָט זיך נישט געמאַכט קיין אילוזיעס. די שאַנסן פון איבערלעבן זענען געווען נישטיקע. פּאָלאַ האָט געזאָגט, אַז דאָס איינציקע, וואָס גיט איר צו מוט און רו, איז דער רעוואָלווער, וואָס זי האָט געהאַט, פּונקט אַזעלכער, ווי ס׳האָבן געהאַט הערש בערלינסקי און אליהו ערליך. דאָס ערגסטע איז נישט דער טויט.

מ׳נעמט אים אויף ווי אַ פֿאַקט. אָבער די מעגלעכקייט פֿון גערנאַגל מיט געווער אין האַנט גיט דעם זין פֿון לעבן און פֿון טויט. דעם דאָזיקן געדאַנק האָט זי נישט אַרויסגעבראַכט פּאַטעטיש און מליצהדיק. זי האָט די ווערטער געזאָגט רויק, אָבער מיט אינערלעכער איבערצייגונג. די, וואָס האָבן זי געקענט, ווייסן, אַז אירע ווערטער זענען געווען געמאָסטן און געוויגן. דער פּאַטאָס איז געווען אין זייער אינהאַלט און נישט אין די בלויזע ווערטער.

די שאָסן, וואָס האָבן זיך געטראָגן פֿון דערבייאיקן גערטנדל אין די פֿאַר־נאַכט־שעהן פֿון דעם 26סטן סעפּטעמבער 1944, האָבן עדות געזאָגט, אַז ס׳קומט פֿאָר אַ קאַמף צווישן די באַוואָפֿנטע פּאַרטיזאַנער פּאָלאַ, הערש און עלעק און דייטשישע זעלנער. איך און מיין פֿרוי האָבן דאַן „געהערט״ די שטילקייט פֿון טויט. קיין איינער פֿון די יידישע העלדן האָט נישט פֿאַראַטן זיין געווער. יעדער פֿון זיי איז געשטאַנען אין קאַמף מיט גבורה.

עטלעכע טעג שפּעטער האָט מען אונדז דערציילט אין דאָרף באַביצע, ביי וואַרשע, אַז ס׳איז פֿאָרגעקומען אַ לוויה פֿון עטלעכע דייטשע זעלנער, וואָס זענען געפֿאַלן אין קאַמף מיט פּאַרטיזאַנער. קיינער האָט דאַן נישט געוווסט, אַז די פּאַרטיזאַנער זענען געווען די פּועלי־ציון־חברים — אַנטינאַצי־קעמפֿער.

דער קליינער רעוואָלווער, וואָס פּאָלאַ האָט פֿעסט געהאַלטן אין האַנט, ווען זי האָט געשאָסן אין די הענקער, איז פֿאַרבליבן איינגעקריצט אין מיין זכרון ווי אַ טייל פֿון מיין אימאַזש וועגן אונדזער „עוואַ״.

איר קאַמף פֿאַר די רעכט פֿונעם יידישן אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אויס־געברייטערט אין אַ קאַמף פֿאַרן כבוד און פֿאַר דער צוקונפֿט פֿון יידישן פֿאָלק.

דאָס פֿאָלקס־פּוילן האָט די דריי העלדן באַערט מיט הויכע מיליטערישע אויסצייכענונגען און זיי איינגעאָרדנט אַ מיליטערישע לוויה.

באַשע בערמאַן

צוויי שוועסטער

(אַ קאַפּיטל פון קאַמף און מסירת־נפש)

ווי נאָר איך זעץ זיך אַוועק רויק און פאַרטראַכט זיך אַ ווײַלע, קומען אויפן זכרון אַזוי פיל בילדער, אַזוי פיל געשטאַלטן. פון אונטערבאַוווסטזײַן שווימט אַרויס די גאַנצע אויסגעשטאָרבענע וועלט, אַלע נאָענטע און טײַערע, און וועגן אַלע ווילט זיך דערציילן, אַלץ באַשרײַבן און מען ווייס באמת נישט פון וואָס אָנצוהייבן.

מען האָט שוין געשריבן וועגן העלדן פון באַוואָפנטן קאַמף. קיינער האָט אָבער נאָך נישט דערמאָנט די ציווילע העלדן, און וועגן צוויי פון זיי — די שוועסטער פּאָלאַ און בעלאַ עלסטער — וויל איך היינט שרײַבן.

וואָס פּאָלאַ איז אַמאָל געווען, דאַרף איך נישט דערציילן. אַלע מאָל איז זי געשטאַנען ביי דער אַרבעט, ווו זי איז נייטיק געווען. אַזוי איז אויך געווען בעת דער מלחמה. פיל יוגנט־טוער זענען אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד. פּאָלאַ האָט זיך באַמיט זיי צו פאַרטרעטן. אַחוץ איר ריין פּאַרטייאישער אַרבעט, האָט זי זיך, פּונקט ווי מיר אַלע, אַרײַנגעצויגן אין דער אַלגעמיינער הילפס־אַרבעט. די פּאָלקס־קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14, וואָס זי האָט אָרגאַניזירט, איז געווען איינע פון די בעסטע אין געטאָ אין די שווערע טעג.. ווען ס'האָבן אויסגעפעלט פּראָדוקטן און אַנדערע קיכן האָבן נישט אַרויסגעגעבן קיין מיטאָגן, איז פּאָלאַ אַזוי לאַנג אַרומגעלאָפן און אַרומגעפּאָרעט זיך, ביז זי האָט פּאָרט עפּעס אַרויסגעקראַצט און נישט געלאָזט אירע „קאָנסומענטן” אַוועקגיין הונגעריקע. די אויסגעהונגערטע, אומגליקלעכע, אָפט פאַרלייזיקטע פּליטים און סתם פאַראָרעמטע מענטשן האָבן געוווסט, אַז זיי קאָנען אין דער קיך נישט נאָר אָפּעסן, נאָר אויך אָנוואַרעמען זיך, אָפּרוען און פילן זיך ווי צווישן אייגענע. שוין אָפּגערעדט, אַז גוט און היימיש האָבן זיך ביי פּאָלען געפילט פּאַרטיי־חברים, פאַר וועלכע זי איז

געווען אַן אמתע שוועסטער. הגם די אַרבעט אין קיך האָט געדויערט פון 5—6 פרי ביזן שפּעטן אָוונט, האָט פּאָלאַ געהאַט צייט אויף אַלעם. אַחוץ אינערלעכע אַרבעטן האָט זי אויך אַלע מאָל רעפּרעזענטירט ווירדיק די פּאַרטיי אין אַלע צווישנפּאַרטייאישע אונטערהאַנדלונגען און אינסטיטוציעס.

ווען מיר ביידע, מיט בערמאַנען, זענען אַרויס אויף דער „אַרישער" זייט, כדי דאָרט צו אָרגאַניזירן די רעטונגס־אַרבעט, האָבן מיר קודם געוואָלט אַרויס־נעמען פּאָלען. ס׳האָט אָבער זייער לאַנג געדויערט. זי האָט נישט געוואָלט גיין, ווייל איר האָט זיך געדוכט, אַז צוליב איר נישט־„אַרישן" אויסזען וועט זי אונדז ווייניק קענען העלפן. דאַרף זי בעסער בלייבן אין געטאָ. נאָך לאַנגע אַמפּערנישן און צענדליקער טעלעפאָנען (דאָס פאַרבינדן זיך איז זייער נישט לייכט אָנגעקומען) איז זי ענדלעך אַרויס אויף אַ דירה, וואָס מיר האָבן צוגעגרייט. אין עט־לעכע טעג אַרום איז זי אָבער ווידער אַריין אין געטאָ פאַרשטענדיקן זיך מיט די חברים, איבערלאָזנדיק אונטער אונדזער שוץ איר יינגערע שוועסטער בעלאַ, וועמען מיר האָבן מיט איר אין איינעם געהאַט איינגעאָרדנט.

דערווייל איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד אין געטאָ און פּאָלאַ איז נישט צוריקגעקומען... אַ לאַנגע צייט האָבן מיר געטראַכט, אַז זי איז דעמאָלט אומגע־קומען. איר שוועסטער, וואָס האָט זיך, אגב, באַלד געשטעלט צו דער אַרבעט, איז שיר נישט משוגע געוואָרן. אין דער צווישנצייט האָט זי פאַרלוירן די וווינונג און זיך פּשוט אַרומגעוואַלגערט. פּלוצים איז אויף אַ געהיימען אַדרעס אָנגעקומען אַ קאַרטל, מען זאָל דער „קוזינקע אירענע" (מיר) מעלדן, אַז פּאָולינע געפינט זיך אויף קוראַציע אין פּאָניאַטאָוו. דאָס האָט געהייסן, אַז פּאָלאַ לעבט און געפינט זיך אין לאַגער.

איך וועל קיין מאָל נישט פאַרגעסן דעם מאָמענט, ווען איך האָב, זיצנדיק אין אַ קאַפע, אויף אַ זייער פאָרזיכטיקן אופן אָנגעזאָגט בעלען די גוטע בשורה. דאָס בלאַסע, פאַרטרויערטע מיידל איז עפּעס ווי אויסגעוואַקסן, אויפגעלויכטן. אַ פייער האָט זיך אָנגעצונדן אין אירע אויגן. זי האָט אויסגעזען, ווי ס׳וואָלטן איר צוגעקומען פליגל. אַזאַ באַגייסטערטע איז זי שוין פון דעמאָלט אָן געבליבן. און דאָ הייבט זיך אָן אַ קאַפּיטל וועגן דער העלדישער טעטיקייט פון בעלאַ עלסטער, וואָס גערופן האָט מען זי „וואַנדאַ".

מיט גרויס אָנשטרענגונג איז דעמאָלט געלונגען אַרויסצונעמען פּאָלען פון לאַגער. וועגן דער גאַנצער געלונגענער עפּאָפּייע, מיטן אָנטייל פון פּוילישן באַן־אַרבעטער טעאָדאָר, וועל איך אַן אַנדערש מאָל דערציילן. נאָך פּאָלעס אָנקו־מען קיין וואַרשע איז זי באַלד צוגעצויגן געוואָרן צום קאָנספּיראַטיוון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, און די גאַנצע צייט האָט זי אין אים אַקטיוו געאַרבעט. זי איז ווידער געוואָרן אונדזער פאַרשטייערין אין פאַרשידענע צווישנפּאַרטייאישע

אַרבעטן, דערהויפּט אויפן געביט פון פּוילישע דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס (אַזוי, למשל, האָט זי פאָרגעלייענט די פּאַרטיי־דעקלאַראַציע אויף דער ערשטער היסטאָרישער זיצונג פון אונטערערדישן פּוילישן פּאַרלאַמענט, געווען אונדזער פּאַרטרעטערין אין געהיימען וואַרשעווער ראַט, געאַרבעט אין דער פּרויען־אָפּטיילונג, אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג אאַז״וו). אַחוצדעם האָט זי אַ סך געשריבן וועגן לאַגער אין פּאָניאַטאָוו און וועגן אונדזערע חברים, וועלכע זענען דאָרט שפּעטער אַלע אומגעקומען. אָבער דרייען זיך צו פיל אין גאַס און פאַרנעמען זיך מיט טאָגטעגלעכער אַרבעט האָבן מיר איר נישט דערלויבט, ווייל איר אויסזען און ספּעציעל אירע טיפע, שוואַרצע אויגן האָבן זי לייכט געקאָנט פאַראַטן, און מיט וואָס דאָס האָט געשמעקט, פאַרשטייט איר דאָך אַליין. דאָס איז געווען נישט בלויז אַ זיכערער טויט, פאַר וועלכן קיינער פון אונדז האָט נישט קיין מורא געהאַט, נאָר די געפאַר פון דעקאָנספּירירן גאַנצע צווייגן פון אַרבעט, מיט וועלכע מען איז געווען פאַרבונדן.

גאָר אַנדערש האָט אויסגעזען די אַרבעט ביי בעלען. זי, מיט אירע בלויע אויגן און בלאָנדע האָר, מיט איר אויסזען ווי אַן אמתע „שיקסע", האָט זי גאַנצע טעג געשפּרייזט איבער די וואַרשעווער גאַסן, פונאַנדערטראָגנדיק ליטעראַטור, געלט, בריוו, „ליפּאָווע" (פאַלשע) פּאַפּירן און אויספירנדיק די אַרבעט פון אונדזער פאַרבינדונגס־מענטש מיט הילפס־אָרגאַניזאַציעס. אַריינקומענדיק אויף די ערנסטע און געפערלעכסטע „מעלינעס" און „מעטעס" (ערטער, ווו ס׳האָבן זיך אויסבאַהאַלטן יידן). אין די טעג פון די שרעקלעכסטע „לאַפּאַנקעס" (כאַפּערייען) אויף די גאַסן פון וואַרשע, וואָס זענען אָפט געווען פאַרבונדן מיט שטרענגע רעוויזיעס, איז וואַנדאַ מיט אירע „פּעקלעך" געקראָכן גלייך אויף דייטשע פּאַטראָלקעס, געשפּרונגען פון איין טראַמוויי אין צווייטן, געטראָגן זיך ווי אַ רוח פון איין עק שטאָט אין אַנדערן.

מיט דער צייט איז זי געוואָרן מיין רעכטע האַנט. יעדן טאָג האָב איך זיך געמוזט מיט איר טרעפן מינדעסטנס צוויי מאָל. אין דער פרי איבערגעגעבן איר אינסטרוקציעס, געלט, מאַטעריאַלן, פּעקלעך, פאָטאָגראַפיעס אויף פאַלשע דאָקומענטן. און שפּעטער ווידער, ביי מיטאָג, וואָס מיר האָבן ס׳רוב געגעסן צוזאַמען, אָפּגענומען די קאָרעספּאָנדענץ, דערהאַלטן אַ באַריכט, צוגענומען די חשבונות, געגעבן אַ פּלאַן און פונאַנדערגעגאַנגען זיך צו ווייטערדיקער אַרבעט. טרעפן זיך מיט מיר האָט נישט געהערט צו די לייכטע און אָנגענעמע זאַכן צוליב מיין נישט־אַרישן אויסזען. פיל מענטשן האָבן מיר דעליקאַט געגעבן אָנצוגעהערן, אַז איך זאָל זיך נישט צו פיל דרייען. איך האָב זיך אָבער איינגעעקשנט. דאָס איינציקע, וואָס איך האָב מיר אָבער יאָ געגומען אין זינען, איז געווען, אַז איך דאַרף נישט לאַנג שטיין אויף איין אָרט, ווייל דאָס קען

וועקן אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר האָב איך געבעטן אַלע, וואָס האָבן מיך געזאָלט טרעפן, זיי זאָלן זיין פּינקטלעך. די קאָמוניקאַציע אין יענע צייטן איז געווען זייער אַ שווערער. אונדז איז אויסגעקומען צו האָבן „געשעפטן" אין פאַרשידענע עקן פון שטאָט. כדי נישט צו וועקן צו פיל אויפמערקזאַמקייט, האָבן מיר זיך באַמיט אויסצוזוכן אַלץ נייע ערטער פון טרעפן זיך. דאָס איז ביי אונדז דערגאַנגען צו אַ קונסט. נאָך אַ גרעסערע קונסט איז געווען דאָס איבערגעבן זיך די פּעקלעך אומבאַמערקטערהייט. מיט וואַנדען זענען מיר געווען אַזוי האַרמאָניש צונויפגעשפּילט, אַז מיר האָבן זיך שוין פאַרשטאַנען אויפן ווונק. מיר האָבן ביידע געטראָגן אַזעלכע גרויסע ווייבערישע בייטלען מיט אַ טאָפּלטן דעק, אָבער אָפט איז נישט אַלץ אַריין אין באַהעלטעניש. האָט וואַנדאַ מיט דער רויקסטער מינע געטראָגן די געפּערלעכסטע פּעקלעך ביים שטריקל אין האַנט. ווען עס איז געווען אַריבערצוטראָגן עפּעס אַ גרעסערן טראַנספּאָרט אויסגאַבעס צ. ב. די באַקאַנטע בראָשור וועגן טרעבלינקע, וואָס מיר האָבן אין יענער צייט אַרויסגעגעבן, האָט זי, אָנשטאָט אין קלענערע פּעקלעך און צו עטלעכע מאָל עס אַריבערצוטראָגן, די גאַנצע „סחורה" אָנגעלאַדעוועט אויף אַ דראָזשקע, וואָס האָט אין יענע צייטן געקאָנט וועקן פאַרדאַכט, און אין מיטן העלן טאָג איז זי אַדורכגעפאָרן איבער דער גאַנצער שטאָט.

דאָס אויספירן אַלגעמיינע און טעכנישע אַרבעטן האָט זי געהאַלטן פאַר איר פליכט. איר פאַרגעניגן אָבער איז געווען אויסזוכן יידן און ספּעציעל יידישע קינדער און העלפן זיי מיט וואָס זי האָט געקאָנט. אויך מיט פּאַרטיי־חברים האָט זי זיך שטאַרק פאַרנומען. שפּעטער, ווען אויך איר אַרבעט איז געוואַקסן, האָב איך געוואָלט אַ טייל ענינים איבערגעבן אַנדערע אונדזערע געהילפן. זי האָט אָבער פון דעם עול זיך נישט געוואָלט באַפרייען. אין איר באַציונג צו די אומגליקלעכע, געטרודפטע יידן איז געווען אַ מין גרויסע איידלקייט. זי איז צו זיי נישט געקומען ווי אַן אָפיציעלער שליח, נאָר ווי אַ גאַסט און געדענקט אַפילו מיטצונעמען פאַר די קינדער צוקערלעך אָדער שפּילצייג. מ'האָט אויף איר געוואַרט אַ גאַנצן חודש. איר קומען איז געווען אַ יום־טוב, אַזוי פיל מוט און פרייד האָט זי מיט זיך מיטגעבראַכט. אינטערעסאַנט, אַז עס האָבן זיך געפונען אַ פּאָר „מיוחסים", וואָס זענען מיט איר הילף אָפּגעראַטעוועט געוואָרן, האָבן אָבער פאַרגעסן איר צו זאָגן אַפילו אַ שיינעם דאַנק...

ס'איז ווערט צו דערמאָנען, אַז די גאַנצע צייט האָט וואַנדאַ געלעבט אין זייער שווערע באַדינגונגען. צוליב קאָנספּיראַציע האָט זי געוווינט אין אַ ווינקל פון אַ קעלער־שטוב ביי עפּעס אַן אָרעמער פּוילישער משפּחה אויף

מאַקאַטאָוו. זי איז דאָרט זייער באַליבט געווען, ווי איבערהויפּט צווישן אונ־דזערע פריינט פון די פּוילישע הילפס־אָרגאַניזאַציעס.

און אַזוי האָט זי געאַרבעט די גאַנצע צייט ביז צום אויסברוך פון וואַר־שעווער אויפשטאַנד. נאָך אין דער פרי, דעם 1טן אויגוסט 1944 האָב איך זיך מיט איר געטראָפן אויף איינעם פון אונדזערע ערטער אויף זשאָליבאָזש. זי איז נאָר וואָס אויפגעשטאַנען פון בעט נאָכן אָפּקרענקען אַ פּאָר טעג. זי האָט געהאַט שטאַרקע קרענקונג צוליבן פאַרשפּעטיקן איבערצוגעבן געלט אַ פּאָר מענטשן, ספּעציעל צוליב דעם, וואָס מען האָט שוין געפילט, אַז עס גרייטן זיך ערנסטע געשעענישן און מען האָט מורא געהאַט, אַז דער קאָנטאַקט מיט די „טשענסטאָכאָווער" (כדי נישט צו באַנוצן זיך מיטן וואָרט „יידן", האָט מען אויסגעאַרבעט פאַרשידענע סינאָנימען) קאָן זיך איבעררייסן. זי איז געגאַנגען אויף פּראַגע באַזוכן „קליענטן". מיר האָבן זיך געזאָלט טרעפן נאָכמיטאָג און שפּעטער האָט זי געוואָלט גיין צו פּאָלען און דאָרט שוין מיט די חברים פאַר־בלייבן איבער די שווערע טעג. לײדער האָט זי עס שוין נישט באַוויזן צו טאָן. דערווייל האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד. זי האָט שוין פּאָלען מער נישט געזען...

מיר האָבן זיך געטראָפן נאָך לאַנגע, לאַנגע חדשים, שוין אין מיטן ווינטער. זי האָט דורכגעמאַכט דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד. פיל מאָל געזען דעם טויט פאַר די אויגן. געוואָרן עוואַקואירט צוזאַמען מיט דער גאַנצער פּוילישער באַפעלקערונג. אַנטלאָפן אויפן וועג אין לאַגער און אַרומגעוואַלגערט זיך איבער וועלדער און דערפער אָן אַ גראָשן געלט, קראַנק און מיט דעם שרעקלעכן פאַרגעפיל וועגן פּאָלעס גורל.

מיר האָבן געמאַכט פאַרשידענע פּרוּוון צו דערגיין, וואָס איז געשען מיט פּאָלען און אַנדערע חברים. מ׳האָט געפּרוּווט אונטערשיקן מענטשן צו זייער באַהעלטעניש. אָבער דער צוגאַנג צו וואַרשע איז דעמאָלט געווען כמעט אומ־מעגלעך. די דייטשן האָבן פעסט אַרומגערינגלט די אויסגעשטאָרבענע שטאָט און אַרויסגעריסן אַ הויז נאָך אַ הויז.

ביז ס׳איז געקומען דער טאָג פון באַפרייונג. צומאָרגנס גאַנץ פרי זענען מיר געגאַנגען קיין וואַרשע פון דעם דאָרף, וווּ מיר האָבן נאָכן אויפשטאַנד געפונען אונדזער צייטווייליקן מקום־מקלט. די ערשטע טריט אונדזערע זענען געווען אויף פּאָוואָנזקי, צום אָרט, וווּ ס׳האָבן געהאַט זייער באַהעלטעניש אונדזערע פינף חברים. פון דערווייטנס האָבן מיר שוין געזען, אַז דאָס הייזל איז פאַרברענט. ווען מיר זענען מיט קלאַפּנדיקע הערצער צוגעקומען נענטער, האָט אַ שרעקלעך בילד אונדז געטראָפן ווי אַ דונער. אין גערטנדל זענען האַלב פאַרשאָטן מיט ערד געלעגן דריי קערפּערס און אויף אַ ברעטעלע איז

דריי

געווען אויפגעשריבן מיט וואַנדאַס האַנטשריפט: „דאָ ליגט באַגראָבן מיין שוועסטער פּאָלאַ“, „דאָ ליגט באַגראָבן מיין פּאַרטיי־חבר הערש בערלינסקי“. דעם דריטן קערפּער איז נישט געווען צו דערקענען. ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען עלעק ערליך. דעם חבר וואַסער און זיין פרוי האָט זיך על פּי נס איינגעגעבן צו אַנטלויפן אין דעם מאָמענט, ווען די דריי חברים האָבן געעפנט אַ שיסעריי אויף די אוקראַינער, וואָס האָבן זיי אַנטדעקט.

אַ לאַנגע צייט נאָך דער שרעקלעכער אַנטדעקונג איז בעלאַ קראַנק געווען. כ׳האָב שוין נישט געגלייבט, אַז זי וועט אַמאָל פעיק זיין צו דער אַרבעט. אָבער איר העלדישע נאַטור האָט אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער דעם אומגליק. עס זענען אַדורך אַ פּאָר חדשים און אָט שטייט זי שוין ווידער געטריי ביי דער אַרבעט און העלפט בויען אַ באַנייטע „יוגנט“־אָרגאַניזאַציע אין לאָדזש. זי איז בלויז ערנסטער און טרויעריקער געוואָרן, אָבער זי אַרבעט ווידער ווי אַמאָל און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות צו פאַרטרעטן פּאָלען.

„אַרבעטער צייטונג“, וואַרשע, נומער 5—4, 1946

בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ)

פּאָלאַ

פּאָלאַ איז געווען מיין שוועסטער, מיין חברטע, מיין פריינדין. כ׳האָב זי ליב געהאַט, כ׳האָב זי געשעצט און כ׳האָב זי באַוואונדערט. אין מיינע אויגן איז זי געווען די פאַרקערפּערונג פון גוטס, דער סימבאָל פון די ווערטן, אין וועלכע איך האָב געגלייבט און אויף וועלכע איך האָב זיך דערצויגן. מיט נייגעריקייט און שטאָלץ פלעג איך אויף איר קוקן. זי איז געווען איידל אין איר פשטות, אין אירע גענג, אין אירע באַגריפן, אין אירע פאַרשטעלונגען, אין איר מאָראַלישקייט און אָרנטלעכקייט. און ווי אַזאַ איז זי פאַרבליבן אין מיין זכרון, אַזאַ ווי כ׳האָב זי ליב געהאַט.

ס׳וואָלט געווען בעסער און לייכטער צו זיצן אין אַ קרייז פון פּאָלעס חברים און דערציילן וועגן איר. אָבער אַזעלכע זענען שוין כמעט נישטאָ. פאַראַן בלויז איינצלנע, וואָס זענען פאַרבליבן ביים לעבן און וואָס זענען צעשפּרייט איבער דער גרויסער וועלט. ס׳איז מיר שווער צו שרייבן וועגן פּאָלען, ווייל ווער וויים, צי ס׳וועט מיר געלינגען אויפצולעבן איר געשטאַלט אַזוי ווי זי איז געווען. אויף וואָס זיך אָפּשטעלן? וועלכער פּרט אין איר איז וויכטיק און איבער וועלכן קאָן מען אַריבערגיין?

נאָך גאָר אַ יונגע איז פּאָלאַ צוגעטראָטן צו די לינקע פּועלי־ציון און גאָר שנעל אַריין אין דער טאָג־טעגלעכער פּאַרטיי־אַרבעט. אַ דאַנק אירע פעיקייטן און איר איבערגעגעבנקייט איז זי אין אַ קורצער צייט געוואָרן איינע פון די צענטראַלע פיגורן אין דער באַוועגונג ווי די, וואָס האָט מיט גרויס דערפאָלג אָנגעפירט מיט די גרופּעס פון דער שול־יוגנט, וואָס זענען מיט דער צייט אויסגעוואַקסן צו איינעם פון די וויכטיקסטע און טעטיקסטע טיילן פון דער פּאָליטיש־דערציערישער אַרבעט אין דער יוגנט־באַוועגונג פון פּועלי־ציון.

פּאָלען איז אין איר אַרבעט געלונגען צו דערנענטערן, צו דערוואַרעמען

און צו באַגייסטערן הערצער. ס׳האָט געשטעקט אין איר אַ גרויסער פּערזענ־לעכער צויבער, אַן איבערצייגונג־כּוח. איר אָרנטלעכקייט האָט גערעדט צו די געמיטער פון די מענטשן און געוווּנען זייער צוטרוי. זי האָט געוווּסט ווי צו שאַפן חברישע באַציִונגען, וואָס האָבן נישט איין מאָל פאַרטראָטן משפּחה־וואַרעמקייט, וואָס האָט געפעלט. אַלע די, וואָס זענען צו איר געקומען, האָבן ביי איר געפונען אויפמערקזאַמקייט פאַר זייערע דאגות און פאַר זייערע געדאַנקען.

זי איז געווען באַשאָנקען מיט אַן אייגנשאַפט, וואָס איז אַזוי זעלטן ביי מענטשן — זי האָט שטענדיק געקענט זיך צוהערן צו די רייד פון אַ חבר. דער באַגריף פון חברשאַפט און פון אמת איז געווען איינער פון די הויפּט־יסודות פון איר אַרבעט.

פאָלען האָט דער גורל נישט צעפּיעשטשעט פונקט ווי ער האָט נישט צעפּיעשטשעט די אַלע אַנדערע יונגע און דערוואַקסענע חברים פון די פאַר־שידענע יוגנט־באַוועגונגען פון פאַר דער מלחמה. אונדזער באַוועגונג, וואָס איר הויפּט־טעטיקייט איז געווען אַן אומלעגאַלע, פלעג כּסדר שטעלן די חברים אירע אין געפאַר. בעת איינער אַזאַ אומלעגאַלער אַקציע איז פאָלאַ אַרעסטירט געוואָרן און איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף עטלעכע חדשים תּפיסה. נאָך לאַנגע באַמיִונגען איז זי באַפרייט געוואָרן, האָט אָבער געמוזט אין משך פון דריי יאָר זיך צושטעלן יעדע וואָך אין דער פאָליצײ. ביי אונדז אין דער היים פלעגן אָפט פאָרקומען רעוויזיעס. געהיים־פאָליציי פלעג קומען אין דער נאַכט, אַרויסיאָגן אַלעמען פון די בעטן און נישט איין מאָל האָט מען אַפילו געפרווווט אונטערוואַרפן פּראָוואָקאַטיוון מאַטעריאַל. די עלטערן, וועלכע האָבן פון אָנהייב בכלל גאָרנישט געוווּסט פון פאָלעס טעטיקייט, האָבן אָנגע־הויבן צושטיין צו איר, בעטן זיך ביי איר און צום סוף מיט אַנטשלאָסנקייט פאַרלאַנגען זי זאָל אָפּלאָזן איר געפערלעכע טעטיקייט. מיט דער צייט אָבער האָבן זיי שלום געמאַכט מיט דער עקזיסטירנדיקערווירקלעכקייט.

פאָלעס באַציִונג צו די עלטערן איז געווען אַ פּרעכטיקע. ס׳איז געווען אין איר גוטסקייט, ווייכקייט, פאַרשטענדעניש, סענטימענטאַלקייט, און אויך אַ טיף געפיל פון כּבוד, פון זאָרג און פון ליבשאַפט. זי פלעג זיך שטאַרק באַמיִען צו טאָן אַלץ, כּדי צו פאַרמיידן פון זיי צער און ווי ווייט מעגלעך זיי פאַרשאַפן אַ ביסל נחת. זי פלעג זיך באַמיִען צו זיין אָנוועזנדיק פרייטיק צונאַכטס ביים טראַדיציאָנעלן טיש. אויך אין די יום־טובים פלעג זי זיך באַמיִען צו פאַרבלייבן אין דער היים, העלפן ביים צוגרייטן און נישט פאַר־שעמען די עלטערנס טיש.

די דאגות פרנסה פון דער שטוב זענען געווען אירע דאגות; דערין האָט

זי אַפילו איבערגעשטיגן די עלטערע פון איר. איז טאַקע פּאַלאַ שטאַרק באַליבט געווען אין שטוב, ווי אַ טאָכטער און ווי אַ שוועסטער. די שכנים פלעגן אויף איר קוקן מיט גרויס דרך־ארץ און האָבן זי באַטראַכט ווי אַ טאָכטער אַ מוסטער.

ס'איז אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. אַלע ביז איצט אָנגענומענע באַגריפן זענען פאַרטושט געוואָרן. דאָס, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן ווי שלעכט, ווי שווער, ווי אַ דאגה, ווי אַ צרה און אַפילו ווי אַן אומגליק, איז אין ליכט פון די געשעענישן, וואָס האָבן זיך גענומען אָפּשפּילן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קינדער־שפּיל. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן ווינציק־וואָס, באמת ווינציק־וואָס געוווּסט, וועגן דער פּאָליטיק פון די דייטשן לגבי דעם יידישן פאָלק. פאַרן מוח פון אַ נאָרמאַלן מענטש, איז אוממעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן דעם דייטשישן נוסח צו לייזן די יידן־פראַגע.

אַ סך האָבן אָנגעהויבן פאַרלאָזן די גרויסע שטעט און צו אַנטלויפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. דריי מאָל זענען פון ביאַליסטאָק געקומען שליחים, געשיקטע דורך פּאַלעס חברים, כדי זי אַרויסצונעמען פון וואַרשע און דריי מאָל זענען זיי צוריק אַוועק אָן איר. זי האָט בשום אופן נישט געוואָלט פאַרלאָזן די עלטערן און אויך נישט אירע יינגערע חברים, וואָס האָבן באַשלאָסן צו בלייבן אין וואַרשע. איר אחריות־געפיל האָט זי צוריקגעהאַלטן.

די שטאָט איז געשטאַנען אַ צעשטערטע, אַ פאַברענטע. פון אַ סך הייזער האָבן זיך נאָך געטראָגן אין דער לופט זיילן רויך — אַ זכר נאָך די באָמבאַר־דירונגען פון דער לופטוואָפע. די באַפעלקערונג איז געבליבן אָן וואַסער, אָן שפּייז. לאַנגע שורות מענטשן זענען געשטאַנען פאַר די קראָמען, וואַרטנדיק אויף ברויט, אָדער אויף קוילן. אין די גאַסן האָט מען געזען צעוואָרפענע קופּעס ציגל, ברעטער, שטעכלדראָט. ס'האָבן זיך געוואַלגערט, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, מאַסן פּליטים פון די פאַרשידנסטע שטעט און שטעטלעך. די שפּיטאָלן זענען געווען איבערפולט. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען דערשראָ־קענע, צעמישטע, מידע, אָן שום האָפענונג. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער מאָרגנדיקער טאָג וועט ברענגען.

פאַר דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשע האָבן זיך גענומען שטעלן אַ סך פּראָבלעמען, אַחוץ די געוויינלעכע פּראָבלעמען, וואָס זענען געשטאַנען פאַר אַלע וואַרשעווער איינוווינער. מען האָט געמוזט אויף דער שנעל אָרגאַ־ניזירן דאָס יידישע לעבן און שאַפן אַ געהעריקע ראַם פאַר די אַלע יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין וואַרשע.

צווישן די ערשטע, וואָס האָבן דאַן אָנטייל גענומען אין אָרגאַניזירן דאָס יידישע וואַרשע, זענען געווען די אַרבעטער־באַוועגונגען, די פאַרשידענע יוגנט־

אָרגאַניזאַציעס, ווי אויך די פאַרשידענע סאָציאַלע אָרגאַניזאַציעס. צווישן די, וואָס האָבן זיך תּיכף געשטעלט אין די רייען פון די טוערס — איז געווען פּאָלאַ.

אינעם לאָקאַל פון האַלץ־אַרבעטער־פאַראיין, וואָס איז געווען דאָס קיניג־רייך פון לאָזער סטאָליאַר, אויף עלעקטאָראַלנע 14, האָט פּאָלאַ מיט אַ גרופּע חברים אָנגעהויבן אָרגאַניזירן איינע פון די ערשטע פאָלקס־קיכן. צווישן די אַרבעטער־קיכן. אונטער איר אָנפירונג האָבן אין דער קיך געאַרבעט די חברים: שפּיגעל, יצחק מאיר קראַמאַזש פון יאַנאָוו, פּאַדלאַסקי, די קעכין גאָלדשטיין, ווי אויך אַ גרופּע חברים פון „פרייען שומר".

גאָר שנעל איז דער לאָקאַל פון דער קיך פאַרוואַנדלט געוואָרן אין איינעם פון די צענטערס פון דער באַוועגונג. עלעקטאָראַלנע 14 איז געוואָרן דער אַדרעס פאַר אַלע די חברים, וואָס זענען לויט די דייטשישע פאַראָרדענונגען אַרויסגעשיקט געוואָרן פון זייערע היימען אויף דער פּראָווינץ און זענען ווי פּליטים צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אָנגעקומען קיין וואַרשע. די קיך האָט זיי געדינט ווי אַ טרעף־פּונקט, אָפּטמאָל אויך ווי אַ שטוב, אַן אָרט, וווּ איבערצונעכטיקן עטלעכע נעכט, אַ ווינקל, וווּ מען האָט אויף אַ פּאָר מינוט געקענט פאַרגעסן די טאָג־טעגלעכע דאגות.

די אַרבעט אין קיך האָט פּאָלאַ אָרגאַניזירט מיט דער פולסטער אחריות און מיטן גרעסטן פליים. מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און פאַראינטערעסירט־קייט האָט זי זיך אויסגעלערנט צו זיין אַ פּרעקטיקע פּלאַנירערין און געניטער עקאָנאָם. אַלץ האָט זי אָרגאַניזירט, מיט אַלץ האָט זי אָנגעפירט. זי פלעג דאָס אַלץ טאָן, נישט רעכענענדיק זיך לחלוטין מיט דער אַרבעט־צייט. אין דעם זעלבן גייסט פון אָפּפערוויליקייט און איבערגעגעבנקייט, אין אַן אויסגעצייכנ־טער חברישער אַטמאָספער האָט מיטגעאַרבעט מיט איר דער גאַנצער שטאַב מיטאַרבעטער.

צוויי שיכטן פלעגן זיך בייטן ביי דער אַרבעט. די צאָל קאָנסומענטן איז געווען גאָר אַ גרויסע. באַדינען פלעג' מען די קאָנסומענטן ביז 4 אַ זייגער נאָכמיטאָג. נאָך דעם פלעגן זיך אינעם לאָקאַל קאָנצענטרירן פּאָליטישע און אָרגאַניזאַציאָנעלע טעטיקייטן. דער לאָקאַל האָט געדינט אַלס טרעף־פּונקט פאַר חברים. כמעט יעדן טאָג פלעגן אַהין אַרויפקומען די חברים דיאַמאַנט מיט זיין משפּחה, טענצער מיט זיין משפּחה, זאַגאַן, לענט, פיינקינד, בערלינסקי, ערליך, גורני, סעם וואָלקאָוויטש, באַשאַ ביאַלאָגורא, יוכטמאַן, בלומשטיין און אַ סך אַנדערע. דאָרטן פלעגן זיך טרעפן די חברים פון „פרייען שומר", און פּרוּוון צוזאַמען לייזן אַ סך מענטשלעכע פּראָבלעמען, וואָס האָבן געדריקט יעדן איינציקן פון זיי. באַלעק מאַרקעוויטש, בעלאַ לעווינסאָן, שרה דעמבסקאַ און איר שוועסטער, רוזשקאַ קירשענבוים, דאָלאַ סלושנאַ, טאָסיאַ סלושנאַ, יעזשיק

האַלץ, העניאַ הערמאַן, לאָלאַ בערגסאָן, מאַניאַ אַלטערמאַן (אין דעם קליינעם ביסל נאָטיצן, וואָס כ׳האָב געפונען נאָך פּאָלען, איז פֿאַראַן אַ לאַנגע רשימה פון חברים, וואָס פּאָלאַ האָט געהאַט צוגעגרייט, כדי וועגן זיי צו שרייבן. כמעט לעבן יעדן איינציקן נאָמען פון זיי איז פֿאַרצייכנט דאָס אָרט און די דאַטע פון זייער אומקום).

אויך די אַנדערע פּאָלקס־קיכן, וואָס זענען שפּעטער אַנטשטאַנען און אין וועלכע די אָנפירער און מיטאַרבעטער זענען געווען אונדזערע חברים, האָבן געדינט ווי טרעף־פונקטן און ווי צענטערס פֿאַר פֿאַרשידענע אָרגאַניזאַטאָרישע און פּאָליטישע טעטיקייטן. אין דער קיך אויף וואָלנאָשטש איז טיילווייז קאָנצענטרירט געווען די אַרבעט פון דער יוגנט־באַוועגונג. אַ כאָר, דיריגירט דורך אונדזער חבר גאָלדבערג איז געווען די אָפיציעלע דעקונג פֿאַר די דאָזיקע באַגעגענישן. אויף זאַמענהאָף 9, אין דער קיך אונטער דער אָנפירונג פון געניאַ בער און ווידע, פלעגן פֿאָרקומען לערן־קרייזן. אויף נאָוויניאַרסקע און אין דער באָראַכאָוו־שול אויף נאַוואָליפּקי זענען אין די קיכן אויך אָרגאַניזירט געווען פֿאַרשידענע טעטיקייטן.

די פּאָלקס־קיכן, וואָס זענען טעטיק געווען אין וואַרשע, פלעגן זיך כסדר אָנשטויסן אויף אַ סך שוועריקייטן. דאָס צושטעלן די שפּייז־פּראָדוקטן איז קיין מאָל נישט געווען רעגולער און פֿאַרזיכערט. געלט אויף איינצוקויפן האָט תמיד געפֿעלט. זענען דעריבער נייטיק געווען גרויסע פֿעיקייטן און אַ סך איבערגעגעבנקייט די אַלע שוועריקייטן בייצוקומען. פּאָלאַ האָט נישט געהאַט קיין טבע זיך צו באַרימען. זי איז אָבער נישט איין מאָל שטאָלץ געווען דערמיט, וואָס „איר" אינסטיטוציע האָט באַוויזן זיך צו פֿאַרשאַפן צוטרוי און אָנזען און איז געווען פֿאַררעכנט ווי איינע פון די בעסטע קיכן. אָפטמאָל האָבן מיר געהערט, אַז גרופּעס אַרבעטער, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט ביים אויפשטעלן די מויער אַרום געטאָ, האָבן פֿאַרלאַנגט מען זאָל זיי אַריבערפֿירן אין דער קיך אויף עלעקטאָראַלנע.

פּאָלאַ פלעג ביי איר אַרבעט תמיד געדענקען ווען זי פֿאַרטרעט און אין וואָס עס באַשטייט די אויפגאַבע, וואָס איז אויף איר אַרויפגעלייגט געוואָרן.

די ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן מיט די מאַסן־אויסזידלונגען, האָט שטאַרק צעטומלט און שיטער געמאַכט אונדזערע שורות.

שטאַרק האָבן געאַרבעט די דייטשישע מוחות, כדי איינצוּוויגן אין אילוזיעס די יידישע באַפעלקערונג, זי אין גאַנצן אָפּזונדערן פון דער אויסערלעכער וועלט, זי צערייסן אינעווייניק, שאַפן אין פֿאָלק גופא שיכטן פון מער

אָדער ווייניקער פּריווילעגירטעביים גיין אין די גאַז־קאַמערן, צעטיילן די מענטשן אין נוצלעכע און אַזעלכע, וואָס עסן ברויט בחינם. די דאָזיקע טייוו־לאָנישע אַרבעט איז די דייטשן אין אַ געוויסער מאָס געלונגען אין אָנהייב. ס'איז זיי געלונגען צו מאָביליזירן זיי צוהילף די מענטשן פון דער יידישער פּאָליציי, פון יודענראַט און פון דער יידישער געהיים־פּאָליציי. די כוחות פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע זענען נאָך דאַן געווען קליין און דער גרעסטער טייל יידן האָט צו זיי נישט געהאַט קיין צוטרוי. און דאָך, ווען מיר קומען אָפּשאַצן די דעמאָלטיקע געשעענישן היינט, אין אַ מרחק פון מער ווי צוואַנציק יאָר צוריק, און זעען די אונטערטעניקע אייראָפּע, מלוכות, צווישן זיי גרויס־מאַכטן מיט רעגולערע אַרמייען, וואָס זענען איינע נאָך דער אַנדערער אַרונ־טערגעפאַלן אונטער דער דייטשישער קנעכטשאַפט, שיינט אַרויס די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע מיט איר אויפטרעטן, מיט איר האַלטונג און מיט אירע מעשים, די איינציקע, וואָס האָט אין יענע פינצטערסטע טעג אין דער גע־שיכטע פון דער מענטשהייט, באַוויזן אויפצווועקן זיך און אויך אַנדערע צו מעשים, צום פּאַסיוון און אַקטיוון ווידערשטאַנד, און זענען דערמיט געוואָרן אַ מוסטער פאַר גאַנץ אייראָפּע. געטאָן האָבן זיי עס, ווייל זיי זענען געבליבן געטריי צו די ווערטן, אין וועלכע זיי זענען דערצויגן געוואָרן, צוגעבונדן צום פאָלק און צו זיין טראַדיציע.

זייער אַרבעט איז נישט געווען קיין לייכטע. שווער האָבן זיי געמוזט קעמפן קעגן גלייכגילט, קעגן דער טענדענץ אונטערצוגעבן זיך, קעגן שרעק. אָן שום הילף פון דרויסן, אָן ערנסטער און ממשותדיקער שטיצע, אָן מאַ־טעריעלע מיטלען צו באַקומען געווער, וואָס האָט געקאָסט זייער טייער.

און ווען עס זענען אין די דאָזיקע באַדינגונגען אויפגעשטאַנען די געהיימע ווידערשטאַנד־גרופּעס און געגומען זיך לערנען, ווי אַזוי זיך באַנוצן מיט געווער, אַליין אויסאַרבעטן קריגס־מכשירים, מאָלאָטאָוו־פלעשער, ווען ס'האָט זיך באַנייט די אַרבעט אויפן פּאָליטישן געביט האָט אויך פאָלעס אָרט נישט אויסגעפעלט צווישן די טעטיקע.

אין יאָר 1943, פאַר די גרויסע אויסזידלונגען, איז פאָלאַ קראַנק געוואָרן אויף טיפוס. מ'קאָן זאָגן, אַז דאָס איז געווען איינער פון די זעלטענע פאַלן, ווען זי איז געווען אין גאַנצן פאַרצווייפלט. די קרענק אירע האָט זיך געצויגן אַ לאַנגע צייט. ס'איז נישט געווען וואָס צו עסן. קיין מעדיקאַמענטן זענען אויך נישט געווען. דעריבער זענען די אויסזיכטן זי זאָל געזונט ווערן געווען מאָגערע ביז גאָר. מיר האָבן דאַן געוווינט בשותפות אויף מילע 52. געאַרבעט האָט פאָלאַ אין דעם שאָפּ פון אינזשיניער לאַנדאַו, איינעם פון די סימפּאַטיקער

פון פּועלי־ציון. אין דעם דאָזיקן סטאַליער־שאָפּ האָבן געפונען אַ מקום־מקלט אַ סך אַקטיוויסטן פון פאַרשידענע פּאַרטייען, באַקאַנטע געזעלשאַפטלעכע טוערס, ווי אַנגעהעריקע צו דעם שאָפּ האָבן מיר געהאַט דאָס רעכט צו ווינען אויף מילע און צו לעבן. פּאַלאַ, פּונקט ווי דאָס רוב אַנדערע פרויען, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דעם געביט, האָט אין דעם שאָפּ נישט געהאַט קיין אַרבעט. אַ קורצע צייט האָט זי געאַרבעט ביים מאַכן מאַטראַצן. מיט דער הילף פון זייערע געטרייע צוהעלפערס האָבן זיך די דייטשן גיך געכאַפּט, אַז דאָס אָרט דינט ווי אַ זאַמלפּונקט פאַר אַ סך, וואָס זענען זיי נישט געווען צום האַרצן און דעריבער פּלעגן אויפן שטח פון דעם שאָפּ פאָרקומען בלאָקאַדעס, בעת וועלכע אַ סך חברים זענען אַוועקגעפירט געוואָרן.

פּאַלען האָט אָפּגעגליקט צו פאַרבלייבן ביים לעבן נאָך די גרויסע אַקציעס אין געטאָ. מיט נאָך אַ צאָל חברים איז זי איבערגעשיקט געוואָרן אויף דער אַרישער זייט. ערב פּסח 1943 איז פּאַלאַ צוריקגעקומען אין געטאָ אַריין אויף אַ וויכטיקער זיצונג, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומען אויפן בערשטער־געביט. פּאַלאַ איז געווען גליקלעך צוריצוקומען אין געטאָ. ס׳איז איר שווער געווען צו לעבן צווישן פרעמדע. און אָט איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד. אַלע פאַרבינדונגען זענען איבערגעריסן געוואָרן. עטלעכע וואָכן נאָכן אויפשטאַנד איז אַ גרופּע קעמפער אַרויס פון געטאָ דורך די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן און איז אַריבער אין די ווישקאָווער וועלדער. וועגן פּאַלען האָבן מיר נישט געהאַט קיין שום ידיעה. און ווען מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז אין פּאָניאַטאָווער לאַגער געפינט זיך אַ גרופּע פון דער לעצטער אַקציע און צווישן איר אויך פּאַלאַ, האָט מען אָנגעווענדט אַלע מיטלען, כדי איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיטן לאַגער. די שליחים פון דעם „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״, דעם פּאָליאַק טעאָדאָר פּאַיעווסקי און עמילקאַ קאָסאָווער איז מיט גרויסע שוועריקייטן געלונגען צו שאַפן אַ פאַרבינדונג מיט די אַקטיוויסטן פונעם לאַגער. די מענטשן פון לאַגער האָבן פאַרלאַנגט אַרישע פּאַפּירן, אַדרעסן, געלט, געווער.

מ׳האָט זיי אַרויסגעשיקט צייגענישן „אין בלאַנקאָ״ און אויך אַ ספּעציעלע מאַשינקע אַנצוהעפטן פאָטאָגראַפיעס. די מאַשינקע האָבן מיר געקויפט ביי אַ שוסטער אויף גרויעצקע. זי איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ געניצטע. בעת מיר זענען אַריין צום שוסטער (באַשע בערמאַן און איך), אים איבערגעריסן ביי זיין אַרבעט און אים געבעטן, ער זאָל אונדז פאַרקויפן די מאַשינקע, האָט ער בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין צו וואָס צוויי פרויען דאַרפן האָבן אַזאַ מאַשינקע. מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אויסגעפונען אַ תירוץ. דער עיקר אָבער האָט אים געלאָקט די הויכע געלט־סומע, וואָס מיר האָבן אים אָנגעבאָטן און די מאַשינקע האָבן מיר פון אים אַרויסבאַקומען.

דריי

די פאָטאָגראַפיעס, וואָס מען האָט אונדז צוגעשיקט פון פּאָניאַטאָוו, זענען געווען פאָטאָגראַפיעס פון לאַגעריסטן מיט אָפּגעגאָלטע קעפּ. דער פאָטאָגראַף וו‌ראָצלאַווסקי איז געווען אַ ספּעציאַליסט אין איבערמאַכן די דאָזיקע פאָטאָ־גראַפיעס אין געוויינלעכע פאָטאָגראַפיעס. ער פלעג קונציק צושטוקעווען האָר צו די אָפּגעגאָלטע קעפּ. דאַן פלעגן מיר די פאָטאָגראַפיעס אָפּשיקן אין לאַגער. ס׳איז געווען אַ פּלאַן ארויסצונעמען פון לאַגער אַ סך מענטשן און זיי איינאָרדענען אויף פאַרשידענע אַדרעסן אין וואַרשע. צווישן די ערשטע, וועלכע ס׳איז אונדז געלונגען אַרויסצוראַטעווען איז געווען פאַלאַ.

דער שפּרונג פונעם טויטן־לאַגער אין אַ מער אָדער ווייניקער נאָרמאַל לעבן אַריין איז פאַר איר געווען ממש אַ שאָק. דאָס איינציקע, וואָס האָט איר אָבער דאָך געהאָלפן זיך צו שטאַרקן און צו באַפרייען זיך פון דעם פּחד, איז געווען די זאָרג און די אחריות, וואָס זי האָט געטראָגן פאַר די, וועלכע זענען פאַרבליבן אין לאַגער. נישט ווייניק האָט פאַלאַ צוגעהאָלפן אין דער רעטונגס־אַרבעט און אין די קאָנטאַקטן מיט די, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאָניאַטאָוו.

ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ פּלאַן צו ראַטעווען אַ גרעסערע גרופּע פון דעם לאַגער. מלך פיינקינד איז געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אונטערערדישער אַרבעט אין פּאָניאַטאָוו, און מיט אים זענען די שליחים געקומען אין קאָנטאַקט. די דייטשן זענען אָבער פאַרלאָפן דעם וועג און ווען אונדזערע פאַרבינדונגס־מענטשן זענען אין אַ געוויסן טאָג געקומען אין לאַגער אַריין, האָבן זיי געפונען פּאָניאַטאָוו אַ פולשטענדיק ליקווידירטן. אין ברייטע ראָוון, וואָס זענען אויסגעגראָבן געוואָרן דורך די לאַגעריסטן גופא, זענען געווען באַגראָבן די גופים פון די יידן.

לאַנגע וואָגלענישן איז פאַלאַ באַשערט געווען אַדורכצומאַכן אויף דער אַרישער זייט, ביז זי האָט צום סוף געפונען אַן אָרט אין אַ דירה, וואָס האָט געדינט ווי אַ באַהעלטעניש, אין דער קאָשציושקאָ־קאָלאָניע. צוזאַמען מיט הערש בערלינסקין, אליהו ערליך, וועלכע זענען אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין וואַרשע פון די ווישקאָווער וועלדער, און מיט בלומען און הערש וואַסער.

דאָס הויז איז געשטאַנען אין אַ שיינעם גערטנדל. דאָס איז געווען אַ מין דאַרפיש הייזל פון צוויי שטאָק. אונטן האָבן געוווינט די באַלעבאַטים און אויבן האָט זיך געפונען די גרופּע אויסבאַהאַלטענע. אין זייער צימער איז אויף איינער פון די ווענט געהאַנגען אַ קליין עלעקטריש לעמפּעלע, וואָס האָט געדינט אויף צו געבן צייכנס. האָט זיך דאָס לעמפּעלע אָנגעצונדן, איז געווען אַ סימן, אַז אונטן געפינען זיך געפעט. דאָס לעבן אינעם צימער פלעג זיך דאַן אָפּ־שטעלן אויף שעהן. אין אָט דער פאַרקאָנספּירירטער דירה האָבן זיך געפונען צוויי ספּעציעלע באַהעלטענישן אויפן פאַל פון אַ געפאַר און אין זיי זענען

אויך אויסבאַהאַלטן געוואָרן וויכטיקע דאָקומענטן. די פינף חברים האָבן זיך אין זייער באַהעלטעניש פאַרנומען מיט וויכטיקע אַרכיוו־אַרבעטן. צו זיי האָט מען געבראַכט נאָטיצן און טאָגביכער פון יידן אויסבאַהאַלטענע אויף דער אַרישער זייט. זיי אַליין האָבן אויך געשריבן, האָבן צוגעגרייט מאַטעריאַל פאַר פּאָליטישע ביולעטינען (פאַרשטייט זיך, אומלעגאַלע) און זענען געווען איינע פון די וויכטיקע רינגעלעך אין דער קייט פון אונטערערד. אין זייער שטוב פלעגן אויך פאַרקומען באַראַטונגען, פון דאָרט פלעגן אויך אָוועקגעשיקט ווערן בריוו קיין ארץ־ישראל. דאָרט האָבן די חברים אונדזערע געפייערט דעם ערשטן יאָרטאָג נאָך דעם אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ.

די איינציקע, וואָס פלעג פון דעם באַהעלטעניש אַרויסגיין איז געווען פּאַלאַ. איר אויפגאַבע איז געווען אָנצוהאַלטן דעם קאָנטאַקט מיט דער פּויּלישער אונטערערדישער באַוועגונג אין נאָמען פון פּועלי־ציון און זיך באַטייליקן אין די זיצונגען פון דעם אונטערערד.

ווי די פאַרשטייערין פון די יידישע אַרבעטער איז זי פאַרבעטן געוואָרן זיך צו באַטייליקן אין דער היסטאָרישער זיצונג פון דעם פּוילישן אונטערערדישן פאַרלאַמענט דעם 31סטן דעצעמבער 1943, און דאָרט האָט זיך אויך געלייענט אַ דעקלאַראַציע. איר דערשיינען אויף דעם אָרט ווי די פאַרשטייערין פון די לעבן געבליבענע יידישע אַרבעטער, האָט געהאַט אין יענע טעג אַ גאַר וויכטיקע באַדייטונג. דורך איר איז דערהערט געוואָרן די שטים פון די רעשטלעך פון דעם יידישן פאָלק, די שטים פון שטאָלצע קעמפער, וואָס רופט די כוחות פון פּראָגרעס אין דער וועלט זיך צו מאָביליזירן קעגן די נאַציס.

*

נאָך דער מלחמה האָב איך זיך דערוווּסט פון חברים עדי ראיה, ווי אַזוי ס'זענען געפאַלן די גבורים הערש בערלינסקי, עלעק ערליך און פּאַלאַ. די געשטאַלט פון פּאַלען איז אין מיין פאַרשטעלונג קיין מאָל נישט געווען געבונדן מיט אַ ביקס אָדער מיט אַ שלאַכט. אמת איז, אַז איר גאַנץ לעבן איז געווען אין כסדרדיקער קאַמף אויף פאַרשידענע געביטן. נישט איין מאָל האָט זי געמוזט אָנווענדן אַ סך פיזישן כוח, כדי בייצוקומען גרויסע און אָפטע שוועריקייטן אין איר אַרבעט. אָבער איר שלאַכטפעלד איז אין מיינע אויגן תמיד געווען דערציערישע, פּאָליטישע און אָרגאַניזאַטאָרישע אַרבעט. איך פאַרשטיי אָבער, אַז איר לעצטער וועג איז פאַר איר געווען דער איינציק מעגלעכער. און דאָס איז נישט געווען קיין צופאַל. אַלע דריי חברים האָבן געהערט צו דער

דריי

גרויסער מחנה מוטיקע און שטאָלצע יידן, וואָס האָבן אַוועקגעגעבן זייער לעבן דאַן, ווען זיי האָבן עס געדאַרפט טאָן.

*

דעם ערשטן טאָג נאָך דער באַפרייונג פון וואַרשע, בין איך אַוועק אויפזוכן אונדזערע הברים און אָנזאָגן זיי די בשורה פון דעם נייעם לעבן.

כ׳בין אָנגעקומען אין דער קאָשציושקאָ־קאָלאָניע און געפונען אַלע דריי ליגן נעבן בונקער: פּאָלען, הערשן און עלעקן.

כ׳האָב צוגעדעקט זייערע קערפּערס מיט ערד.

*

אַלע דריי זענען זיי געקומען צו קבר ישראל מיט פּוילישן מיליטערישן פּאַראַד. גרויסע מאַסן זענען געקומען אָפּגעבן זיי דעם לעצטן כבוד.

רחל אויערבאַך

וואַנדערן מיט ליבשאַפּט

באַגעגענישן מיט פּאָלאַ עלסטער

„נישט אַלע מעגן אַנטלויפן"

פאַר דער מלחמה האָב איך פּאָלאַ עלסטער נישט געקענט. דאָס ערשטע יאָר פון דער דייטשער אָקופּאַציע און שפּעטער דאָס לעבן אין פאַרמאַכטן געטאָ האָט צוזאַמענגעפירט מענטשן פון פאַרשידענע שיכטן, פאַרשידענע פאַכן, פאַר־שידענע אידייאישע איינשטעלונגען. די שותּפותדיקע פּלאַטפאָרם איז געווען די סאָציאַלע אַליינהילף.

די מער עקספּאָנירטע פּאָליטישע מנהיגים פון דעם רוב ריכטונגען האָבן פאַרלאָזט וואַרשע — ווער אין דער ערשטער מלחמה־וואָך און ווער שוין נאָכן אַריינמארש פון די דייטשן. די לינקע פּועלי־ציון האָבן אויפגעהיט זייער אַקטיוו אין אַ רעלאַטיוו גרעסערער צאָל, ווי די אַנדערע און פון זייער מיט — פון ד"ר עמנואל רינגעלבלומס איניציאַטיוו — איז אַרויסגעגאַנגען די לאָזונג: נישט אַלע מעגן אַנטלויפן!

רינגעלבלום, וועלכער האָט שוין פאַר דער מלחמה געהערט צו די אָנפירנדיקע כוחות פון „דזשאָינט" און איז אין לעצטן יאָר געווען אַנגאַזשירט אין דער הילפס־אַקציע פאַר די פון דייטשלאַנד אַרויסגעטריבענע יידן פּוילישע בירגער, איז געוואָרן פון די סאַמע ענערגישע אָרגאַניזאַטאָרן פון הילף פאַר די וואָס אַמאָל אָנוואַקסנדיקע מאַסן יידן געליטענע פון די קריגס־געשעענישן און פון די ערשטע דייטשע גזירות. צענדליקער טויזנטער פּליטים און אַרויסגעטריבענע פון די מערב־געביטן פון לאַנד און פון געוויסע געגנטן פון וואַרשע — באַרויבטע פון זייערע היימען און פאַרמעגנס, געבליבענע אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אָן יעטוועדן מקור פון פּרנסה — זענען געווען אָנגעוויזן אויף דער טעטיקייט פון די יידישע הילפס־אינסטיטוציעס.

און ווי באַגרענעצט און קאַרג די הילף האָט נישט געמוזט זיין אין די באַדינגונגען פון דייטשע רעפּרעסיעס און אָפּגעשניטנקייט פון דער דרויסנדיקער יידישער וועלט — איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מעכטיקן פאַקטאָר פון אינערלעכן יידישן לעבן בשעת דער דייטשער אָקופּאַציע.

אונטערן דעקמאַנטל פון סאָציאַלער אַליינהילף

יידישע געזעלשאַפטלעכע בנינים — פּאַרטיי־לאָקאַלן, הייזער פון כלערליי פילאַנטראָפּישע אַנשטאַלטן, פאַריינען, שולן — זענען געוואָרן באַזעצט דורך דער סאָציאַלער אַליינהילף, וועלכע האָט אַרום זיך קאָנצענטרירט און באַשעפטיקט ברייטערע קרייזן פון כלל־טוערס און אַרבעטנדיקער אינטעליגענץ. אַלע אַנדערע פאָרמען פון געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן, קולטורעלן לעבן זענען געווען פאַרבאָטן, אָבער מיט דער צייט איז דער רוב פון די יידישע אַקטיוויטעטן אויפגעשווומען אויפסניי, טאַקע אונטער דער פירמע פון דער איינציק טאָלערירטער הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַר די הונגעריקע און היימלאָזע מאַסן. וואָס ווייטער זענען דערנאָך אַ טייל פון די הילפס־אַנשטאַלטן געוואָרן דער דעקמאַנטל און די באַזע פאַר דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג, וועלכע האָט אין פערטן יאָר פון דער אָקופּאַציע דערגרייכט איר קולמינאַציע־פּונקט אין באַוואָפנטן אַרויסטריט פון דער פאַרייניקטער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

דאָס אָרגאַנישע קעמערל פון אָט דער אינערלעכער נעץ איז געווען די פאָלקס־קיך.

די דורך די יידישע פאַרשטייער מיט אָן אַ שיעור פּקחות און מסירות נפש, ביי דער אָקופּאַנטישער אַדמיניסטראַציע לעגאַליזירטע און (דער איינציקער ביישפּיל אין אָקופּירטן אייראָפּע) פון יודנראַט כמעט נישט אָפּהענגיקע, צו אים פאַראַלעלע צענטראַלע פון דער יידישער אַליינהילף האָט געאַרבעט אויפן סמך פון אַ פאַרהוילענעם פּאַרטיי־שליסל.

געוועזענע גרופּירונגען און אינסטיטוציעס פון יידישן לעבן האָבן אַזוי אַרום געקאָנט אויפהיטן זייער אינערלעכע אויטאָנאָמיע, באַשעפטיקן אין דער אָנפירונג אייגענע חברים. יעדע קיך, יעדער לאָקאַל האָט געהאַט זיין אינדיווידועלן פּרצוף.*

איינע פון די קיכן, וואָס זענען געווען באַקאַנט אין געטאָ מיט זייער אויסגעשפּראָכענעם כאַראַקטער און בולטער באַפאַרבונג, איז געווען די פאָלקס־קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14, וואָס איר לייטערין איז געווען פאָלאַ עלסטער.

---

* אויך דער געהיימער געטאָ־אַרכיוו איז געווען אַ „קיך" — די קינדער־קיך אין דער געוועזענער פּועלי־ציוניסטישער שול אויף נאָוואָליפּקי 68.

א קיך אויף לעשנאָ 40

איך האָב נישט געהערט צו קיין שום פּאַרטייאישער גרופּירונג, נאָר אויך צו מיר איז דערגאַנגען דער רוף פון ד״ר רינגעלבלום זיך צוצושטעלן צו דער רעטונגס־אַרבעט און אָט דער פאַקט האָט דעצידירט וועגן דעם, וואָס איך האָב זיך נישט אַוועקגעלאָזט מיט דער כוואַליע פון די „מזרח־גייערס״ קיין לעמבערג, וווּ איך האָב געהאַט מיין נאָענטסטע משפּחה.

שוין אויף צו מאָרגנס נאָך דער קאַפּיטולאַציע פון וואַרשע האָט מיך רינגעל־בלום צונויפגעפירט מיט דעם סעקרעטאַר פון קליינהענדלער־פאַרבאַנד און מיך געשיקט אין זייער לאָקאַל אויף לעשנאָ 40 אָרגאַניזירן אַ קיך. פון פראָנט האָבן זיך דאָ געפונען עטלעכע ביוראָ־צימערן און אַ גרויסער זאַל מיט אַ פּאָדיום (אַפילו מיט אַ קלאַוויר), וואָס האָט אַמאָל געהערט צום „הזמיר״. פון די קיך־טרעפּ איז מען אַריינגעגאַנגען אין אַ געוויינלעכער טיפּיש וואַרשעווער, גרויסער קיך־שטוב מיט אַ יאָרנלאַנג נישט באַנוצטער גרויסער קיך־פּלאַטע, אין וועלכער עס האָבן געפעלט אַלע פיר „פייערקעס״.

דעם 1־טן אָקטאָבער 1939 — אין טאָג פון היטלערס אָפנעמען די דעפּילאַדע פון זיינע האָרדעס אויפן זאַקסישן פּלאַץ — זענען די צוגרייטונגס־אַרבעטן געווען אויף אַזויפיל אַוואַנסירט, אַז מיר האָבן דאָ געקענט אַרויסגעבן די ערשטע 25 מיטאָגן. די קיך, וואָס איז תּחילת געווען פאַרטראַכט אַלס אַ ליטעראַטן־קיך, האָט זיך אַנטוויקלט מיט דער צייט ווי איינע פון די גרעסערע פאָלקס־קיכן און זי פלעג אין דער לעצטער פאַזע פון איר עקזיסטענץ — פאַרן גירוש יולי 1942 — אַרויסגעבן 2000 זופּן אַ טאָג.

מיט דער קיך אויף עלעקטאָראַלנע 14, פּונקט ווי מיט די קיכן אויף לעשנאָ 29 אָרלאָ 6 און אָרלאָ 13, איז אונדזער קיך געווען אַ שטיקל שכנטע. אין אַן עת צרה פלעג אונדז אויסקומען זיך טוישן מיט קאָך־פּראָדוקטן, אָדער באָרגן איינע ביי דער אַנדערער אַ באַנקע אייל צי אַ זעקל קאַשע. אַזעלכע זאַכן פלעגן דערליידיקן אונדזערע „מאַגאַזיניערן״ אָדער „וואָזשנעס״, וואָס זענען סיי ביי אונדז, סיי ביי די שכנים געווען מענטשן, וועלכע האָבן פאַר דער מלחמה מיטן באַ־שפּייזונג־פאַך קיין שייכות נישט געהאַט. מירביידע, די „קעראָווניטשקעס״ פלעגן זיך טרעפן בעיקר בעת אונדזערע טאָג־טעגלעכע דעמאַרשן אין דעם קיכן־אָפּטייל.

אַן אָפּטיילונג אונטער דער דירעקציע פון אַ געוועזענעם פּאַלעסטינע־אַמט דירעקטאָר

די קיכן־נעץ איז געווען אָרגאַניזירט אויף אַן איינהייטלעכן אופן און

ערשטקלאַסיק אַוועקגעשטעלט אין אַדמיניסטראַטיוון זין. בראש פון דער אָפּטיילונג אין דער ראַם פון דער געזעלשאַפט פאַר סאָציאַלער אַליינהילף איז געשטאַנען דער געוועזענער דירעקטאָר פון לעמבערגער פּאַלעסטינע־אַמט ד״ר שפּינדלער און אין דער פאַרוואַלטונג איז געזעסן צוו. אַנד. אַזאַ מענטש ווי דער פּאָפּולערער גימנאַ־זיע־לערער, איבערזעצער פון פּלאַטאָס דיאַלאָגן אויף יידיש און יידיש־וועלטלע־כער קולטור־טוער ש״ע ברוידע. מיט דער עווידענץ פון די הונדערט טויזנט קיך־קאָנסומענטן האָט אָנגעפירט דער יונגער סטאַטיסטיקער און „ייוואָ״־לאורעאַט מנחם לינדער. דריי אינסטרוקטאָרינס אונטער דער אָנפירונג פון דער דיפּלאָמיר־טער דערנערונג־ספּעציאַליסטין גינאַ בירקענהיים האָבן אומדערמידלעך ארומ־געקרייזט צווישן די קיכן, געקעמפט מיט אונדזז היגיענע, טעכניק און קאַלקולאַציע פון קאָכן, כסדר עקספּערימענטירט, אַריינשטודירט אין דעם ווי אַזוי פון דעם ערגסטן סאָרט אָפּטמאָל האַלב־פאַרדאָרבענע פּראָדוקטן פון די דייטשע צוטיי־לונגען אַרויסצובאַקומען דעם מאַקסימאַלן דערנערונג־ווערט אין אַ מענטשנמעג־לעכן טעם.

אויף די קיכן איז געגאַנגען אַ קאָלאָסאַלער דרוק סײַ פון אינעווייניק — פון די אין קיך באַשעפטיקטע אָנגעשטעלטע, וואָס זענען אַליין געווען אונטערדער־נערט און מטופל מיט משפחות — סײַ פון די מחנות פּליטים און אָרטיקע פּרנסה־לאָזע קאָנסומענטן, פאַר וועלכע די זופּ פון דער קיך איז אָפּטמאָל געווען זייער איינציקע שפּייז אין משך פון טאָג. דאָס איז געווען די ערשטע ליניע אויפן פראָנט פון קאַמף מיטן הונגער און זייער גיך זענען מיר דערגאַנגען צו דער טראַגישער מסקנה, אַז מיר עקזיסטירן אייגנטלעך נאָר פאַר די, וואָס פאַרמאָגן נאָך עפּעס אַ צווייטע דערנערונג־באַזע, בשעת די סאַמע נויטבאַדערפטיקע ווערן אויך מיט די סאַמע בעסטע זופּן געשוואָלן פאַר הונגער און — פאַרשווינדן...

גאַנצע משפחות, גאַנצע קהילות אַריינגעזידלטע אין געטאָ וואַרשע זענען אַדורכגעגאַנגען דורך די קיכן. אַדורכגעגאַנגען און פאַר אונדזערע אויגן איינגע־גאַנגען...

דאָך קלויב איך זיך דאָ נישט צו שילדערן דעם קיכן־אוניווערס פון דעם געטאָ־לעבן, בפרט, אַז איך האָב דאָס שוין אַמאָל געטאָן (אויך אויף רינגעלבלומס באַשטעלונג) נאָך אין יענער צייט.*

---

* די מחברטע מיינט דערמיט די אַרבעט „געץ אַ טעלער עסן״ (מאָנאָגראַפיע פון אַ פּאָלקסקיך), וואָס זי האָט אין יאָר 1941 געשריבן פארן רינגעלבלום־ארכיוו.

דער צעך קיכן־פּאַרוואַלטערס — אַ קיבעצאַרניע אויף טלאָמאַצקע 5

דער קיכן־אָפּטייל האָט אַדורכגעמאַכט פאַרשידענע פּאַזעס, אַ פּאָר מאָל אי־בערגעגאַנגען פון אָרט צו אָרט. געווען צייטן, ווען ער האָט פאַרמאָגט אַ גרויסן פּראָדוקטן־מאַגאַזין. פלעג מען דאַרפן טאָג־טעגלעך מאַכן באַשטעלונגען און אָפּנעמען די פּראָדוקטן. און געווען צייטן ווען מען פלעג אונדז געבן געלט אַליין איינצוקויפן פּראָדוקטן. עס זענען פאָרגעקומען זיצונגען און פאַרזאַמלונגען. אַזוי אָדער אַנדערש האָט דער פאַרוואַלטער געמוזט „האַלטן די האַנט אויפן פולס" און טאָג־טעגלעך גיין אין דער צענטראַלע הערן וואָס עס קאָכט זיך אין די הויכע פענצטער — מאַנען, דערמאָנען, קעמפן פאַרן קיום און סטאַנדאַרט פון „זיין" קיך.

האָבן זיך דאָ יעדן טאָג געטראָפן די זעלבע מענטשן און אין די קאָרידאָרן און וואַרטצימערן פון דער צענטראַלע — בעיקר אין דער תקופה ווען זי האָט זיך געפונען אין גרויסן בנין פון יודאַיסטישן אינסטיטוט אויף טלאָמאַצקע 5 — האָט זיך אויסגעבילדעט אַ מין „קיבעצאַרניע" פון דער קיכן־פּראָפעסיע. פון דאַנען פלעגן אַרויסגיין אויפן געטאָ די נייסטע פּראַנט־ידיעות פון געהיימען ראַדיאָ אינאַיינעם מיט די נייסטע וויצן און האָפערדיקע קאַלאַמבורן וועגן דער פאַרשטייענדיקער מפלה פון היטלערן.

די נבואות וועגן היטלערס מפלה זענען מיט דער צייט מקוים געוואָרן. אָבער פון דעם גרעמיום פון בערך 100 קיכן־פּאַרוואַלטערס און אפשר צען מאָל אַזויפיל אַנדערע אַרבעטער און אָנגעשטעלטע פון די פאָלקסקיכן האָבן אַפילו קיין צוויי פּראָצענט דעם דאָזיקן מאָמענט נישט דערלעבט.

אָט שווימען פאַר מיר אויף פּנימער, געשטאַלטן. דאָס מאָגערע פּנים און די דראָבנע געשטאַלט פון דעם לייטער פון דער גרויסער בונדישער קיך אויף מוראַנאָוו, מלינעק. איך געדענק דריי לייטערס פון רעליגיעזע קיכן — איינעם פון זיי מיט אַ בלאָנדער באָרד און בלויע אויגן — אַ פּליט פון לאָדזש, וועלכער האָט אונדז ערב דעם ערשטן מלחמה־פּסח געפּרוווט איבערצייגן מיט פּסיכאָלאָגישע אַרגומענטן נישט צו קאָכן קיין קטניות, ווייל די עגמת־נפש, וואָס אַ פרומער ייד וועט האָבן פון מותר זיין אויף זיין אָפּגעהיטנקייט וועט מער שעדיקן זיין געזונט ווי דאָס מותר זיין אויף די 10—20 דעקאָ פאַסאָלעס אַלבומינען אין משך פון אַ וואָך.

דעם צווייטן מלחמה־פּסח זענען שוין קיין דיסקוסיעס וועגן פאַסאָליעס פאַר די קיכן נישט געפירט געוואָרן. אויך די בלאָנדע באָרד איז פאַרשוווּנדן.

איך געדענק אַן עלעגאַנטן הער, וואָס איז, דאַכט זיך, פאַר דער מלחמה געווען אַ דירעקטאָר פון אַ גמילת־חסדים קאַסע. איך געדענק אויך דעם טאָג, ווען ער איז געוואָרן צוגענומען צוזאַמען מיטן גאַנצן פּערסאָנאַל פון אַ קיך אויף נאַוואָ־

ד ר י י

ליפּיע, און וואָס עס האָט מיר דערציילט אין אָוונט אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים געזען פירן די „גאָספּאָדיניע" פון זיין קיך — די פרוי פון אַ יידישן גוטבאַזיצער פון פּויזנער קאַנט מיט נאָמען נעלקען — בראש פון די 15 מיטאַרבעטער, ווען זיי האָבן מיט ווירדיקער דעטערמינאַציע געשפּאַנט צו די וואַגאָנען.

אַמאַינטערעסאַנטסטן זענען פאַר אונדז געווען די קאָנטאַקטן צווישן עסקנים פון קעגנערישע גרופּן, וואָס פלעגן זיך פאַר דער מלחמה נישט באַגעגענען און איצט איז זיי אויסגעקומען אָפטמאָל זייער האַרמאָניש צוזאַמענצואַרבעטן. אין יענער צייט איז אויסגעוואַקסן די היינט באַוווּסטע פריינטשאַפט צווישן ד"ר רינגעלבלום און דעם יונגן אָרטאָדאָקסישן טוער הרב הובערבאַנד, וועלכער איז געוואָרן איינער פון זיינע פלייסיקסטע מיטאַרבעטער פאַרן געהיימען אַרכיוו. אַ קלוגער, פּאָפּולערער רעדנער אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען איז געווען ר' זישע פרידמאַן. איך האָב זיך אויסגעחברט מיט אַ געוועזענעם יונגן רעדאַקטאָר פון אגודישן „טאָג", וואָס פלעג שרייבן זיין נאָמען מיטן העברעישן אויסלייג קוזלבוסקי. ער פלעג מיך „אַמוזירן" מיט זיין בקיאות אין דער יידישער ליטעראַטור און ער פלעג צומאָל אַפילו באַגיין די אַפּיקורסישע ליצנות אונטערצוברומען פאַר מיר דאָס לידל „שפּיל ציגיינער מיר אַ לידל". איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל, ווען ער האָט געבראַכט צו מיר אין קיך בשעת דער אַקציע זיין יונגע שיינע פרוי, אַ געוועזענע לערערין פון אַ בית יעקב שול, כדי איך זאָל אים העלפן זי אַ ביסל באַרויקן אין איר מוראדיקן ווייטיק נאָכן צונעמען אין אַ בלאָקאַדע זייער פּיצל קינד, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין אַ קעלער אינאיינעם מיט זייערעביידנס עלטערן.

א קיך-לייטערין מיט פּערסאָנאַליטעט

אין אונדזער לאַגע זענען געווען וויכטיק נישט בלויז אָרגאַניזאַטאָריש־אַדמיניסטראַטיווע טאַלענטן, נאָר אויך די מענטשלעכע און געזעלשאַפטלעכע אייגנשאַפטן פון דעם קיך־לייטער. ער האָט זיך געמוזט היטן פאַר דער היסטעריע פון זיינע פאַרצווייפלטע פּעטענטן. ער האָט זיך נישט געטאָרט איינברעכן פון די ליידן און דעם מיטלייד, וואָס האָבן אים באַשטורעמט פון דרויסן און פון אינעווייניק. פון דער אַנדערער זייט האָט ער אָבער אויך נישט געטאָרט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ טעמפּן באַאַמטן. אין באַרירונג מיט דער מוראדיקער מאַסן־נויט האָט ער געמוזט אויפהיטן דעם ניצוץ פון מענטשלעכקייט, די מאָס ערלעכקייט און פאַרלעסלעכקייט, דעם פונק פון פּערזענלעכער גוטסקייט.

יעדער האָט געהאַט זיין פּראָפיל, זיין באַזונדערן צוגאַנג, זיינע מעטאָדן.

צווישן די פּרויען, וואָס האָבן אָנגעפּירט מיט די פּאָלקסכיקן איז פּאָלאַ עלסטער געווען איינע פון די אָריגינעלסטע. שוין ריין פיזיש. ביז היינט זע איך פאַר מיר בולט דעם אָריגינעלן קאָפּ מיט דעם שטאַרקן טונקל־הויטיקן, עטוואָס פאַרשוויגענעם פּנים, מיט די טיפע ברוינע אויגן אונטער געדיכטע ברעמען און מיט די רייכע שוואַרצע גלאַט־פאַרקעמטע האָר, וואָס זענען געווען צונויפגענומען אויפן נאַקן אין אַ האַרטן גרויסן „קאָק״.

עס האָט פון איר געאָטעמט אַן אינערלעכע קאָנצענטרירטקייט, אַ מין זעלבסטבאַוווסטע פעסטקייט. מעגלעך, אַז אָט די פעסטקייט האָט געוואָרצלט אין דער אידייאישער באַזע, אויף וועלכער זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט. עס איז אָבער אויך געווען אין דעם אַ יחוס עצמו, דאָס וואָס מען רופט פּערסאָנאַליטעט.

איך דערמאָן זיך נישט איך זאָל אין יענער צייט האָבן פאַרפירט מיט פּאָלען אַ לענגערן שמועס, זי האָט אָבער געצויגן אויף זיך מיין אויפמערקזאַמקייט. איך האָב זי אַ פּאָר מאָל געהערט נעמען אַ וואָרט אויף אונדזערע פאַרזאַמלונגען און ווען איך רוף אַרויס אין מיין זכרון דעם איינדרוק פון איר געדעמפּטער, וואַרעמער שטים, פון די געוויגענע רויקע ווערטער, פאַרשטיי איך, פאַרוואָס איר פּאַרטיי האָט זי אין א שפּעטערער תקופה באַשטימט פאַר איר פאָרשטייערין אין דעם געמישטן יידיש־פּוילישן הילפס־קאָמיטעט אויף דער אַרישער זייט. עס ווערט מיר אויך קלאָר, אַז מיר האָבן אין איר פּערזאָן פאַרלוירן אַן אויפקומענדיקן געזעל־שאַפטלעכן כוח, א טוערין און רעדנערין פון פּאָרמאַט.

נאָך דריי אַקציעס

און דערווייל האָבן זיך די געשעענישן אַוועקגעקייקלט מיט זייער גרויליקן גאַנג. די צווייטע וואָך פון דער ערשטער, גרויסער גירוש־אַקציע איז די עלעקטאָראַלנע „אַרויסגעפאַלן״ פון געטאָ און פּאָלעס קיך האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. פאַר איר פּערזענלעך איז דאָס מסתמא געווען אַ שאַנס צו בלייבן לעבן, ווייל די לייטערס פון די קיכן, וואָס האָבן דערצויגן ביז צו דער אַלגעמיינער סעלעקציע (פון 6־טן ביז צום 13־טן סעפּטעמבער), זענען ס׳רוב אַוועק בראש פון זייערע פּערסאָנאַלן קיין טרעבלינקע. מיין קיך אויף לעשנאָ 40 איז נאָך פאַר דעם פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ „שאַפּ־קיך״ פון טעבענסן און איך בין געבליבן לעבן נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די פאַרכאַפּערס פון דער קיך (און פון די פאַר איר באַשטימטע לעבנס־נומערן) האָבן מיך פון דאָרטן באַצייטנס משלח געווען און איך האָב זיך אַ דאַנק דעם געקאָנט פאַרשטעקן בשעת דער סעלעקציע אינאיינעם מיט מיינע קרובים און באַלעבאַטים אין זייער באַהעלטעניש אויף לעשנאָ 66.

ווי אַזוי און ווו פּאָלאַ האָט זיך געראַטעוועט בעת דער צווייטער אַקציע אין

חודש יאַנואַר 1943, האָב איך נישט געהערט. גאַר געציילטע פון אונדז האָבן דערצויגן ביז צו דער דריטער אַקציע אין אַפּריל 1943. אין אָט דער אַקציע — שוין בשעת דעם אויפשטאַנד — איז זי פאַרשלעפּט געוואָרן פון דעם טעבענס־געביט אין דעם לאַגער פּאָניאַטאָווע.

אַרויסגעשלעפּט פון דאָרטן האָבן זי צוויי שליחים פון הילפס־קאָמיטעט: דער פּוילישער באַן־אַרבעטער און מיטגליד פון אַ. ק. (אַרמיאַ קראַיאָוואַ) טעאָדאָר פּאַיעווסקי און די יידישע פאַרבינדלערין „עמילקאַ" (רויזע קאָסאָווער), די זעלבע, וועלכע האָבן אין אַ פריערדיקער צייט אַרויסגענומען מיך און דערנאָך יאָנאָס טורקאָוו פון יידישן אַרבעט־פּונקט אויפן פּראַגער באַנהויף פעלצאָוויזנע און בערך סוף יולי פון דעם זעלבן יאָר אַרויסגענומען פון דעם לאַגער טראַווניקי און געבראַכט קיין וואַרשע עמנואל רינגעלבלומען.

ערשטע שריט אויף דער אַרישער זייט

איך בין שוין צו יענער צייט געווען אַ גאַנצער „וותיק" אויף דער אַרישער זייט. אַרויסגעגאַנגען פון געטאָ דעם 9־טן מערץ, האָב איך איצט געווינט אײַנ־איינעם מיט אַ חברטע איינגעמאָלדן אַלס פּאָלקע אין אַ געדונגענעם צימער אויף פּרוזשנע גאַס. איידער איך האָב אָבער מיט דער הילף פון באַשע און אַדאָלף בערמאַן, זוכה געווען צו דעם דאָזיקן מעמד, האָב איך זיך — אויך לויט זייער רעקאָמענדאַציע — אויפגעהאַלטן אין משך פון צוויי וואָכן אין אַ קליינעם פּאַרטער־הייזל אויף ראָגאָווסקאַ, אַ פאַרשטאָט־געסל אין שכנות פון פּראַגער יידישן בית־עלמין.

די באַלעבאָסטע פון דאָזיקן הייזל אײַנאיינעם מיט איר אונטערוואַקסנדיקער טאָכטער מאַרישע און מיט איר פריינט זענעק האָבן זיך אין דער צייט געמאַכט א פרנסה פון אויסבאַהאַלטן יידן, וואָס האָבן געצאָלט אַ הויכן פּרייז פאַר יעדן טאָג און יעדער נאַכט, פאַר יעדן „סערוויס", פון וועלכן זיי האָבן דאָ געגאָסן.

ווי נאָר איך האָב באַקומען אַ מעגלעכקייט זיך איינצומעלדן אויף מיין פּוילישן נאָמען און פאַרווישן די שפּורן פון מיין אידענטישקייט, האָב איך זיך פריין אָפּגעזעגנט מיט די באַלעבאַטים אויף ראָגאָווסקאַ און בין אַוועק פון זיי מיטן פעסטן באַשלוס זיך מער אין דער געגנט נישט צו לאָזן זען.

דאָך האָט געוואָלט דער גורל איך זאָל דאָ אין אַ צוויי חדשים אַרום פונדאָסניי ווערן אַן אָפּטע איינגייערין. דאָ, אין דעם הייזל, האָט מען איינקוואַרטירט פּאָלאַ עלסטער נאָכדעם ווי זי איז צוריקגעקומען פון פּאָניאַטאָווע און דאָ האָט זי זיך געטראָפן מיט איר חבר הערש בערלינסקי, וועלכן מען האָט געבראַכט צופירן פון דעם ווישקאָווער וואַלד. אַהער האָט מען איבערגעפירט פון אַן אַנדערער

מעלינע הערש וואַסערן מיט זיין פרוי בלומע. אַהער האָט מאַרישע געבראַכט פון לעמבערג נתן בוקסבוים מיט זיין פרוי באַשע און זיין טעכטערל מירעלע, וועמען זי האָט באַוויזן אַרויסצוציען פון יאַנאָווער לאַגער, און מיט זיי צוזאַמען איז געקומען נאָך אַ יונגערמאַן מיטן פּסעוודאָנים „סטעפאַן", ד"ר ראָזענבוים — אַ קרוב פון ד"ר רינגעלבלום.

די באַזע אויף ראַגאָווסקאַ 18

די וואָכן זענען געלאָפן. עס איז שוין געווען בערך העלפט יוני פון יענעם גורלדיקן יאָר. די פייערן פון אויפשטאַנד זענען שוין געווען צוגעלאָשן. די טעכניק פון דעם לעבן און פון דער אונטערערדישער הילף פאַר באַהאַלטענע יידן אויף דער אַרישער זייט האָט זיך ביסלעכווייז אַלץ מער אויסקריסטאַליזירט. דאָס הייזל אויף ראַגאָווסקאַ איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַבילער באַזע פון יידישן הילפס־קאָמיטעט. אויפן בוידעם איז דאָ קאָנסטרואירט געוואָרן אַ טאָפּלטער פּאַציאַט מיט אַ פאַרמאַסקירטן איינגאַנג, דורך וועלכן מען האָט זיך געקאָנט אַריינבאַקומען אין ענגן באַהעלטעניש צווישן די צוויי האָלץ־ווענטלעך. ביים קליינעם „קוקערל" האָט שטענדיק דיזשורירט אַ „טשויקע" און ביים מינדסטן אַלאַרם פלעג די גאַנצע גרופּע מאָמענטאַל נעלם ווערן הינטערן ווענטל, מיטנעמענדיק מיט זיך אַלע קעגנשטאַנדן, וואָס האָבן געקאָנט פאַראַטן די אַנוועזנהייט פון מענטשן אויפן דאָזיקן אָרט. אויך ביינאַכט איז דאָ געווען אויסגעשטעלט אַ „וואַכמאַן", וואָס זיין הויפּט־פונקציע איז באַשטאַנען אין תיכף אויפוועקן דעם יעניקן פון דער גרופּע, וואָס האָט אין שלאָף געלאָזט הערן פון זיך אַ כראָפּען...

דאָס דאָזיקע באַהעלטעניש האָט באַוויזן זיין צוועקמעסיקייט אין משך פון לאַנגע חדשים. עס האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אַפילו דעמאָלט, ווען עס איז שוין געהאַט איינגעפלאָסן אַ בפירושע מסירה און אַנגעשיקטע פאַרשוינען האָבן אין משך פון שעהען אַרומגענישטערט אין יעדן ווינקל פון הייזל, פון פאַרנטיקן הויף, פון בוידעם. די דאָזיקע רעוויזיע איז פאָרגעקומען אין חודש אָקטאָבער 1943 און אויף צו מאָרגנס איז די „באַזע" געוואָרן „פאַנאַנדערגעלאָזן" ביז צום לעצטן תושב.

אין משך פון זומער און פרי־האַרבסט איז אַלץ צוגעגאַנגען כשורה און די איינציקע סכנה מיט וועלכער מען האָט כסדר געהאַט צו טאָן, זענען געווען די טויבן פון א שכן, אַ „גאַלעמביאַרזש", וואָס פלעג ליב האָבן צו פאַרברענגען זיינע פרייע מינוטן אויף דער לייטער, וואָס האָט געפירט צו זיין טויבנשלאַג. אַמאָל אין אַ נאַווינע פלעג ער זיך אויך קענען אַרויפכאַפּן אויפן דאַך פון הייזל נומער 18, אין געיעג נאָך אַ ווידערשפּעניקער טויב.

פֿאַרשטײט זיך, אַז די באַלעבאַטים פֿונעם פֿאַרבאָטענעם עסק האָבן אים אין אַזאַ פֿאַל נישט געטאָרט מאַכן די מינדסטע באַמערקונג. פֿאַרקערט, זײ האָבן מיט אַ געמאַכטן אינטערעס נאָכגעפֿאָלגט זײַן „האָבי" און פֿלעגן אײנאײנעם מיט אים זיך נעמען דראַפּען אױפֿן דאַך, כּדי אים „צוצוהעלפֿן". די גרופּע אױפֿן בױדעם האָט פֿאַר דעם ספּאָרט קײן גרױסע סימפּאַטיע נישט געהאַט...

עפּיזאָדן

צום ערשטן מאָל בין איך אַהער געקומען צו לױפֿן זיך זען מיטן „פּאַן אַנטאָני", ד. ה. נתן בוקסבױם, מיט װעמען איך בין געװען באַקאַנט פֿון פֿאַר דער מלחמה. איך האָב געהאָפֿט צו הערן פֿון אים עפּעס װעגן מײַן ברודערן־זון, פֿון װעלכן איך האָב פֿאַר מײַן אַרױסגײן פֿון געטאָ געהאַט אַ ידיעה, אַז ער געפֿינט זיך אין יאַנאָװער לאַגער.

יענץ ערשטע מאָל האָט מען מיך אױפֿן בױדעם נישט אַרױפֿגעלאָזט. מען האָט בוקסבױמען אַראָפּגערופֿן אונטן און אין משך פֿון אַ שעה האָט ער מיר דערצײלט מוראדיקע פּרטים װעגן דער אױסראָטונג פֿון די לעמבערגער ייִדן. ער האָט מיר צוגעזאָגט צו שרײַבן קײן לעמבערג צו דאָרט פֿאַרבליבענע פֿרײַנט זײַנע װעגן מײַן ברודערן־זון און מיר איבערשיקן דעם ענטפֿער.

אין אַ קורצער צײַט אַרום האָט זיך אָבער בוקסבױם געלאָזט פֿאַרנאַרן דורך דעם ספּקדיקן רעטונגס־מיראַזש, װעלכער איז אַרײַן אין דער כראָניק פֿון יענער צײַט אַלס די „אַפֿערע פֿון האָטעל פּאָלסקי", און ער איז אַרױסגעפֿאָרן אײנאײנעם מיט זײַן משפּחה קײן בערגען־בעלזען און פֿון דאָרטן איז ער אין אַ צײַט אַרום צוזאַמען מיט נאָך אַנדערע כּלומרשטע „דרום־אַמעריקאַנער" איבער־געשיקט געװאָרן קײן אױשװיץ אױף פֿאַרניכטונג. די צוגעזאָגטע אינפֿאָרמאַציע פֿון לעמבערג האָב איך קײנמאָל נישט דערהאַלטן.

דערװוּסט זיך, אַז דער פּלאַץ פֿון די בוקסבױמס איז פֿרײ געװאָרן, האָב איך זיך פֿאַרשטענדיקט מיט די באַלעבאַטים און לױט מײַן איניציאַטיװ האָט „יוזיאַ" זיעמיאַן אַרױסגעשלעפּט פֿון ייִדישן אַרבעטספּונקט אױף דעם באַנהױף „װאַרשאַװ־װעסט" מײַנעם אַ געװעזענעם מיטלאָקאַטאָר פֿון דער דירה אױף לעשנאָ 66 מיטן נאָמען „באַלעק", װאָס איז געװען אַ ספּעציאַליסט אין אַרױס־שמוגלען מענטשן דורך די געטאָ־װאַכן. אים האָב איך אין אַ גרױסער מאָס צו פֿאַרדאַנקען מײַן רעטונג בשעת די אַקציעס און מײַן אַרױסגאַנג אױף דער אַרישער זײַט.

װי „יוזיאַ" האָט זיך אױף צומאָרגנס דערװוּסט, זענען מיט אַ שעה שפּעטער נאָכן אַרױסשלעפּן „באַלעקן" געװאָרן אונטערגעשטעלט אָפּענע לאַסט־װאַגאָנען

און די בערך צוויי הונדערט יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך געהאַט אַרויסגעראַ־טעוועט פון ברענענדיקן געטאָ אויף „וואַרשאַו־וועסט", זענען געוואָרן פאַרלאָרן און אַוועקגעפירט קיין טרעבלינקע. אין אַ צייט אַרום איז „יוזיאַן" אויסגעקומען זיך מטפּל צו זיין מיט איינעם פון זיי, (אַ שריפטשטעלער פון לאָדזש מיטן נאָמען מיעדזינסקי) וואָס איז פון דעם טראַנספּאָרט אַנטלאָפן און פון אים האָט ער זיך דערוווּסט, אַז די מענטשן פון דער גרופּע זענען געווען „להשמיד ולהרוג" סיי אויף אים, סיי אויף באַלעקן, ווייל זיי זענען געווען איבערצייגט, אַז זיי האָבןביידע געוווּסט וועגן דעם, אַז מען גייט ליקווידירן אין יענעם טאָג דעם אַרבעטס־פּלאַץ ד. ה. געראַטעוועט די אייגענע פּעל און די אַנדערע נישט געוואָרנט.

מיט אַ פּאָר טעג פריער פון באַלעקן האָט „יוזיאַ" געהאַט אַרויסגעשלעפּט פון דעם פּלאַץ זיין יינגערן ברודער. אָבער נישט זיין ברודער, נישט באַלעק און אויך נישט דער פון טרעבלינקע אַנטלאָפענער מיעדזינסקי האָבן די מלחמה נישט איבערגעלעבט.

אַזאַ איז געווען יענע צייט, יענער זומער פון אונדזערע באַגעגענישן.

אַ גרוס פון יוסף קירמאַן און אברהם קזשעפּיצקי

ווען איך בין ווידער געקומען אויף ראַגאַוסקאַ 18, כדי צו זען, וואָס איך קען טאָן פאַר דעם דורך מיר רעקאָמענדירטן נייעם „גאַסט", האָבן מיך די באַלעבאַטים דאָסמאָל אַרויפגעלאָזט אויפן בוידעם זיך זען און באַגריסן מיט דער גאַנצער חבריה, וואָס האָט זיך דאָ אויפגעקליבן.

גייענדיק אויף די שפּיץ־פינגער און שעפּטשענדיק אין דער שטיל, האָב איך זיך דאָ אַזוי אַרום צום ערשטן מאָל נאָך די אַלע טראַגישע געשעענישן געטראָפן מיט די, וועלכע איך האָב געקענט פון פריער — דאָס פּאָרפּאָלק הערש און בלומע וואַסער, באַלעק, פּאַלאַ; זיך באַקאַנט מיט די צוויי פּאָר מיר נייע חברים — הערש בערלינסקי און סטעפאַן. יעדער פון זיי האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און קודם כל האָבן זיי געוואָלט הערן פון מיר: וואָס רעדט מען אין וואַרשע? וואָס שרייבט די פּוילישע פּרעסע? וואָס טוט די פּוילישע אונטערערד? און וואָס פאַר אַ נייע מפּלות איז זיך מודה די דייטשע פּרעסע?

פינף חדשים זענען שוין פאַרגאַנגען נאָך דעם דורכברוך אין סטאַלינגראַד. די אַליאַנטן האָבן שוין זינט העכער צוויי חדשים ליקווידירט די לעצטע דייטשע אַרמייען אין צפון־אַפריקע און די נעמען פון וואָס אמאָל נייע קליינע אינדזלען אויפן מיטללענדישן ים, וואָס האָבן געפירט צו די איטאַליענישע ברעגעס, האָבן ווי עלעקטרישע לעמפּלעך באַלויכטן אונדזערע מחשבות און חלומות וועגן אי־בערלעבן, באַפרייט ווערן, דערלעבן היטלערס מפּלה.

דריי

נאָך די אַלגעמיינע אינפאָרמאַציעס איז געקומען אַ סעריע איינצל־געשפּרעכן. און אָט זיץ איך אויף א באלקן פון בוידעם, פאַרטיפט אין א שמועס מיט פאָלאַ עלסטער, מיין געוועזענער קאָלעגין פון די פאָלקסקיכן אין וואַרשעווער געטאָ.

זי איז געווען דער היפוך פון איר „ליינען"־בלאָנדער ייִנגערער שוועסטער וואַנדאַ, דער סאַמע פייערדיקער מיטאַרבעטערין פון באַשע בערמאַן מיט וועל־כער ס'איז מיר אויסגעקומען זיך צו באַקענען אויף דער אַרישער זייט. אַזוי אַנדערש פון איר שוועסטער און דאָך אייגנטלעך אַזוי ענלעך צו איר.

ערשט איצט בין איך אויפמערקזאַם געוואָרן אויף דער נייער משמעות פון פאָלעס אויסזען, אויף דעם שטאַרק „דרומדיקן" כאַראַקטער פון איר געזיכט, אויפן שניט פון אירע אויגן און ברעמען, אויפן שוואַרצן פעפערל, וואָס האָט זיך איצט טאָפּלט גרויס אַרויסגעזען אויף די אָפּגעמאָגערטע באַקן. עס איז געווען קלאָר, אַז מיט אַזאַ פנים האָט זי זיך אויף די גאַסן פון וואַרשע נישט געטאָרט אַרומדרייען.

איך האָב פון איר געוואָלט הערן ידיעות וועגן שותפותדיקע פריינט און באקאנטע, וועלכע געפינען זיך נאָך אין פּאָניאַטאָוו — אין דער ערשטער ריי וועגן דעם פּאָעט יוסף קירמאַן, מיט וועלכן איך האָב זיך אין דער געטאָ־צייט זייער אויסגעחברט. פאָלאַ האָט מיר געוווסט צו דערציילן, ווי אַזוי מען האָט אים אַרויס־געשלעפּט פון אַן אַפּראָוויזאַציע־בונקער * אויף פראַנצישקאַנער 30 און ווי אַזוי ער האָט באַוויזן זיך צו ראַטעווען פון דער עקזעקוציע פון דעם געזעלשאפטלעכן אקטיוו, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען און אָנצוקומען מיט א טראַנספּאָרט קיין פּאָניאַטאָווא.

דאָס אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען אין ברענענדיקן געטאָ איז אויפגע־שטאַנען אין אירע געפּרעסטע רייד מיט א נייער וועהעמענץ. זי האָט דערציילט וועגן די לעבנס־באַדינגונגען אין לאַגער, וואָס אין פאַרגלייך מיט אים האָט דער בוידעם אויף ראַגאָווסקא געקענט געגליכן ווערן צו אַ דאַטשע. פאָלאַ האָט באַטאָנט, אַז קירמאַנען דאַרף מען וואָס גיכער אַרויסשלעפּן פון לאַגער, ווייל ער גלויבט, אַז זיין פרוי און צוויי קינדער לעבן נאָך אויף דער פּראָווינץ און ער ווערט פארברענט פון דעם שטרעבן זיך צו זיי צו דערקלייבן, זיי פרווון ראַטעווען פון אומקום.

---

*) קירמאַן איז געוועזן צוגעשריבן צו דעם אפּראָוויזאַציע־אנשטאלט. די אָנפירער פון דעם אנשטאלט ווי אברהם געפּנער, שמואל ווינטער און אַנדערע, וועלכע האָבן אויס־געטראָגן די פינאַנציעלע אונטערשטיצונג פון דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע, זענען נאָכן אַרויספירן זיי פון בונקער, אָפּגעפירט געוואָרן אויפן פּלאַץ פאַר דעם בנין פון יודענראַט אויף זאַמענהאָף 19 און דערשאָסן געוואָרן אויפן אָרט.

לײדער איז אָט דער פּלאַן נישט מקוים געוואָרן. עס זענען אַרויסגעשמוגלט געוואָרן פון פּאַניאַטאָווּאַ פּאָטאָגראַפּיעס צו מאַכן קענקאַרטן. ווען טעאָדאָר פּאַיעווסקי מיט „עמילקען" זענען אָבער אין אַ צײַט אַרום מיט אַ גרויסער סומע געלט און מיט פּאַפּירן געשיקט געוואָרן קיין פּאַניאַטאָווּאַ זענען זיי געקומען שוין צו שפּעט. דעם טראַגיש באַרימטן 3־טן נאָוועמבער 1943 זענען די ייִדישע לאַגערן טראַווניקי און פּאַניאַטאָווּאַ און דער גרויסער אַלגעמיינער לאַגער מאַידאַנעק געוואָרן אַרומגעשטעלט מיט מאַשינגעווער און די ייִדן, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, זענען געוואָרן אויסגעשאָסן אין משך פון איין טאָג. צווישן אָט די ייִדן האָט זיך געפונען אויך דער טאַלענטירטער פּאָעט, מאַרקישעס אַ נאָענטער חבר און מיטגייער יוסף קירמאַן הי״ד.

אויף דעם בוידעם פון ראַגאָווסקאַ 18 האָב איך זיך אויך צום ערשטן מאָל פּאַנאַנדערגערעדט מיט פּאָלעס חבר הערש בערלינסקי, דעם אָנפירער פון דער לינקער פּועלי־ציוניסטישער קאַמפּס־גרופּע אויפן געביט פון בערשטער־שאָפּ. פון אים האָב איך זיך דערוווסט פּרטים וועגן גורל פון מײַן שכן און „עדות" אברהם קזשעפּיצקי — דעם אנטלאָפענעם פון טרעבלינקע, וועלכן איך האָב וואָכן־לאַנג אינטערוויואירט וועגן טויט־לאַגער פאַרן געהיימען אַרכיוו. אויך ער איז געווען אַ מיטגליד פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע אין דער גרופּע פון יעקב פּראַשקער, וואָס האָט געהערט צום „הנוער הציוני". בערלינסקי האָט אים גוט געקענט און ער האָט מיר דערציילט, אַז ער איז געוואָרן פאַרוווּנדעט אין אַ פּוס בשעת דער באַשיסונג פון דעם שאָפּ און צוליב דעם האָבן אים די חברים געמוזט איבערלאָזן אין אַ קעלער, ווען די אַנדערע קעמפער האָבן זיך צוריקגעצויגן פון דעם אונטער־געצונדענעם בערשטער־שאָפּ אויף פראַנציסקאַנער גאַס.

און נאָך האָב איך דאָ געטראָפן מײַנע גאָר נאָענטע באַקאַנטע, דעם סעקרעטאָר פון געהיימען היסטאָרישן אַרכיוו, הערש וואַסער אינאיינעם מיט בלומען, זײַן פרוי, וועלכע האָט געאַרבעט אין געטאָ אַלס לערערין אין העברעיִשן סעקטאָר פון די געהיימע שולן. מיט זיי ביידע האָב איך זיך באַקענט צווישן דער ערשטער און צווייטער אַקציע אויפן געביט פון דעם סטאָלער־שאָפּ פון אַלעקסאַנדער לאַנדאַו. שפּעטער האָבן זיי צוזאַמען מיט אליהו גוטקאָווסקי געוווינט אין צענטראַלן געטאָ און דערנאָך אין בערשטער־שאָפּ. איך האָב געוווינט אין אָט די צוויי פּעריאָדן קודם אויף נאַלעווקעס 37, דערנאָך אויף מוראַנאָווסקע 36 און צום סוף — פאַרן אַרויס־גיין אויף דער אַרישער זײַט — אויף ניסקע 2. מיר האָבן זיך אין משך פון אָט דער צײַט כסדר קאָנטאַקטירט און צו זיי פלעג קזשעפּיצקי איבערטראָגן די דורך מיר אויסגעפּאַרטיקטע טיילן פון זײַן גביית־עדות.

און ווי מאָדנע דאָס זאָל נישט האָבן געווען אין יענע באַדינגונגען, איז אויך איצט אויפגעשווומען די פראַגע פון קאָנטינואירן די אַרבעט פון באַשרײַבן.

איך בין געווויר געוואָרן, אַז ביידע הערשן האַלטן אין פּאַרפּאַסן באַריכטן וועגן דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין וואַרשעווער געטאָ ביז צום אויסברוך פונעם אויפשטאַנד.

די ערשטע באַשטעלונג, וואָס איך האָב געדאַרפט אויספירן פאַר דער גרופּע אויפן בוידעם, זענען געווען העפטן און שרייב־מכשירים.

איך האָב זיך געדאַרפט טרעפן אין שטאָט מיט וואַנדען און זיך צונויפרעדן מיט איר וועגן קאָאָרדינירן אונדזערע ביידנס באַזוכן אויף ראַגאָווסקאַ גאַס.

פּסיכאָהיגיענע פון זיצן אין אַ באַהעלטעניש. דאָס פירן טאָגביכער און שרייבן זכרונות — אַ מיטל צו באַקעמפן דעפּרעסיע

דאָס קומען אַלס כלומרשטע פּאָלקע אין פּוילישע הייזער, ווו מען האָט געוווסט דעם סוד פון דיין „אַרישקייט" און אַליין געווען אַנגאַזשירט אין דעם טויט־געפערלעכן ענין פון אויסבאַהאַלטן יידן מער פון פּרנסה־שטאַנדפּונקט — איז געווען ווייט נישט פון די גרינגע זאַכן. די באַלעבאַטים האָבן געהאַט ערנסטע שוועריקייטן מיט איינקויפן איבערטריבן גרויסע קוואַנטומס שפייז, אָבער גלייכ־צייטיק האָבן זיי געקוקט מיט אַ קרום אויג אויפן ליפערן זייערע „קעץ" (דער סאַמע פּאָפּולערסטער קריפּטאָנים פאַר יידן אויף דער אַרישער זייט) פּראָדוקטן פאַר נאָרמאַלע פּרייזן און דערצו דורך מענטשן, וואָס זענען אייגנטלעך אַליין אַ פאַרבאָטענע סחורה. בפרט, וואָס דאָס דרייען זיך אַריין און אַרויס פון עפּעס אומבאַקאַנטע פּאַרשוינען אַרום זייער שטוב איז שוין אַליין געווען אַ סכנה, וואָס ווייט נישט אַלע באַלעבאַטים פון מעלינעס פלעגן מסכים זיין דערצו. די זאַך איז אויך, פאַרשטייט זיך, געווען געפערלעך ביז גאָר פאַר די נישט כשרע באַזוכער גופא.

גיין האָט מען אָבער געמוזט. ביי וואַנדען, וועלכע איז געווען איינע פון די הויפּט־פאַרבינדלערינס פון יידישן נאַציאָנאַל־קאָמיטעט איז דאָס געווען אַ טאָג־טעגלעכע אַרבעט און זי האָט דאָס געמאַכט ווייט נישט בלויז פאַר איר אייגענער שוועסטער. אין דעם פאַל האָט זי זיך „אַלס דעקונג" אויסגעחברט מיט דער באַלעבאָסטעס טעכטערל מאַרישע און איז אַנגעגאַנגען ביי די שכנים ווי אירע אַ „קאָלעזשאַנקע" און קוזינקע און דערצו נאָך אויסגעזען בלאָנד און נאָך מער „שיקסיש" פון איר גופא. איך בין געווען אויף דעם געביט אַ דערווייל נאָך וויניק דערפאַרענע אַמאַטאָרין און ווו עס פלעג מיר אויסקומען צו באַזוכן באַהאַלטענע יידן, פלעג איך שפּילן די ראָל פון אַ דעקלאַסירטער לערערין פון דער פּראָווינץ, וואָס לעבט פון הויזהאַנדל מיט זאָקן און זייף. ווען איך פלעג אַרויסגיין פון שטיבל אויף ראַגאָווסקאַ 18, אַדורכגיין דאָס פּאַרנטיקע גערטל און

האַלטן ביים עפענען דאָס שטאַכעטענע טירל אַרויסצוגיין אויף דער גאַס, פלעג מיר די באַלעבאָסטע נאָכרופן: „אַנהויב וואָך דאַרף איך וואַשן וועש, ברענגט מיר נאָך צוויי שטיק זייף".

אַ קאַפּיטל פאַר זיך — אַ גאַר שווער קאַפּיטל — איז אויך געווען דער פּסיכישער צושטאַנד פון די מענטשן, וואָס זענען געזעסן פאַרהוילענע, פאַרשלאָסענע אין אַ באַהעלטעניש. גאָר נישט גרינג זענען אויך געווען די איבערלעבונגען פון אַ ייד, וואָס אַליין האָט ער זיך — אומשטיינסגעזאָגט — „פריי" באַוויגן און דאָ פלעג אים אויסקומען צוצוזען זייער איינגעקלעמטקייט, זייער אויסגעליפערטקייט צו די קאַפּריזן און גענאָד פון זייערע פּוילישע „גאַסטגעבער".

וויל איך זיך ביי דער געלעגנהייט אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אויף דעם ביז גאָר פּאָזיטיוון איינפלוס, וואָס עס האָט געהאַט אויף דער פּסיכאָ־היגיענע פון די באַהאַלטענע דאָס איינשפּאַנען זיי אין עפּעס אַן אַרבעט. אין דעם — און נישט נאָר אין דעם — פאַל איז דאָס געווען דאָס באַשרייבן פאַקטן און איבערלעבונגען פון דער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט.

ביי דער גרופּע, וואָס איז געזעסן אויף ראַגאָווסקאַ, איז עס געווען פּשוט אַ המשך און אַ פּועל יוצא פון דעם, וואָס זיי האָבן געטאָן אין געטאָ — לויט דער איניציאַטיוו און אונטער דער השגחה פון ד"ר רינגעלבלום, בפרט ווען ער אַליין איז אויך צוריקגעקומען פון טראַווניקי קיין וואַרשע און מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז ער האָט זיך אין זיין באַהעלטעניש גלייך גענומען צום שרייבן. נישט עמעצער אַנדערש ווי וואַנדאַ האָט זיינע אַרבעטן איבערגעטראָגן אויף אונדזער אַלעמענס באַזע אין דעם דאָלמעטשער־ביוראָ פון פרוי יאַנינאַ בוכהאָלץ אויף מיאָדאָווע 11. דאָ פלעגן די אַרבעטן איבערגעקלאַפּט ווערן אויף אַ מאַשין און אָפּגעליפערט ווערן אין אַרכיוו־באַהעלטעניש פון די בערמאַנס, ווו זיי האָבן איבערגעהאַלטן די מלחמה. דעם זעלבן וועג האָבן דורכגעמאַכט אויך די מאַטעריאַלן פון די אַנדערע — אַלטע און נייע — מיטאַרבעטער פון אַרכיוו און אויך זיי האָבן ס'רוב אַדורכגעהאַלטן די נייע שטורמישע געשעענישן, וועלכע האָבן אונדז נאָך אין וואַרשע דערוואַרט.

מיט דער צייט איז דאָס אָנרעגן באַהאַלטענע יידן צו שרייבן זכרונות און פירן טאָגביכער אויסגעוואַקסן ממש צו אַן אַלגעמיינער שיטה און איר האָבן מיר צו פאַרדאַנקען אַ גרויסע צאָל ביז גאָר וויכטיקע, אינהאַלטסרייכע, מיטן מוראדיקן ווייטיק און אמת פון יענער צייט אָנגעלאָדענע דאָקומענטן.

גורלות פון חיבורים און מענטשן

אויפן בוידעם פון ראַגאָווסקאַ גאַס און אין די שפּעטערדיקע באַהעלטענישן זענען אַנטשטאַנען:

א. די שוין דערמאָנטע באַריכטן פון הערש וואַסער און הערש בערלינסקי. דער ערשטער פון זיי איז נאָך אין דער מלחמה־צייט אַריינגעגאַנגען ווי אַ טייל פון זײַן ערשטן דין וחשבון, וואָס איז אַרויסגעשיקט געוואָרן קיין אויסלאַנד מיט דער הילף פון פוילישע קורירן אין חודש נאָוועמבער 1943. דער צווייטער איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט טיילווייז ערשט צום צוואַנציקסטן יאָרטאָג פונעם אויפֿשטאַנד אין העברעיש און „דבר השבוע״ און איז לעצטנס אריין (אויך אין העברעיש) אין באַנד דאָקומענטן פון אויפשטאַנד, צוזאַמענגעשטעלטע דורך ד״ר יוסף קערמיש און נחמן בלומענטאַל, וואָס איז דערשינען אין „יד ושם״.

ב. די אַרבעטן, וואָס עס האָט דעמאָלט, לויט מיין אָנרעגונג, אָנגעשריבן וו. באַלעק: „דער שמוגל דורך די טויערן פון געטאָ״, „בעפעהלסשטעללע זשע־לאַזנע 103״ און „ניסקאַ־פּראָסטאַ״. פון די דריי אַרבעטן האָבן זיך דערהאַלטן בלויז די לעצטע צוויי ווי אויך אַ דערגאַנצונג צו דער אַרבעט וועגן שמוגל א. ט. „קינדער־שמוגלער״. די ארבעט גופא וועגן שמוגל, וועלכע איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם „פּאַן מיקאַלאַי״ (ד״ר לעאָן פיינער פון בונד), איז בשעת דעם פוילישן אויפשטאַנד אין יאָר 1944 פאַרברענט געוואָרן אינאיינעם מיט אַנדערע ווערטפולע מאַטעריאַלן, אָנגעקליבענע דורכן „בונד״ אויף דער אַרישער זייט.

נאָך אַ בינטל נאָטיצן מיט נעמען־רשימות פון יידן, וואָס האָבן זיך אויפגעקליבן נאָכן אַפּריל־אויפשטאַנד אויף דעם אַרבעטס־פּלאַץ „וואַרשאַו־וועסט״, האָבן זיך אין אַ נישט באַאַרבעטן צושטאַנד אויפגעהיט ביי דער מוטער פון דער באַלעבאָסטע און זייערע קאָפּיעס, צוזאַמען מיט די קאָפּיעס פון די אויבנדערמאָנטע צוויי אַרבעטן, געפינען זיך ביים היינטיקן טאָג אין אַרכיוו פון יד־ושם.

ג. אויך פּאַלאַ עלסטער האָט פאַרצייכנט וואָס זי האָט מיטגעמאַכט און איבערגעלעבט פאַרן פאַרלאָזן דאָס ברענענדיקע געטאָ און אין לאַגער פּאָניאַ־טאָווא. אַ טייל פון אירע נאָטיצן זענען דערשינען אין פּוילן אין „Nasze Słowo״ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק — שוין דאָ אין ישראל — האָב איך געזען דאָס לעצטע קאַפּיטל פון אָט די נאָטיצן — אַ ביסל אָפּגעסמאַליעטע, האַלב־פאַרפוילטע בלע־טער, באַדעקטע מיט פאַלעס שריפט, וואָס וואַנדאַ האָט געפונען נאָך דער באַפרייונג נעבן די טויטע גופים פון איר שוועסטער, פון בערלינסקין און פון ערליכן, אויף די חורבות פון זייער לעצטער באַהעלטעניש. זי היט זיי אויף ווי אַ לעצטן אָנדענק, ווי אַ לעצטן גרוס. זיי זענען נישט געוואָרן דעשיפרירט ביזן היינטיקן טאָג.*

---

* אַ טייל פון די בלעטלעך, צווישן זיי אַ רשימה פון אומגעקומענע חברים, גייען אַריין אין דעם זאַמלבוך (רעדאַקציע).

אַ סצענע אויפֿן בוידעם

צוויי באַזוכן מײַנע אויף ראַגאָווסקאַ־גאַס זענען מיר פֿאַרבליבן אין זכרון.

דער ערשטער פֿון זיי איז פֿאָרגעקומען אַ פּאָר וואָכן נאָכן אַרויספֿאָרן פֿון נתן בוקסבוימען מיט זײַן משפּחה. איך האָב זיך דעמאָלט אָנגעהויבן נאָכצופֿרעגן אויף דעם ענטפֿער, וואָס האָט געזאָלט אָנקומען אויף בוקסבוימס אָנפֿרעגן זיך וועגן מײַן ברודערן־זון אין יאַנאָווער לאַגער. ווען עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז קיינער ווייס גאָרנישט וועגן אַזאַ בריוו, האָט אין מיר אָנגעהויבן עגבערן אַ שרעקלעכער ווייטיק און פֿאַרדרוס, הלמאי מען האָט מיר נישט צוויסן געטאָן, ווען מען האָט אַ פּאָר מאָל געשיקט שליחים קיין לעמבערג אַרויסצוציען פֿון דאָרט די בוקסבוימס. הלמאי מען האָט אויך מיר נישט געגעבן קיין מעגלעכקייט אָנצו־קניפּן אַ קאָנטאַקט מיט דעם איינציקן און סאַמע לעצטן — דעם סאַמע ליבסטן — פֿון מײַן נאָענטסטער משפּחה, וועלכער האָט נאָך דעמאָלט, מיט אַ זעקס וואָכן צוריק, פֿאַר דער זומער־אַקציע, אפֿשר געלעבט, וועלכן מען וואָלט אפֿשר אויך ביי דער געלעגנהייט געקאָנט געווען ברענגען קיין וואַרשע.

עס איז מיר ביז הײַנט נישט אינגאַנצן קלאָר, פֿאַרוואָס איך האָב זיך דעמאָלט נישט געווענדעט מיט מײַן טענה צו די מענטשן פֿון קאָמיטעט, מיט וועלכע איך בין געווען אין אָפֿטן קאָנטאַקט, פֿאַרוואָס איך בין פּונקט אַהער, אויפֿן דאָזיקן בוידעם, געקומען אויסלאָדן דעם שטורעם, וואָס האָט דעמאָלט אין מיר אויפֿגע־ברויזט.

דווקא אַהער בין איך געקומען וויינען — אַ שרעקלעך געוויין אָן אַ קול — אַהער, ווו אויך ער, מײַן מונדעק, וואָלט זיך אפֿשר איצטער געפֿונען, ווען איך זאָל געווען האָבן מער גליק, מער שכל, מער העזה, ווען איך זאָל געווען ווייסן, פֿארשטיין וואָס מען דאַרף טאָן...

וויפֿל אַזעלכע גורלדיקע פֿעלערן זענען געמאַכט געוואָרן אין יענער צײַט, פֿעלערן, אין וועלכע מען קאָן אַפֿילו זיך אַליין נישט באַשולדיקן, בפֿרט הײַנט, ווען מען ווייס, אַז אויך אַ סך פֿון די, פֿאַר וועמענס רעטונג אַלץ איז געוואָרן אונטערגענומען זענען נישטאָ...

און דווקא אין דעם מאָמענט האָב איך דערקענט פּאָלעס כאַראַקטער. זי האָט זיך נעבן מיר אַוועקגעזעצט אויף דעם בוידעם־באַלקן. זי האָט מיר נישט פֿאַרגעהאַלטן הלמאי איך האָב פּונקט זיי אָפּגעקליבן צו מאַכן זיי — אין די באַדינגונגען — אַזאַ „סצענע״. זי האָט זיך מיט מיר נישט געשפּאַרט. זי האָט קיינעם נישט געפּרווט פֿאַרענטפֿערן. ווי אַן אייגענע שוועסטער איז זי געזעסן נעבן מיר, דערלאַנגט אַ גלאָז וואַסער, געגלעט מײַן אָרעם, ביז איך האָב זיך אַ ביסל באַהערשט.

איך האָב מיר שפּעטער נישט געקאָנט מוחל זיין, וואָס איך האָב מיר אַזוי דערלויבט אַרויסצוגיין פון די כלים — איך, וואָס מיין אויפגאַבע איז געווען צו זאָרגן פאַר דער האַלטונג און באַהערשטקייט פון אַנדערע.

מאָנטיק, דעם 26־סטן יולי 1943

און נאָך איינעם אַ באַזוך מיינעם אויף ראַגאָווסקאַ געדענק איך. איך קען אַפילו פעסטשטעלן די דאַטע זיינע — אַ דאַטע, וואָס די וועלט געדענקט זי ביזן היינטיקן טאָג.

עס זענען דעמאָלט געשטאַנען די סאַמע הייסע טעג פון פּוילישן זומער. די זון האָט געברענט אין משך פון לאַנגע שעהען און דאָס זיצן אונטערן אָנגעהיצטן שינדלענעם דאַך איז געווען ווייט נישט פון די גרינגע זאַכן. די חברה זענען אַרומגעגאַנגען האַלב־אַנטבלויזט, מיט נאַסע האַנטעכער אויף די נאַקנס, און זענען געווען אָפּגעברענט ווי אויף אַ פּליאַזשע. ווען איך האָב זיך דאָסמאָל אַרויפגעדראַפּעט מיט מיין שווערער „וואַלוווקע" אויף דער לייטער און זיי געוואָלט מכבד זיין מיט די שיינע, זאַפטיקע וויינשל, וואָס איך האָב פאַר זיי געבראַכט, האָב איך תיכף דערשפּירט, אַז זיי זענען עפּעס שטאַרק צעמישט און דערשלאָגן.

צווישן דעם „שעף" און דער „שעפאָווע" — ווי באַהאַלטענע יידן פלעגן געווינטלעך רופן זייערע באַלעבאַטים — איז פון גאַנצפרי אָנגעגאַנגען אַ שווערע קריגעריי. איצט איז ער שוין געווען אַ היפּש ביסל בגילופין און דער שווער־פּונקט פון זיינע תרעומות האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויף זיי, אויף די „קעץ", פון וועלכע ער געניסט איינגטלעך גאָר—גאָרנישט...

פון זיין מויל האָבן זיך געשאָטן עפּעס אומקלאָרע פּרעטענסיעס און פאַר־וורפן קעגן זיין פריינדין און איר טאָכטער און דער עיקר קעגן דער גאַנצער „קודלאַיסקער" האַלאַטע, וואָס לאָזט זיך ווילגייך, זיצט ווי אין אַ קוראָרט, בשעת ער דאַרף זיי באַדינען, רייניקן זייער מיסט, אונטערשטעלן פאַר זיי זיין קאָפּ. אויב זיי מיינען אָבער, אַז ער איז זייער משרת, זייער אומזיסטער נאַר, וועלן זיי שוין זען...

עטלעכע מינוט נאָך מיין אָנקומען האָט ער זיך גענומען צו מיר. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער לייטער, וואָס האָט געפירט אויפן בוידעם, און האָט אָנגעהויבן צו לאָזן פאַרסמטע פיילן אין מיין ריכטונג.

— זע נאָר די „פּוילישע פאַניוסיע", ווי דאָס דראָדלט זיך אַרום ווי „קיינמאָל גאָרנישט" איבער די וואַרשעווער גאַסן! ווי דאָס פאַרשטייט זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַ קבצנטע, וואָס האָט נעבעך קיין זעקסערל ביי דער נשמה נישט — און איז

דערביי מסתמא אָנגעשטאָפּט ווי יעדע אַנדערע פּאַרשיווע קאַץ... נאָרט נישט בלויז מענטשן, מאַכט זיך פּאַר אַ קריסטין און נאָרט אויך דעם קריסטלעכן גאָט.

דערהערט דאָס מענה־לשון, האָבן די חברים אויפן בוידעם אָנגעהויבן געבן מיר סימנים, אַז איך זאָל זיך אָפּטראָגן וואָס גיכער — ווי נאָר ער וועט באַפרייען אויף אַ רגע דעם אַראָפּגאַנג פון דער לייטער און דעם דורכגאַנג איבער דעם פּאָדערהויז.

דאָך האָב איך געפילט, אַז סתם אַוועקגיין אין דער לאָגע טאָר איך בשום אופן נישט. עפּעס אַ מאָדנע מין געפּאַסטקייט — ווי אַלע מאָל אין אָנבליק פון אַן אמתער געפאַר — האָט מיך אַרומגענומען. ווער ווייס, וואָס אַט דער פּאַרקראַכטער פּאַרשטאָט־טיפּ קאָן אָפּטאָן נישט נאָר די יידן, נאָר אויך זיין פריינדין און איר טאָכטער אויף צו להכעיס?! צו וועמען וועל איך גיין? וועמען אַהערשיקן כדי צו פּאַרשטאָפּן דעם שפּאַלט, פּאַרלאָטען דאָס לאָך, וואָס האָט זיך געמאַכט אין דער „באַזע״?

זענעק איז אַרויסגעגאַנגען אויף אַ ווילדע אויפן הויף. איך האָב זיך שנעל אַראָפּגערוקט פון בוידעם, נאָר איך האָב אַפילו נישט געפּרוווט אַ טראַכט טאָן צו פּאַרשווינדן פון דעם אָרט. איך האָב אַ ווונק געטאָן צו דער באַלעבאָסטע, אַז איך וויל זיי ביידע עפּעס זאָגן און הגם זענעק האָט נאָכן אַריינקומען צוריק פון דרויסן ווייטער „געטריילעוועט״, אַז אזא איינע ווי איך דאַרף מען אייגנטלעך „נעמען פּאַרן צאָפּ״ און צושטעלן „איך ווייס שוין אַליין וווהין״ — האָב איך אַריינגעשפּאַנט מיט זיי אינעם אַלקערל הינטער דער קיך, ווו איך בין געשלאָפן אין משך פון צוויי וואָכן. ווען איך האָב ביי זיי געוווינט. איך בין געווען צופרידן, ווען איך האָב דערזען, אַז זיי גייען מיר נאָך, זעצן זיך מיט מיר אינאיינעם אויפן בעט, וואָס איז דאָרט געשטאַנען.

אין דער נישע איז געווען פאַרהעלטנישמעסיק קיל, אָבער אויף מיר האָט אַ שלאָג געטאָן עפּעס אַ משונהדיקע היץ. פון מיין מויל האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן ווערטער, וואָס זענען פאַר מיר געווען ווי פרעמד.

איך האָב גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. איך האָב זיי געחנפהעט, געדראָט מיט די כוחות פון הימל און פון דער ערד — פון אונטערערד... אַפּעלירט צו זייער מענטשלעכקייט און פיינקייט, געוואָרנט זיי נישט קאַליע צו מאַכן דאָס, וואָס זיי האָבן אויפגעטאָן ביז איצט, שאַפנדיק אַן אַזיל פאַר מענטשן גערודפטע ווי חיות אין ווילדן וואַלד.

איך האָב אָנגעהויבן מאָלן פאַר זענעקן די צוקונפט, דעם כבוד, וואָס דערוואַרט אים, ווען די מלחמה וועט זיך ענדיקן, ווען די דייטשן וועלן האָבן די מפּלה און פוילן וועט צוריק ווערן פוילן, ווען די וועלט וועט צוריק ווערן אַ וועלט, ווען די געראַטעוועטע יידן וועלן צוריק ווערן מענטשן מיט מענטשן גלייך

און וועלן קענען אָפּצאָלן ברויט פאַר ברויט, ווען די וועלט וועט באַערן און שעצן די, וואָס האָבן געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען.

זיכער האָב איך דעמאָלט געגלויבט, אַז אַזוי וועט טאַקע זיין. איך האָב אין יענעם מאָמענט נישט געקאָנט פאָרויסזען, אַז אויך נאָך דער מלחמה און נאָך דער דייטשער מפּלה, וועט זיך זענעק און זיינסגלייכן דאַרפן היטן און פאַר־ענטפערן פאַר אַ סך פּאָליאַקן, הלמאי ער האָט געהאָלפן יידן זיך ראַטעווען.

אָנגעהויבן שילדערן די וויזיע פון „והיה באחרית הימים” פון נאָך דער באַפרייונג, האָב איך אויסגעפירט, אַז אין אָט די קומענדיקע טעג וועט נישט געמאַכט ווערן קיין חילוק צווישן די, וועלכע האָבן גענומען געלט פאַר אויסבאַ־האַלטן יידן און די, וועלכע האָבן דאָס געטאָן פאַר רחמנות און מענטשלעכקייט. — וואָרום סיי די סיי יענע האָבן גענומען אויף זיך אַ לעבן פול מיט שפּאַנונג און שרעק, סיי די סיי יענע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און דאָס לעבן פון זייערע קינדער.

צוגעקומען צו דעם פונקט, האָב איך פלוצים געכאַפּט אַ קוק אויף דעם פאַר־פאַלק און — אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרצן. די פרוי, וועלכע האָט שוין איבער הונדערט מאָל פאַרשאָלטן אירע יאָרן, הלמאי זי האָט זיך אַריינגעלאָזט אין טריפה־נעם געשעפט, וואָס האָט זי אויסגעליפערט אויף דער גנאָד און אומגנאָד נישט בלויז פון יעדן שכן, מיט וועלכן זי קאָן זיך צעקריגן, פון יעדן דייטש, פון יעדן פּאָליציאַנט, נאָר אויך פון אָט דעם „פריינט”, פון וועלכן זי האָט זיך געמוזט לאָזן אַלץ געפעלן. די פרוי האָט איצט פּשוט געוויינט.

וואָרום אויך זי האָט דערפילט ווי זייער זי גאַרט צו דער מינוט, ווען זי וועט נישט בלויז פאַר אַ דייטש און פאַר אַ שכן נישט דאַרפן מורא האָבן...

איך ווייס נישט וואָס פאַראַ וויזיע ס'האָט אויפגעלויכטן אין זענעקס דמיון אונטער דער השפּעה פון מיינע רייד. אפשר האָט ער זיך פּשוט אַ ביסל אויסגע־ניכטערט פון דעם בימבער, וואָס ער האָט היינט געטרונקען און אויך פון דעם סמענדיקן טשאַד, וואָס דער שונא האָט אַרויפגעלאָזט אויף זיין אומגליקלעך לאַנד. וואָרום אויך אין זיינע נאָך פאַרנעפּלטע אויגן האָט זיך באַוויזן אַ טרער.

— קיין האָר פון קאָפּ וועט קיינעם נישט אַראָפּפאַלן, אַזוי לאַנג ווי איך בין דאָ — האָט ער אָנגעהויבן צו באַמקען און דערביי זיך אַ זעץ געטאָן מיט דער האַנט אין ברוסט.

דערגאַנגען צו אָט דעם פונקט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז איך טאָר נישט איבערציען דאָס שטריקל און אַז איך דאַרף מיך פון דאַנען אָפּטראָגן תיכף ומיד.

איך האָב זיי ביידן דערלאַנגט די האַנט, איך האָב אויסגערופן אַ הויכן און האָפערדיקן „דאָ ווידזעניאַ”, כדי די אויפן בוידעם זאָלן אים דערהערן און כ'בין וואָס שנעלער אַרויס פון שטוב, פון דעם הויף, פון דעם געסל, וואָס אַנטקעגנ־

איבער דעם יידישן בית־עולם. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז כ׳האָב נאָך דעם טאָג אַ באַגעגעניש אין שטאָט און בין געלאָפן וואָס שנעלער צום טראַמוויי צו פאַרלאָזן פּראָגע.

און אָט האָט מיר פּאַסירט אַ צווייטע אויסטערלישע זאַך דעם טאָג.

ווי איך בין אַרויסגעקומען אויף טאַרגאָווע, האָב איך דאָ געטראָפן קליינע שקצימלעך אַרומלויפן מיטן נייעם נומער פון דעם קאָלאַבאָראַנטישן „קוריער וואַרשאַווסקי״, וועלכן די פּאַליאַקן האָבן גערופן „שמאַטלאַוויעץ״. די ידיעה איז מסתם געווען אַ פאַרשפּעטיקטע און דורך דער דייטשער פּראָפּאַגאַנדע געהעריק פּרעפּאַרירטע, נאָר פון די טריומפירנדיקע קולות פון די ציטונג־פאַרקויפערס, האָט מען געקאָנט הערן די עלעקטריזירנדיקע, סענסאַציאָנעלע, גורלדיקע וויכטיקייט פון אָט דער ידיעה. די פאַרקויפערס האָבן געשריען בקולי־קולות: „אַן איבערקערעניש אין איטאַליע, מוסאָליני אַרעסטירט, מאַרשאַל באַ־דאליא איבערגענומען די מאכט!״.

עס איז געווען מאָנטיק, דעם 26־טן יולי 1943.

איך האָב געקויפט דאָס בלעטל פאַר אַ טאָפּלטן פּרייז און מיין ערשטע רעאַקציע איז געווען לויפן צוריק אויף ראַגאָווסקאַ, זיין די ערשטע, וואָס וועט ברענגען די דאָזיקע בשורה צו די דערשלאָגענע, באַליידיקטע, אומגליקלעכע חברים, וואָס האָבן נאָר וואָס איבערגעלעבט אַ פּיינלעכן אינצידענט מיט זייערע באַלעבאַטים, וויזשן זענעקן, אַז די צייט, וועגן וועלכער איך האָב נאָר וואָס גערעדט, האָט זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן מיט שנעלע טריט.

„קיין היטלער אָהנע מוסאָליני״ — האָב איך זיך דערמאָנט דעם טיטל פון אַן אַרטיקל, אין אַ ווינער ציטונג, וואָס כ׳האָב געלייענט פאַרן אַנשלוס פון עסטרייך צום דריטן רייך.

די „אַקס״ פון דעם וואָגן, וואָס האָט מיליאָנען יידן און נישט־יידן פאַרשלעפּט צום טויט, האָט געפּלאַצט. נאָך דער מפלה אין אַפריקע, נאָך סטאַלינגראַד, נאָך דער לאַנדונג אין דרום־איטאַליע איז דאָס געווען אַ נייער מעכטיקער, אפשר דעצידירנדיקער קנאַק אין דער מאַכט פון האַקנקרייץ איבערן אָקופּירטן אייראָפּע.

עס האָט מיך אַ טראָג געטאָן אין דער לופטן — צו לויפן, פליען, טיילן זיך מיט נאָך עמעצן מיט דער קאָלאָסאַלער ידיעה — ברויזן, קאָמענטירן, זיך קילן דאָס האַרץ.

דאָך בין איך ווייט נישט דערלאָפן. צען מאָל זיך אָפּגעשטעלט, צען מאָל זיך געשובט: יאָ גיין — נישט גיין? ווער ווייס, ווי וועלן עס אויפנעמען די באַלע־באַטים פון ראַגאָווסקאַ 18 שוין נאָך דער איבערבעטעניש — אפשר וועלן מיך זען די שכנים — מיטן בלעטל, — אפשר וועלן זיי זיך דאָרט צונויפלויפן הערן די נייעס און מיר וועט אויסקומען שטיין מיט זיי פּנים אל פּנים?...

דריי

און איך בין — נישט געגאַנגען. נישט געהאַט די זכיה צו דערפרייען און דעריקוויקן די פאַרשמאַכטע נשמות, וואָס האָבן אַזוי געלעכצט צו זען און הערן, צי דערלעבן די מינוט — פאַלן מיט הערשן, בלומען מיט וואַסערן, באַלעקן מיט סטעפּאַנען — אויפבלאָזן אין זייערע הערצער די האָפענונג, די זיכערקייט, אַז דאָס, צו וואָס זיי לעכצן אַזוי שטאַרק, וועט שוין איצטער באַשטימט געשען.

איך האָב זיך דערנאָך ספּעציעל נאָכגעפרעגט און בין געוווירן געוואָרן, אַז די בשורה איז טאַקע צו זיי דערגאַנגען מיט אַ טאָג שפּעטער.

אומענדלעכע צרות און נייע גרויסע סכנות און אומגליקן האָבן נאָך אויף אונדז געוואַרט.

איך בין שוין אין הייזל אויף ראָגאָווסקאַ 18 מער נישט געווען. מיינע פּוילישע און יידישע אפּוטרופּסים האָבן מיר נישט דערלויבט אַהין מער צו גיין.

און ווען איך האָב מיט קנאַפּע צוויי יאָר שפּעטער באַגעגנט וואַנדערן אין צענטראַל־קאָמיטעט פון די פּוילישע יידן אין וואַרשע, האָב איך פון אירע טרויעריקע בלויע אויגן אַרויסגעלייענט דעם ביטערן אמת וועגן פאַלען און הערש בערלינסקין.

פון די אַנדערע פיר, זענען בלויז הערש און בלומע וואַסער — זיי צו לענגערע יאָר — געבליבן לעבן. באַלעק און סטעפּאַן זענען אומגעקומען נאָך דעם דורכפאַל פון פּוילישן אויפשטאַנד און מען ווייס ביז היינט נישט ביי וואָסערע אומשטענדן.

יאָנאַס טורקאָוו

פּאָלאַ עלסטער

וויפל איך זאָל אין מיינע געדאַנקען נישט אַריבערטראָגן זיך צו דער נישט לאַנגער פאַרגאַנגענהייט — צו דער חורבן־תקופה, — האָב איך תמיד אַ געפיל ווי דאָס וואָלט געשען ערשט נעכטן, ערשט היינט.

יענע טאָגטעגלעכע פּאַסירונגען און איבערלעבונגען, און מיט זיי — די גוט באַקאַנטע געטאָ־געשטאַלטן, שווימען אויף פאַר מיר אַזוי בולט, אַזוי לעבעדיק, אַז אָפטמאָל האָב איך דאָס געפיל, אַז די געשעענישן, וואָס וויקלען זיך פאַר מיר פאַנאַנדער, ווי אין אַ קאַלײדאָסקאָפּ, זענען אין גרויסער קאָשמאַרער חלום, וואָס איך לעב דורך אויף דער וואָר.

נישט איינמאָל שטעל איך מיר די פראַגע: צי האָסטו, אין אַ געזונגנדיקער מאָס, אָפּגעצאָלט דיין חוב, וועלכן דו ביסט שולדיק געבליבן פאַר דיין בלייבן לעבן?

צי האָסטו אויסגעפירט די צוואה פון די אומגעקומענע, וואָס האָבן נישט געהאַט דיין מזל און האָבן נישט דערלעבט דעם טאָג פון באַפרייונג?

צי געדענקסטו זייער לעצטן רצון: גיב איבער דער וועלט, וואָס דאָס מערדער־פאָלק האָט מיט אונדז געטאָן? געדענק און לאָז עס נישט פאַרגעסן!!

און ווי וויטיקלעך עס איז צו זען, אַז נישט נאָר די גרויסע פרייע וועלט, וואָס האָט שטילשווייגנדיק זיך צוגעקוקט צום אומקום פון אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, און אַפילו היינט נאָך טוט זי אַלץ, כדי צו פאַרווישן די שפּורן פון די אומדערהערטע פאַרברעכנס, נאָר אויך די וויניק ביים לעבן איבערגעבליבענע פונעם גרויסן מבול באַמיען זיך, נישט וויניקער פון זיי, צו פאַרגעסן די טרויעריקע, אָבער אויך העלדישע פאַרגאַנגענהייט.

ווי אַזוי וועלן די קומענדיקע דורות וויסן דעם אמת וועגן דעם אומקום פון אַ פולסירנדיקער שעפערישער יידישער וועלט? ווי אַזוי וועלן די קומענדיקע דורות וויסן וועגן דעם העלדישן געראַנגל און איינציקאַרטיקן העראָיזם פון

זייערע פּאַרגייערס? — אַ קאַפּיטל, וואָס דאַרף אָנפּילן מיט שטאָלץ און דערהוי־בנקייט, אָבער דאַרף אויך דינען ווי אַן אַזהרה צו זיין וואַכזאַם און נישט דערלאָזן, אַז אַזעלכעס זאָל זיך נאָך אַמאָל קאָנען איבערחזרן.

צי האָבן מיר געטאָן אונדזער חוב לגבי די, וואָס זענען מער נישטאָ מיט אונדז, און — לגבי דער געשיכטע? האָבן מיר שוין אַלץ דערציילט, אַלץ איבער־געגעבן וועגן לעבן און שאַפן, וועגן קאַמף און אומקום פון די, וואָס האָבן אין די פינצטערע יאָרן פון חורבן באַשיינט און באַלויכטן אונדזערע שווערע, פאַרכמאַ־רעטע טעג? די, וואָס האָבן אונדז געשטאַרקט און דערמוטיקט; די, וואָס זענען געשטאַנען אויף דער וואַך און אָפּגעהיטן אונדזער כבוד און דעם כבוד פונעם מענטשלעכן מין; די, וואָס האָבן צוגעגרייט און אויסגעפּלאַסטערט דעם וועג פאַר אַ ווירדיק לעבן און פאַר אַ ווירדיקן טויט! די, וואָס האָבן גערופן צום ווידער־שטאַנד און די ערשטע זיך געוואָרפן אין דעם נישט גלייכן קאַמף קעגן דעם פאַרהאַסטן אָקופּאַנט?!

צי ווייס שוין די וועלט גענוג וועגן דעם לעגיאָן פון די אויסדערווײלטע, וואָס האָבן זייער יונג לעבן אוועקגעגעבן אין קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן און פאַר אַ בעטערער, ווירדיקער וועלט?!

איינע פון די, וואָס האָבן געהערט צו דער העלדישער מחנה פון די פּריצייטיק פאַרשניטענע פרייהייט־קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, איז געווען די קוים דרייסיק־יאָריקע פאַלאַ עלסטער.

פאַלאַ, די אידעאַליסטישע און דינאַמישע פירערין און וועגווייזערין פון דער אַרבעטער און שטודירנדיקער יוגנט, די אָנפירערין פון זומער־ און ווינטער־קאָלאָניעס פאַר דער יוגנט, איז געווען איינע פון די ערשטע אין וואַרשע, וואָס האָט זיך, ביים אויסברוך פון דער מלחמה, געשטעלט פרייוויליק אין דינסט פון דער רעטונג און הילף־אַרבעט ביים נאָר וואָס אָרגאַניזירטן שטאָטישן קאָאָרדיניר־קאָמיטעט און, פּונקט ווי פריער, האָט זי אויף זיך ווידער גענומען דעם עול צו אָרגאַניזירן און שיצן, קודם כל, די יוגנט — די צוקונפט פון אונדזער פאָלק.

אונטער אַ האָגל פון אויפגעריסענע שראַפּנעלן און באָמבעס, מיט וועלכע די דייטשן האָבן, אָן איבערייס, באַוואָרפן וואַרשע, איז די אומדערשראָקענע פאַלאַ אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, כדי אַרויסצוקריגן פון „דזשאָינט" וואָס מער באַ־שפייזונג פאַר דער פאָלקס־קיך, וואָס זי האָט געגרינדעט און מיט וועלכער זי האָט אָנגעפירט, אויף דער עלעקטאָראַלנע גאַס נומער 14. אַ צווייט מאָל האָט מען זי געזען לויפן אויסצופועלן אָן אָרט פאַר פּליטים און דאַכלאָזע נשרפים, אָדער, כדי צו באַזאָרגן מעדיצינישע הילף פאַר די פאַרוווּנדעטע פון דער ציווילער באַפעל־קערונג.

די דרייסטקייט און געוואַגטקייט האָט פאַלאַ דערוואָרבן בעת איר לאַנגיאָרי־

קער קאָנספּיראַטיווער טעטיקייט אין די צייטן פון פאַר דער מלחמה. אָנפירנדיק מיטן „פרייען שומר" ביי דער פּ. צ.־פּאַרטיי, מיט דער אומלעגאַלער אַרבעט צווישן דער יוגנט, ביים פאַנאַנדערטיילן אומלעגאַלע ליטעראַטור צווישן דער שול־יוגנט, איז זי געווען אין כסדרדיקער סכנה. זייענדיק אין שטענדיקער קאָליזיע מיט דער פּוילישער פּאָליציי, בפרט נאָכן פּראָצעס, וואָס זי האָט געהאַט, צוזאַמען מיט איר נאָענטער פריינדין גוניאַ בער (אגב, האָבן זיי געוווינט אויף איין הויף — מילע 13), און שטייענדיק אונטער פּאָליצייאישער אויפזיכט, האָט איר תמיד געדראָט אַרעסטירט צו ווערן. די אַלע איבערלעבונגען, ביי אומאויפ־הערלעכער שפּאַנונג, האָבן פּאַלען פאַרהאַרטעוועט און פאַרפּאַנצערט.

ווען די אַרבעטער־היים אויף קאַרמעליצקע 23 איז דורך דער פּוילישער פּאָליציי פאַרמאַכט געוואָרן, איז פּאַלאַ, די ערשטע, געלאָפן וואָרענען אירע חברים, זיי זאָלן זיך אויסבאַהאַלטן, ווייל עס דראָט זיי אַ געפאַר אַרעסטירט צו ווערן.

די דאָזיקע פאַרמלחמהדיקע דערפאַרונגען זענען געווען אַ גוטע שול און צוגרייטונג פאַר אירע טעטיקייטן בעת דער מלחמה, וואָס האָבן זי אַרויסגערוקט אויבנאָן פונעם געזעלשאַפטלעכן און אונטערערדישן אַקטיוו.

די שיינע, שלאַנקע, שוואַרץ־חנעוודיקע פּאַלאַ האָט זיך נישט אָפּגעשטעלט פאַר קיין שום געפאַר. דאָס, וואָס זי האָט אונטערגענומען, האָט זי געמוזט דורכפירן, נאָך דערצו ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פאַרבעסערן דעם מצב פון אירע יוגנטלעכע און פאַרזאָרגן די פאָלקס־קיך מיט אַ ביסל שפּייז־פּראָדוקטן.

נישט איינמאָל האָט מען פּאַלען אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער געפאַר וואָס דראָט איר, אַרומלויפנדיק איבער די גאַסן אין אַזעלכע טעג, ווען די באַמ־באַרדירונג פון וואַרשע האָט נישט אויפגעהערט. זי האָט אַ שמייכל געטאָן, פאַרבעסערט אירע צעשויבערטע, פון שנעלן לויפן, פעך־שוואַרצע האָר, צופרידן אַ זשמורע געטאָן מיט אירע קלוגע, דורכדרינגלעכע אויגן, און רויק געענטפערט:

און ווער וועט באַזאָרגן די קינדער מיט עסן?!

זעלטן ווען פּאַלאַ איז געווען אין דער היים. מען האָט זי תמיד געקאָנט טרעפן אין „דזשאָינט", אין דער „אַליינהילף", אויף אַ קולטור־אונטערנעמונג, אויף אַ קאָנפערענץ, אָדער אין דער פאָלקס־קיך אויף דער עלעקטאָראַלנע גאַס. טאַקע דער פאָלקס־קיך האָט זי געשאָנקען איר גרעסטע אויפמערקזאַמקייט. חוץ די פאַרשידענע אַקטיוויטעטן אין שייכות מיט אַנדערע אָפּשניטן פון אונטער־ערדישער אַרבעט, האָט פּאַלאַ אין דער פאָלקס־קיך גרופּירט אַרום זיך יוגנט־לעכע קרייזן, אויף וועלכע זי האָט אויסגעאיבט אַ שטאַרקע השפּעה. נישט אין יוגנטלעכער פון איר גרופּע האָט זיך אויסגעצייכנט אין געטאָ מיט דיוועסיע

און סאַבאָטאַזש־אַקטן, אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע און לסוף — אינעם אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ.

צווישן די יוגנטלעכע, אויף וועלכע פֿאַלאַ האָט געהאַט אַ דעצידירנדיקן איינפלוס, האָט זיך אויך געפונען אַ צאַרט יונג מיידל, מיט לאַנגע, געדיכטע, בלאָנדע צעפּ, מיט אַ שטראַלנדיק פּנים, פון וועלכן עס האָבן אַרויסגעגלאַנצט גרויסע הימל־בלויע אויגן. דאָס דאָזיקע מיידל, אויף וועלכער עס האָט נישט געקאָנט פאַלן דער מינדעסטער חשד, אַז זי איז אַ יידישע, און וועלכע האָט זיך שפּעטער אויסגעצייכנט מיט איר מסירת־נפשדיקער אַרבעט אין דער אונטערער־דישער באַוועגונג אויף דער אַרישער זייט, איז געווען פֿאַלאַס יינגסטע שוועסטער בעלאַ, אָדער, ווי זי האָט זיך שפּעטער קונה שם געווען אונטערן נאָמען „וואַנדאַ", — אַ נאָמען, וואָס האָט זיך אַזוי גוט צוגעפּאַסט צו דער וואונדערבאַרער געשטאַלט און וואָס האָט זיך איינגעקריצט אין זכרון פון די אַלע, וועמען דאָס מזל האָט צוגעשפּילט בעת די קאַשמאַרע היטלער־יאָרן, צו קאָנען קומען מיט איר אין פּערזענלעכן קאָנטאַקט.

הגם אויסערלעך זענען די צוויי שוועסטערס נישט געווען ענלעך צו זיך — צוויי פאַרשידנאַרטיקע טיפּן, — האָבן זיי אָבער געהאַט אַ סך געמיינשאַפטלעכע כאַראַקטער־שטריכן. „וואַנדאַ" האָט איבערגענומען פון פֿאַלען די סענסיטיוויקייט, איידלקייט, אָפּפערווילקייט און אומדערשראָקנהייט. נישט אומזיסט האָט איינע פון די אָנפירנדיקע מיטגלידער פון דער יידישער אונטערערד, באַשע בערמאַן („אירענאַ"), מיט וועלכער „וואַנדען" איז אויסגעקומען מיטצואַרבעטן און לסוף געוואָרן איר רעכטע האַנט, אויף דער אַרישער זייט, זיך געהאַט אויסגעדריקט: „אויב איר וועט נאָך דער מלחמה באַגעגענען „וואַנדען" געדענקט איר מסירת נפש און מוטיקע אַרבעט, און נעמט זי אויף אַזוי ווי זי פאַרדינט".

אַ זעלטענע ליבשאַפט און איבערגעגעבנקייט האָט געהערשט צווישן ביידע עלסטער־שוועסטערס. פֿאַלאַ האָט געהאַט דעם גרעסטן חלק אין צוגרייטן איר יינגסטע שוועסטער, בעלאַ, צו די העכסטע פאַראַנטוואָרטלעכע אויפגאַבעס, וואָס זי האָט אַזוי גלענצנדיק און אחריותפול דורכגעפירט אין נאָמען פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט און דער אונטערערדישער באַוועגונג, וועמענס הויפּט־פאַרבינדלערין זי איז געווען.

עס איז כדאי צו אונטערשטרייכן, אַז פֿאַלאַ און בעלאַ האָבן געשטאַמט פון אַ בירגערלעכער היים, פון אַ סביבה, וווּ די גאַנצע אַטמאָספער איז נישט געווען אין גייסט פון זייערע פּאָליטישע אָנשויאונגען און אידעאַלן. דאָס, וואָס פֿאַלאַ האָט דערגרייכט איז קודם כל צו פאַרדאַנקען אירע ברייטערע סאָציאַלע פאַראינטע־רעסירונגען. און, דער עיקר, איר אייגענער אַרבעט איבער זיך. כדי בעסער צו פאַרשטיין די פּראָבלעמען פון אַרבעט־מענטש, האָט זי באַשלאָסן צו פּראָלעטאַ־

ריזירן זיך אויך פּראַקטיש. אַ צייט לאַנג האָט זי געאַרבעט אין אַ מעטאַל־פאַבריק פון די ברידער פּאַוועלסקי. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון איר פּערזענלעכן לעבן און באַקוועמלעכקייטן און פאַרבונדן איר לעבן מיטן גורל פון אַרבעטער־קלאַס.

אין געטאָ האָט פּאַלאַ געהערט צו די רירעוודיקסטע און אַקטיוויסטע טוערינס. צו איר וואָרט האָט מען זיך צוגעהערט. זי האָט ווייניק גערעדט, אָבער דאָס, וואָס זי האָט געזאָגט, איז געווען זאַכלעך און וואָגיק. זי האָט געהאַט אַן אָפענעם קאָפּ און איז געווען צילבאַוווסט. זי איז געווען געשעצט און געאַכט אַפילו ביי די פאַרשטייערס פון אַנדערע פּאָליטישע פּאַרטייען, מיט וועלכע עס איז איר אויסגעקומען מיטצואַרבעטן.

מען פלעג פּאַלען זייער אָפט טרעפן אויף לעשנאָ 52—54, דאָרט, ווו עס איז אין צווישנצייט פון די געטאָ־אַקציעס, געוואָרן דער זאַמלפּונקט פון אַלע טוערס פון דער אונטערערדישער באַוועגונג; ווו עס זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן געהיימע באַראַטונגען; פון וואַנען מען פלעג אַרויסשיקן פאַרבינדונגס־מענטשן מיט אינסטרוקציעס צו אַלע געטאָ־אינדזלען, ווי אויך — צו דער אַרישער זייט; דאָרט האָט מען אָפּגענומען און פאַנאַנדערגעטיילט געווער, ווי אויך אַרויסגעשיקט מענטשן צו די פּאַרטיזאַנער. צו די אַלע אויסגערעכנטע אַקטיוויטעטן האָט פּאַלאַ געהאַט אַ דירעקטע שייכות.

פון לעשנאָ 52—54 פלעג מען, דורך גוט־באַצאָלטע קריסטלעכע שליחים, אַוועקשיקן אין דער שווייץ קאָרעספּאָנדענץ און רשימות מיט נעמען צו די פאַרשטייערס פון די דאָרטיקע יידישע אָרגאַניזאַציעס, כדי פון זיי אַרויסצובאַ־קומען פאַר פאַרדינסטפולע מענטשן די געהעריקע רייזע־פּאַפּירן צו דעם מכלומרשטן „יידן־אויסטויש". ווי אַ קאַמופלאַזש פאַר דעם „אויסטויש" האָט מען זיך באַנוצט אין די בריוו מיט דעם אויסדרוק „ליבעסגאַבען פּאַקעטן". מען האָט אַזוי אַרום נישט געבעטן שיקן פּאַפּירן, נאָר „ליבעסגאַבען־פּאַקעטן" פאַר די און די מענטשן. אויף איינע פון די דערמאָנטע רשימות האָט זיך אויך געפונען פּאַלאַ עלסטערס נאָמען.

ווען אין וואַרשעווער געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן די „אויסזידלונג" האָט די „אַליינהילף" (אין לעצטן עטאַפּ האָט זי שוין געהייסן „יידישער הילף־קאָמיטעט") זיך פאַרנומען הויפּטזעכלעך מיט פאַנאַנדערטיילן לעגיטימאַציעס, כדי אַזוי אַרום — ווי מען האָט פון אָנהייב געמיינט — צו ראַטעווען וואָס מער מענטשן פון די „אַקציעס". עס האָט געהייסן, אַז אָנגעשטעלטע פון אַ פּאָר סאָציאַלע אינסטיטוציעס וועלן נישט ווערן אויסגעזידלט. דער קאָמיטעט האָט זיך דעמאָלט געפונען אויף נאָוואָליפּקי 25. די גאַס איז געווען ממש באַלאַגערט פון מענטשן, וואָס האָבן געוואָלט אַרויסקריגן אַזאַ „סגולה"־פּאַפּירל. אין דער ערשטער ריי האָט מען

באַדינט די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס, וועמענס אָנפירערס זענען געקומען אָפּסטעמפּלען פאַר זיי די לעגיטימאַציעס. צווישן זיי איז אויך געווען פאַלאַ עלסטער.

פאַלאַ האָט נישט געהאַט קיין חשק אַרויסצוגיין מיטן געטאָ־אַקטיוו אויף דער אַרישער זייט. זי האָט געוואָלט פירן די אַרבעט אין געטאָ. ענדלעך האָט זי אָבער מסכּים געווען — און דאָס, דער עיקר, צוליב איר שוועסטער בעלאַ. איינציקע מאָל איז זי צוריקגעקומען דורכצופירן פאַרשידענע אויפגאַבעס. פאַלאַ איז געווען די ערשטע יידישע פאַרשטייערין אין אונטערערדישן נאַציאָנאַלן ראַט, און שפּעטער — מיטגליד פונעם ערשטן פּוילישן אונטערערדישן פּאַרלאַ־מענט. איר פּסעוודאָנים איז געווען „עוואַ".

קורץ פאַרן אויפשטאַנד איז פאַלאַ געקומען אין געטאָ אַריין און שוין מער נישט געקאָנט פון דאָרט צוריקקומען. עס איז אויסגעבראָכן דער אויפשטאַנד.

אַ צייט לאַנג האָט מען בכלל נישט געוווּסט וואָס עס איז געשען מיט פאַלען. „וואַנדאַ", די אומדערמידלעכע אונטערערדישע טוערין אויף דער אַרישער זייט, וואָס פלעג שטענדיק אַרומלויפן פון איין אָרט צום צווייטן, מיט אומלעגאַלער ליטעראַטור און פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן, ווי אויך מיט פאַלשע דאָקומענטן און פּאַטאָגראַפיעס, מיט געלט און טרייסט־ווערטער פאַר די אויסבאַהאַלטענע יידן, מיט פּעקלעך זיסוואַרג און שפּילצייג פאַר די יידישע קינדער, האָט אָבער אַליין געטראָגן אַ גרויסע ווונד אין איר האַרץ, נישט וויסנדיק וועגן גורל פון איר הייס־געליבטער שוועסטער פאַלאַ.

נאָכן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, ווען ס'איז דערהאַלטן געוואָרן די ערשטע ידיעה, אַז פאַלאַ עלסטער לעבט און געפינט זיך אין לאַגער פּאָניאַטאָוו, האָט מען אָנגעהויבן זוכן אַ מעגלעכקייט און אַ פּאַסיקן מענטש, וואָס זאָל זי פון דאָרט וועלן אַרויסראַטעווען. ענדלעך האָט מען געפונען אַזאַ איינעם. דאָס איז געווען דער באַן־אַרבעטער טעאָדאָר פּאַיעווסקי, וועלכער האָט זיך אונטערגענומען פאַר 7 טויזנט זלאָטעס, אַרויסצופירן צוזאַמען מיט זיין שותּפטע, אין דעם וווייט־ליגנדיקן לאַגער און פון דאָרט אַרויסצובאַקומען פאַלען.

קיין פּאָניאַטאָוו זענען, חוץ פאַלען, פאַרוואָגלט געוואָרן אַ ריי געזעלשאַפטלעכע און אונטערערדישע טוערס פון וואַרשעווער געטאָ. דורך די שליחים האָט מען מיטגעשיקט פאַר זיי 25 טויזנט זלאָטעס, כּדי פאַנאַנדערצוטיילן דאָס געלט צווישן די דאָרטיקע יידן. עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער באַן־אַרבעטער מיט זיין שותּפטע זענען צוריקגעקומען קיין וואַרשע, מיטברענגענדיק מיט זיך, צו אַלעמענס פרייד, פאַלאַ עלסטער.

פאַלאַ איז אַרויס פון לאַגער ווי אַ מכלומרשטע פּויערטע, מיט אַ געבלומט טיכל אויפן קאָפּ און מיט שיך, אַריבערגעוואָרפן מיט אַ שנור איבער די אַקסלען. אין האַנט האָט זי געהאַלטן אַ קוישל. צוזאַמען מיט די צוויי שליחים, וואָס האָבן

געוואָרט אויף איר אין אַ דערבייאיקן דאָרף, האָבן זיי זיך געלאָזט צו דער קליינבאַן, וואָס האָט זיי צוגעפירט צו דער נאָענטסטער באַן־סטאַציע און, נישט ציענדיק קיינעמס אויפמערקזאַמקייט, זענען זיי מיטן צוג, אָנגעקומען בשלום קיין וואַרשע. אַגב, האָט פּאָלאַ עלסטער, מיט איר פּאַריסן נעזל, נישט געהאַט, ווי אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַ שלעכטן אַרישן אויסזען. אין וואַרשע האָט מען פּאָלען געבראַכט צו טעאָדאָרן אין שטוב אַריין, אויף ברוקאָווע 7, אין פּראַגע.

פּאָלאַ האָט געבראַכט דעם ערשטן לעבעדיקן און אויטענטישן גרוס פון דעם לאַגער פּאָניאַטאָוו. די פּרטים, וואָס זי האָט איבערגעגעבן, זענען געווען ניי און ביז גאָר אינטערעסאַנט. פּאָלאַ און די איבעריקע טוערס, וואָס האָבן זיך געפונען אין פּאָניאַטאָווער לאַגער, האָבן באַלד, ווי נאָר מען האָט זיי געבראַכט פון וואַרשעווער געטאָ, זיך באַמיט איינצושטעלן אַ הילף־אַקציע פאַר די נויט־באַדערפטיקע לאַגער־מענטשן. אַזוי אַרום איז געגרינדעט געוואָרן אין פּאָניאַטאָוו אַ געהיימער אַליינהילף־קאָמיטעט, אַרום וועלכן עס האָבן זיך גרופּירט, פּונקט ווי אין וואַרשעווער געטאָ, פאַרשטייערס פון אַלע פּאָליטישע ריכטונגען און פּאַרטייען, צווישן וועלכע עס האָט געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל מלך פיינקינד — דער שפּעטערדיקער אָנפירער פונעם העלדישן ווידערשטאַנד אין פּאָניאַטאָוו.

אין פּאָניאַטאָוו איז אויך אָנגעגאַנגען אַ ברייט־פאַרצווייגטע קולטור־געזעל־שאַפטלעכע אַרבעט. מען האָט אָרגאַניזירט אַ ציקל לעקציעס, רעפעראַטן, אַראַנ־זשירט ליטעראַרישע באַגעגענישן, אַרטיסטישע אַרויסטרעטונגען, און אַפילו געגרינדעט אַ לאַגער־כאָר.

זייער איינציקער ווונטש — האָט פּאָלאַ דערציילט — איז צו באַזאָרגן זיי, די יידן אין פּאָניאַטאָוו, מיט געווער און אַמוניציע, כדי צוצוגרייטן אַן אויפשטאַנד און דורכצורייסן זיך צום וואַלד. מען האָט זיך באַמיט צו פאַרבינדן מיט די פּוילישע פּאַרטיזאַנער, וואָס האָבן אָפּערירט אין יענער געגנט — ביז איצט אָבער אָן רעזולטאַט.

פּאָלאַ האָט געהאַלטן, אַז קודם כל דאַרף מען אַהינשיקן — און דאָס וואָס שנעלער — וואָס מער געפעלשטע „קענקאַרטן" מיט סטעמפּלען און אַ פאָטאָ־גראַפישן אַפּאַראַט, צו קאָנען מאַכן בילדער צו די „קענקאַרטן". אַזוי אַרום וועט מען דערמעגלעכן וואָס מער יידן אַרויסצובאַקומען זיך פון לאַגער, נאָך פאַר דעם פּראָיעקטירטן אויפשטאַנד.

ווען „וואַנדאַ" איז געקומען צו טעאָדאָרן אין שטוב אַריין און דערזען דאָרט זיצן איר שוועסטער פּאָלע, האָט זי זיך געוואָרפן אין אירע אָרעמס און לאַנג, לאַנג האָבן זיך די צוויי גליקלעכע שוועסטערס נישט געקאָנט אָפּרייסן פון זיך.

צומאָרגנס איז געקומען מיכאַל באָראָווסקי (אַדאָלף בערמאַן) און ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אַריבערצופירן פּאָלען אין דער „מלינע" אין טאַרגוועק, ווו

עס האָבן זיך געפונען, צווישן אַנדערע, נתן בוקסבוים מיט זיין פרוי און טאָכטער. שפּעטער אַ ביסל זענען צו דער דאָזיקער גרופּע צוגעקומען הערש בערלינסקי און אליהו ערליך, וועלכע זענען, דורך די זעלביקע שליחים, וואָס האָבן אַרויסגעראַטעוועט פּאָלען פון פּאָניאַטאָוו און דערנאָך ד״ר עמנואל רינגעלבלום, פון טראַווניק, געבראַכט געוואָרן פון די ווישקאָווער וועלדער.

נאָכן צוריקקומען פון לאַגער, איז פּאָלאַ עלסטער — „עווא״ ווידער באַשטימט געוואָרן פאַר דער יידישער פאָרשטייערין אין די צווישנפּאַרטייאישע קאָמיטעטן אין געהיימען ראַט און ווי אַ מיטגליד פון אונטערערדישן פּוילישן פּאַרלאַמענט. זי האָט מיטגעאַרבעט אין דער פּראָפּאַגאַנדע־אָפּטיילונג. אין דער זעלביקער צייט האָט זי אָנגעהויבן שרייבן אירע זכרונות וועגן פּאָניאַטאָווער לאַגער, זכרונות, וואָס זענען, ליידער, פאַרלוירן געגאַנגען.

בעתן פּוילישן אויפשטאַנד האָט זיך פּאָלאַ געפונען אין אַ בונקער, צווישן חורבות, אין דער וואַרשעווער פאָרשטאָט זשאָליבאָזש. צוזאַמען מיט איר זענען דאָרט געווען הערש בערלינסקי, אליהו ערליך און די וואַסערס.

אין יענעם ראַיאָן האָט זיך געפונען אַ מיליטערישע אָפּטיילונג פון קאַמינסקיס * מערדער־בריגאַדע. די דאָזיקע רוצחים, וואָס האָבן גענישטערט צווישן די חורבות, האָבן אנטדעקט דאָס אָרט, וווּ עס האָבן זיך אויפגעהאַלטן די יידישע קעמפערס. אינעם נישט גלייכן קאַמף, וואָס האָט זיך צעפלאַקערט אויף יענעם אָרט, זענען די דריי יידישע העלדן פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך, וועלכע האָבן געשטעלט אַ פאַרביסענעם ווידערשטאַנד, געפאַלן דעם 27־טן סעפּטעמבער 1944.

אַזוי האָט פאַרענדיקט איר קורץ, אָבער אינהאַלטרייך לעבן איינע פון די פאַרדינסטפולסטע און איידלסטע געשטאַלטן פון וואַרשעווער געטאָ — פּאָלאַ עלסטער.

*

אייניקע טעג נאָך דעם ווי וואַרשע איז באַפרייט געוואָרן, איז מען אַוועק צום אָרט, וווּ די דריי העלדן זענען געפאַלן. זייערע קערפּערס זענען געלעגן באַדעקט מיט שניי. צום קלייד פון פּאָלאַ עלסטערס קערפּער איז געווען צוגעשפּילעט אַ צעטל מיט אַ צושריפט: „ד אָ ל י ג ט מ י י ן ש וו ע ס ט ע ר״

* קאַמינסקי, אַ געוועזענער שטאַבס־קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, האָט בעת די קאַמפּן אונטער מאָסקווע, דעזערטירט צו די דייטשן און אָרגאַניזירט פון סאָוועטישע קריגסגעפאַנגענע אַ בריגאַדע, וואָס האָט געקעמפט זייט ביי זייט מיט די דייטשן.

די בלעטלעך פון דעם נאָטיץ־בוך, וואָס ווערן דאָ דורך אונדז פאַר־עפנטלעכט, זענען בלויז אַ טייל פון די מאַטעריאַלן, וואָס זענען אָפּ־געפונען געוואָרן אין בונקער אויף דער סוואַלסקאַ־גאַס אין דער קאַש־ציושקאָ־קאָלאָניע, וואָס נעבן אים איז פאַלאַ מיט די חברים הערש בערלינסקי און עלעק ערליך געפאַלן אין קאַמף בעת דעם וואַרשעווער אויפשטאַנד אין יאָר 1944. די דאָזיקע מאַטעריאַלן האָט אָפּגעפונען איר שוועסטער וואַנדאַ אין חודש יאַנואַר 1945. זיי זענען אין זייער גרעסטן טייל אָפּגעריבן און אָפּגעברענט און לאָזן זיך נישט פולשטענדיק רעסטאַווירירן. דערפון נעמט זיך, וואָס אויף געוויסע ערטער פון דעם אָפּגעדרוקטן נאָטיץ־בוך וועט דער לייענער, אַנשטאָט פולע זאַצן, געפינען בלויז פינטעלעך.

דער ערשטער טייל פון די בלעטלעך פון דעם נאָטיץ־בוך אַנטהאַלט טיילווייז אירע איבערלעבונגען און געפילן פון די לעצטע טעג פון דער ליקווידאַציע פון געטאָ, פון איר זיין אויפן „אומשלאַגפּלאַץ״ און פון איר פאַרן אינעם פלאַמבירטן וואַגאָן אויף אומקום.

דער נאָטיץ־בוך איז געשריבן געוואָרן נאָכדעם, ווי פאַלאַ איז אַנטלאָפן פון פּאָניאַטאָווער לאַגער, אין יולי 1943.

דער דאָזיקער טייל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אָריגינאַל (פּויליש) אין „Nasze Słowo”, nr. 7-8 (57-58), 19/4/1949

דער צווייטער טייל פון דעם נאָטיץ־בוך איז געפונען געוואָרן אין אַ דינעם העפט צוזאַמען מיט דער רשימה פון די אומגעבראַכטע חברים. דאָס זענען טעגלעכע פאַרצייכענונגען פון דעם 18/9 ביז דעם 2/10 1943, ווען פאַלאַ מיט אירע חברים האָבן זיך געפונען אין דעם באַהעלטעניש אויפן בוידעם ביי אַ פּוילישער פאַמיליע אין טאַרגוועק אויף ראַגאָווסקאַ 18.
דער רעשט אָפּגעפונענע מאַטעריאַלן באַשטייט פון צוויי שטאַרק אָפּגע־ברענטע נאָטיץ־ביכלעך.

ר ע ד אַ ק צ י ע

בלעטלעך פונעם נאָטיץ־ביכל פון פּאָלאַ עלסטער

מײַנע איבערלעבונגען אין פּאָניאַטאָווער [3] לאַגער... איך מוז זיך אומקערן צו דעם אַרויסשיקן אײדער כ׳בין געקומען אין לאַגער. איך קלער... וואָס זענען אין רעזולטאַט פון דער אַלגעמײנער „אויסזידלונג" אַרויסגעשיקט געוואָרן אין די לאַגערן אין לובלינער קאַנט. נאָכדעם ווי כ׳בין אָפּגעווען אין וואַרשע צוויי וואָכן אויף דער „אַרישער זײַט", האָב איך באַשלאָסן צו גײן אין געטאָ, כדי צו דער־מעגלעכן אַ גרופּע חברים אַריבערצוגײן אויף דער „אַרישער זײַט". כ׳האָב געהאַלטן, אַז ס׳איז נישט געווען אַליין זיך צו ראַטעווען... לײדער זיצן אַ סך ווערטפולע מענטשן, חברים מײַנע, אין געטאָ און וואַרטן אויפן טויט. ס׳זענען געווען מעג־לעכקײטן זײ אײַנצואָרדענען. דאָנערשטיק נאָכמיטאָג בין איך מיט אַ גרופּע אַרבעטער פון ק.ג. שולץ,[4] צוזאַמען מיט מײַן קאָלעגע [5] אַוועק אין געטאָ אַרײַן. צום ערשט בין איך געקומען אויפן געביט פון דעם שאָפּ פון טעבענס און שולץ [6] און... די שטימונג בײַ די מענטשן פון די דאָזיקע געביטן... די אַקציע איז ווײניק וואָס אַנדערש געווען ווי די פריערדיקע. פאַרשטײט זיך, אַז מען האָט גערעדט וועגן דער וואָך, וואָס דערנענטערט זיך... וועגן דעם טראַנספּאָרט יידן אין לאַגער אַרײַן, וואָס דאַרף פאָרקומען, ווי אַזוי און... ביז איצט האָט קײנער נישט געוווּסט אויף וועלכן פון די שאָפּן ס׳קומט איצט די רײ. וויפל מענטשן דאַרפן פאָרן, דאָס הייסט, אַז די שטימונג בײַ די מענטשן איז געווען אַן אויפגערעגטע... מענטשן האָבן געוואַרט אויף מאָנטיק און אויפן קאָנטינגענט, וואָס דאַרף זיך לאָזן אין וועג אַרײַן. אַזוי איז אַדורך דער דאָנערשטיק, פרײַטיק, שבת, זונטיק (דאַטע). אין געטאָ האָט מען שוין פון צוועלף בײַטאָג אָן געלעבט אונטערן צייכן פון אַ ספּעציע־לער דענערווירונג. זונטיק נאָכמיטאָג זענען זיך אין געטאָ צעגאַנגען קלאַנגען

---

[3] זע באַמערקונג 2.

[4] דער שאָפּ קאַרל־געאָרג שולץ עט קאָמפּ. אויף לעשנאָ (דער קלײנער שולץ).

[5] הערש וואַסער.

[6] דער שאָפּ טעבענס און שולץ אויף נאָוואָליפּיע 46 (דער גרויסער שולץ).

וועגן אַ כלומרשטן פּאָגראָב אויפן וואַרשעווער געטאָ. מענטשן פון פאַרשידענע שאָפּן, וואָס האָבן זיך דעם טאָג געפונען אויפן שטח פון געטאָ, האָבן גענומען זיך אומקערן אין איילעניש אין זייערע שאָפּן, ווערנדיק זיך געפינען צוזאַמען מיט זייערע נאָענטע אין דער שעה פון אומגליק, וואָס רוקט זיך אָן. אַנדערע דאָקעגן האָבן נישט געוואָלט צולאָזן דעם געדאַנק, אַז דאָס קען זיין אַן אמת. זיי האָבן געטענהט, אַז די פּאַניק איז אַן אומבאַרעכטיקטע, אַז אַ געוויסע אַקציע איז אָן אומפאַרמיידלעכע, אָבער אַז אין איצטיקן מאָמענט וועט בלויז אַ געוויסער קאָנטינגענט יידן אַרויסגעשיקט ווערן קיין פּאָניאַטאָוו אָדער טראַווניק.[7]

אין די בין־השמשות־שעהען האָבן זיך די קלאַנגען פאַרשטאַרקט און האָבן שוין באַקומען אַ געוויסע באַרעכטיקונג. מ'האָט שוין גערעדט, אַז שטאָלצמאַן[8] איז אַרויסגעשיקט געוואָרן אויף דער „בעפעהלשטעללע"[9] און איז פאַרהאַלטן געוואָרן ווי אַן ערובניק. אין די אָוונט־שעהען האָט די הויפּט־קאָמאַנדע פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע אויף אַ זיצונג פון אירע מיטגלידער אַרומגערעדט שוין גאָר קאָנקרעט די פאַרטיידיקונג־סטראַטעגיע פון געטאָ און פון די באַזונדערע שאָפּן אין דער אַקציע, וואָס רוקט זיך אָן. זונטיק אין אָוונט זענען די גאַסן פון געטאָ אויסגעליידיקט געוואָרן. מ'האָט שוין אויף זיכער געוווסט, אַז מיר געפינען זיך אין די שעהען הארט פאַר דעם אָנגריף פון שונא. מ'האָט בלויז נישט געוווסט אין וועלכן אָרט דער ערשטער קלאַפּ וועט געגעבן ווערן און וואָסערע פאַרמען ער וועט אָננעמען. די קאָמענדאַנטן פון די פאַרשידענע קאַמף־גרופּעס האָבן זייערע גרופּעס געהאַלטן אין קאַמף־גרייטקייט.

נאָך די טעג פול מיט שוידער און מיט אומגעוויינלעכע איבערלעבענישן אין געטאָ — דער מאָמענט פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. דער צייט־אָפּשניט פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ, די

---

[7] אַ קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגער אויפן וועג פון לובלין צו רעיאָוויעץ. אַהין האָט מען געבראַכט יידן פון וואַרשע פון יאַנואַר ביז אַפּריל 1943, אָבער דער עיקר נאָך דעם אויפשטאַנד. דעם 3טן נאָוועמבער איז דער לאַגער אַרומגערינגלט געוואָרן און אַלע 12 טויזנט יידן זענען דערשאָסן אָדער פאַרברענט געוואָרן. קליינע גרופּעס האָבן געשטעלט אַ ווידערשטאַנד.

[8] אברהם (אַלפרעד) שטאָלצמאַן — צוזאַמען מיט ד"ר ג. וויעליקאָווסקי געווען שטעלפאַר־טרעטער פון דעם פּרעזעס פון יודענראַט אינזש. מאַרעק ליכטענבוים (נאָכן זעלבסטמאָרד פון אַ. טשערניאַקאָוו)). ווען דער געטאָ־אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן זענען אַלע דריי דערשאָסן געוואָרן דורך די דייטשן.

[9] „בעפעהלשטעללע" — די קאָמאַנדאָ פון די דייטשישע פאַרניכטונג־אָפּטיילן, וואָס האָבן דורכגעפירט די אַקציעס אין געטאָ פון יוני 1940 ביזן צעשטערן דעם געטאָ. איר זיץ אָרט איז געווען זשעלאַזנע 103—101.

העלדישע פאַרטיידיקונג פון די קעמפער, וועט זיין אַ ספּעציעלער פּראָבלעם, מיט וועלכן ס׳פאַרנעמען זיך שוין און וועלן זיך פאַרנעמען היסטאָריקער. די אויפגאַבע, וואָס איך האָב זיך געשטעלט ביים באַאַרבעטן דעם פּראָבלעם, איז נישט געווען דאָס אַרומרעדן דאָס גאַנצע. די טעג פון דער ענדגילטיקער ליקווידאַציע פון וואַר־שעווער געטאָ האָבן זיך מיר טיף אַריינגעקריצט אין זכרון. די דאָזיקע סצענעס שטייען לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן און דעם וויטיק, וואָס זיי האָבן אַרויסגערופן, דעם טיפן, ברענענדיקן וויטיק, וועל איך מסתם שוין פילן כל זמן כ׳וועל לעבן. קיינער און קיין שום זאַך וועט אים אין מיין לעבן נישט אויסמעקן...

דער אומשלאַג־פּלאַץ[10] איז אין די דאָזיקע ליקווידאַציע־טעג איבערגעפּולט געווען מיט מענטשן. אַלע שטאָקן, אַנהייבנדיק פון פּאַרטער, זענען געווען פאַרפּולט. די שטימונג איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך אויפגערעגטע. ווען איך בין אין דריטן טאָג פון דער אַקציע געקומען צום אומשלאַג, זענען דאָרט געווען מענטשן, וואָס זענען דעם ערשטן טאָג גענומען געוואָרן פון שאָפּן אויסער דעם געטאָ און אין געטאָ גופא. דער עלעמענט איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקער: אַלטע, יונגע, קינדער. זייער מצב איז געווען אַ שרעקלעכער. זיי האָבן אויסגעזען אַזוי ווי עס קענען אויסזען מענטשן, אַנטלאָפענע פון פייער. מאָדנע, כאָטש אויסגערעכנט, איז געווען דעמאָלט די פּאָליטיק פון דער „פאַרניכטונגס־קאָמאַנדאָ": נישט צו דער־הרגענען. טויזנטער ביישפּילן קען מען אַנציילן פון די דערציילונגען פון די קרבנות פון אומשלאַג, אַז מענטשן האָבן פשוט געבעטן זייערע רוצחים, זיי זאָלן זיי דער־הרגענען אויפן אָרט. די איינציקע תשובה דערויף איז געווען אַ שמיץ מיטן בייטש איבערן קאָפּ און אַ פאַרטרייבן צום אומשלאַג. די איבערלעבענישן אויפן אומשלאַג זענען אין קיין לידן און אַ פאַרזעצונג פון דעם גיהנום, וועלכן די יידן האָבן אין יענע טעג איבערגעלעבט. די, וואָס שרייבט די דאָזיקע ווערטער, האָט זיך געפונען אין דעם פּאַרטער־בנין. מענטשן, צונויפגעקנוילטע דורך דער ענגשאַפט, זענען געלעגן אויף דער שמוציקער, פּאַראומרייניקטער פּאָדלאָגע און געוואַרט אויף דעם, וואָס וועט קומען. יעדע רגע, ספּעציעל אין די בין־השמשות־שעהען, פלעגן די רוצחים אַריינלויפן אין די זאַלן און מיט אַ הילכיקן, חיהשן קוויטש, אין שכּורן צושטאַנד, דורכפירן פאַרזענלעכע רעוויזיעס ביי יעדן איינעם. מען פלעג ביי די מענטשן צונעמען אַלע ווערטפולע זאַכן. דערביי פלעג מען דערלאַנגען מיט דער קאָלבע פון אַ ביקס ווו ס׳האָט זיך נאָר געלאָזט. צום שרעקלעכסטן איז

[10] אומשלאַג־פּלאַץ — דער פּלאַץ ביים ראָג זאַמענהאָף און סטאַווקע — אַהער פלעגן די דייטשן ברענגען די יידן און דאָ פלעגן זיי זיי פאַרלאָדן אין די וואַגאָנען, וואָס האָבן זיי געפירט צו די פאַרניכטונגס־לאַגערן.

געווען אָנצוקוקן די מענטשן, וואָס מען האָט אַרויסגעשלעפּט פון געטאָ, דאָס הייסט די, וועלכע האָבן געהאַט אַרויסגעוויזן דעם גרעסטן ווידערשטאַנד.

איך דערמאָן זיך אַ בילד פון אַ יונגן 17־יאָריקן מיידל, וואָס די עקן פון אירע פיס זענען געווען פאַרברענט כמעט אויף קויל. אירע פיס זענען געווען אַרומגעבונדן מיט שמאַטעס און זי האָט אויף אַן אוממענטשלעכן אופן געשריגן מען זאָל זי דערהרגענען. זי איז געלעגן צוזאַמען מיט אַנדערע און צוליב דער שרעקלעכער ענגשאַפט איז זי געווען אויסגעשטעלט דערויף, אַז די פאַרבייגייער זאָלן זי כסדר אָנשטויסן און אָנרירן. אירע יאָמערן זענען געווען אוממענטשלעכע. דעם געשריי אירן „דערהרגעט מיך" קען מען לייכט נישט פאַרגעסן. אין אַן אַנדער אָרט זענען געלעגן אַ שוועסטער און צוויי ברידער, וואָס זענען אויך אַרויסגעצויגן געוואָרן פון אַ ברענענדיקן בונקער. די פּנימער פאַרברענטע, די אויגן קען מען בכלל נישט זען. ליגן זיי און קרעכצן. נישטאָ קיינער, וואָס זאָל זיי ברענגען הילף... ערגעץ אַנדערש ווייטער ליגט אַן איינציאָריק קינד. עס קרעכצט שוין מער נישט, עס וויינט נישט. די כוחות, זעט אויס, זענען אים שוין אויסגעגאַנגען. דאָס פּנימל פון דעם דאָזיקן קינד וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן. עס ליגט... די הענטעלעך, די פיסעלעך פאַרברענט, אויפן פּנימל איז ממש אַן אוממענטשלעכער ווייטיק. אונדז דאַכט זיך, אַז דאָס דאָזיקע קינד פאַרשטייט פּונקט ווי אַ דערוואַקסענער און ווי אַ דערוואַקסענער לעבט עס איבער דעם גיהנום פון זיין פאָלק. די מוטער פון דעם קינד האָט געהאַט פולשטענדיק פאַרברענטע הענט און אַ פאַרברענט פּנים, אַזוי, אַז זי האָט דאָס קינד אירס בשום אופן נישט געקענט האַלטן אין אירע הענט. ווען זי האָט זיך געווענדט צום אוקראַאינער, ער זאָל זי און איר קינד דערהרגענען, האָט זיך דער אוקראַאינער דערלויבט אויף אַ העכסטן הומאַניטאַרן אַקט. ער האָט אַרויסגעצויגן זיין ביקס, האָט אויסגעשאָסן און האָט דערהרגעט די מוטער. דאָס קינד האָט ער איבערגעלאָזט אויף זיין אייגענעם גורל. זיין טאַט האָט ער אויסגעטייטשט דערמיט, וואָס ער האָט געוואָלט פּטור ווערן פון דער צודרינגלעכער מוטער.

בעסטיאַליטעט פון דער העכסטער מדרגה. אויף איינעם פון די שטאָקן פון אומשלאַג האָט מען פון אַ בונקער געבראַכט צו פירן זיבן רעליגיעזע יידן. זיי זענען געווען אין פאַרשידענעם עלטער. די דאָזיקע זיבן רעליגיעזע יידן זענען געוואָרן אַ גאָר ספּעציעלע אַטראַקציע פאַר די סאַדיסטישע פאַרוועלעכצן פון די ס.ס.־לייט און פון זייערע אוקראַאינישע פאַכאַלקעס. זיי האָבן געמוזט זיצן דערווייטערט פון אַלע אַנדערע, אין אַ צונויפגעפּרעסטער קופּע. צוויי מאָל אַ טאָג פלעג מען קאָנטראָלירן, צי האָט נישט אַמאָל איינער פון זיי פאַרלאָזט דאָס אָנגעצייכנטע אָרט. אין אָוונט פלעגן זיי מוזן זינגען רעליגיעזע לידער און... די

פאַרשידנסטע רעליגיעזע טענץ. דערפאַר פלעגן זיי דורך די ס.ס.־לייט און די אוקראַאינער געשלאָגן ווערן ביז זיי פלעגן פאַרלירן דעם באַוווסטזיין.

ווען מען האָט דעם אומשלאַג אָפּגערייניקט פון יידן און מען האָט זיי איבער־געשיקט קיין... האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז די דאָזיקע זיבן יידן זענען דערשאָסן געוואָרן.

אויפן צווייטן טאָג זיין אויפן אומשלאַג, ווען ס׳האָבן אָנגעהויבן צו שטראָמען אַהין אַלץ נייע גרופעס יידן פון דעם ליקווידירטן געטאָ, צווישן אַנדערע די פּלאַ־צוווקעס פון „ווערטערפאַסונג״[11] ווי אויך די איבערגעבליבענע מיטגלידער פון יודענראַט מיט זייערע פאַמיליעס און מיט דעם רעשט גמינע־אָנגעשטעלטע, האָט מען דאָן אין אונדזערע אויגן דערשאָסן פינף מיטגלידער פון יודענראַט: ליכטענ־בוים, שטאָלצמאַן, וויעליקאָווסקי (אין מאַנוסקריפּט אַ פּוסט אָרט — רעד.). די דייטשן האָבן דורכגעפירט די דאָזיקע עקזעקוציע אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און נאָך דער עקזעקוציע האָבן זיי די גופים פון די אויבנדערמאָנטע צעוואָרפן אַרום דעם מיסטקאַסטן. דאָס האָט געדאַרפט הייסן אויספירן גערעכטיקייט איבער מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן געהאַלטן פאַר פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם באַוואָפנטן ווידערשטאַנד פון דעם וואַרשעווער געטאָ. מסתם וועט די געשיכטע אין דער צוקונפט באַווייזן, ווי שטאַרק די דייטשן האָבן אַ טעות געהאַט אין זייערע השערות. מיר ווייסן,אַז די מענטשן זענען פאַר דעם געטאָ, וואָס האָט זיך פאַרטיידיקט, געווען גיכער אַ טאָרמאָז און האָבן דאָרט, ווו זיי האָבן געקענט, געשפּילט די ראָל פון פשרות־זוכנדיקע פאַרמיטלער.

די דאָזיקע מענטשן האָבן געהאַט אַ מיאוסן טויט, ווייל געהרגעט האָבן זיי די מערדער, וועמען זיי האָבן זיך אויסגעדינט. אויפן דריטן טאָג פון אונדזער זיין אויפן אומשלאַג איז זיך צעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז עס זענען אָנגעקומען וואַגאָנען און אַז מען וועט וואַרשיינלעך אָפּפאָרן. ס׳איז אַנטשטאַנען אַן אומבאַשרייבלעכע פּאַניק. מענטשן האָבן נישט געוווסט וואָס זיי זאָלן טאָן מיט זיך. אויך איך בין געווען אין אַ מצב פון שרעקלעכער צעריסנקייט.

ראשית כל האָט מען זיך גערעכנט מיט דעם פאַקט, אַז עס זענען פאַראַן מענטשן פון דעם שטח פון טעבענס און שולץ,[12] וועלכע האָבן זיך צוגעשטעלט פּרייוויליק און אַז דער גרעסטער טייל באַשטייט פון די אַזוי גערופענע „ווילדע״

---

[11] דער דייטשישער אַמט, ווו ס׳איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן דאָס צוגערויבטע יידישע פאַרמעגן. געווען אונטערגעוואָרפן דעם שעף פון ס.ס. און פּאָליציי ביים דיסטריקט וואַרשע. פאַרמאָגט אין געטאָ עטלעכע זאַמל־שטעלעס, ווו ס׳האָבן געאַרבעט יידן. די צענטראַלע האָט זיך געפונען אויף ניזקע.

[12] זע באַמערקונג 6.

עלעמענטן פון די ברענענדיקע בונקערס, וואָס מען האָט אַהערגעבראַכט אונטער אַ צוואַנג. איבעריקנס, האָב איך, אגב, פּונקט אַזוי ווי די אַנדערע, געמיינט, אַז אויב קיין פּאָניאַטאָוו [13] און טראַווניקי,[14] קענען דערויף אין דער ערשטער ריי רעכענען מענטשן, וואָס האָבן זיך צוגעשטעלט פרייוויליק. מיר מענטשן... דאָס הייסט די, וואָס האָבן געשטעלט אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד, קענען רעכענען בלויז אויף טרעבלינקע.[15] מ׳האָט אָנגעהויבן היציק זיך אַדורכצושמועסן וואָס צו טאָן. אפשר זיך באַהאַלטן ערגעץ אין אַן אוביקאַציע אָדער אין אַ קעלער, כדי אויף אַזאַ אופן אויסצומיידן אַוועקגעשיקט צו ווערן. אָבער ווי אַזוי? וואָסער ציל האָט עס? איך געדענק, אַז מיט אונדז, פּאָלאַ עלסטער און ה. וואַסער, האָבן זיך גע־האַלטן צוזאַמען צוויי בחורים פון דעם שטח פון די בערשטער, וואָס האָבן פּונקט ווי מיר אויך געזוכט וועגן ווי אַזוי צו אַנטלויפן. כ׳געדענק, אַז איינער פון זיי האָט זיך אַרויסבאַקומען אויף עפּעס אַ קאָרידאָר דורך פּאַרמאַכטע טירן, וואָס האָבן וואַרשיינלעך געפירט צום קעלער. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט זיך דער־הערט אַ שאָס און אונדזערע אויגן האָבן שוין מער קיין מאָל דעם בחור נישט געזען. אויפן צווייטן שטאָק פון אומשלאַג זענען געווען פאַרזאַמלט די מענטשן פון טעבענסן און די אַזוי גערופענע „לעגאַלע" [16] מיט אויסווייזן און מעלדקאַרטן פון דער פירמע. ס׳איז ביי אונדז אַנטשטאַנען דער געדאַנק, אַז ווי עס זאָל נישט זיין, איז בעסער זיך צו האַלטן נעבן די דאָזיקע מענטשן. זעט אויס, אַז דער זעלבער געדאַנק איז אַנטשטאַנען אויך ביי אַנדערע „ווילדע" מענטשן, והראיה, ס׳איז נישט אַוועק קיין שעה און דער גאַנצער צווייטער שטאָק איז איבער די ברעגעס איבערגעפּולט געוואָרן מיט מענטשן. איך און דער חבר וואַסער זענען מיר אַרויף אויפן צווייטן שטאָק, כדי צו זיין צוזאַמען מיט טעב.[17] איך האָב אַהין אויך מיטגעשלעפּט אונדזער בשותפותדיקע פריינדין נאַטאַ, ווי אויך דעם חבר עליאַשעוויטש מיט זיין פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון דריי פּערזאָן. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָבן מיר געמיינט, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס מיר קענען טאָן. וועגן אַנטלויפן איז קיין רייד נישט געווען, ווייל ווי אַזוי דען? אין די נאָכמיטאָג־שעהען איז די ידיעה וועגן אַרויספאָר געווען שוין כמעט אַ זיכערע און צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג איז טאַקע אָנגעקומען אַ גרויסע צאָל אוקראַאינער אין בנין פון אומ־

[13] זע באַמערקונג 1.

[14] זע באַמערקונג 7.

[15] פאַרניכטונגס־לאַגער 4 קילאָמעטער פון מאַלקין, צווישן ביאַליסטאָק און וואַרשע, מיט גאַזאויוונס און קרעמאַטאָריעס. דאָרט זענען אומגעבראַכט געוואָרן אַרום 750 טויזנט מענטשן.

[16] לעגאַלע — די, וואָס זענען „לעגאַליזירט" געוואָרן, ד. ה. געאַרבעט אין אַ שאָפּ און פאַרמאָגט אַרבעט־צייגעניש.

[17] טעב — די מענטשן פון טעבענס־שאָפּ.

דריי

שלאַג און האָט גענומען אַרויסיאָגן דעם המון אויפֿן פּלאַץ אַרויס. ס׳איז שווער זיך פֿאָרצושטעלן און צו באַשרייבן די געדאַנקען, וואָס זענען מיר געקומען אויפֿן זינען. כ׳האָב מיר קלאָר געמאַכט די גאַנצע אָן־תהומיקע טראַגעדיע פֿון די מענטשן, וואָס מען האָט אויף דעם דאָזיקן וועג געפֿירט צום איבערלאָדונג־פּלאַץ און פֿון דאָרט צום טויט. ס׳האָבן זיך מיר דאַן ווי לעבעדיקע געשטעלט פֿאַר די אויגן די אַלע נאָענטע פֿריינט און באַקאַנטע, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דורך אַזאַ שרעקלעכן גאָלגאָטאַ־וועג, וועלכער איז אין דער ווירקלעכקייט געווען הונדערט מאָל שרעקלעכער, ווייל זיי האָבן געוווּסט, אַז זיי גייען שוין דירעקט אויפֿן טויט, בעת מיר האָבן נאָך געהאַט אַ שיין פֿון האָפֿענונג, אַז אפֿשר גייען מיר אין לאַגער, דאָס הייסט, אַז אפֿשר איז עס נאָך נישט דער אוממיטלבאַרער טויט.

אַזוי ווי פֿיי זענען די מענטשן אַרויסגעטריבן געוואָרן אויפֿן פּלאַץ, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט מען אינעם אומשלאַגן־בנין קיינעם נישט איבערגעלאָזן. אין אָנהייב האָבן מיר געקלערט וועגן פֿאַרבלייבן אין בנין, דאָס איז אָבער געווען אוממעגלעך, מחמת מען האָט דעם בנין גענוי איבערגעזוכט. אַלע מענטשן, וועלכע מען האָט אַרויסגעטריבן פֿון בנין, זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אויפֿן פּלאַץ און דאָ זענען צום וואָרט און צו מעשים צוגעטראָטן ס.ס.־לייט, זשאַנדאַרמעריע און אוקראַינער. מיטן חבר וואָסער האָבן מיר זיך אָפּגערעדט, אַז צי זאָל עס זיין טרעבלינקע, צי זאָל עס זיין טראַווניק, אָדער אַפֿילו פּאָניאַטאָוו, שפּרינגען מיר פֿון צוג. דער אומשלאַג־פּלאַץ איז שנעל פֿאַרפֿולט געוואָרן מיט מענטשן. שווער איז געווען איבערצוציילן די צאָל פֿון די צונויפֿגענומענע. ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט די צאָל פֿאַרן אויג אויסגעזען צו זיין אַן ערך 4—5 טויזנט.. די היץ איז געווען נישט צו באַשרייבן. מען האָט אָנגעהויבן אויסצושטעלן און צו סעגרעגירן די דאָזיקע מענטשן־מאַסע. די ס.ס.־לייט, די זשאַנדאַרן און די אוקראַינער האָבן זיך באַנוצט מיט בייטשן און מיט האַנט־קאַראַבינען. מען שרייט, מען שטופּט זיך אין דער ענגשאַפֿט. קרובים, נאָענטע רופֿן זיך איבער צווישן זיך, כדי צו זיין צוזאַמען כאָטש אין דער לעצטער שעה, ווען מען ווייס נישט, צי ס׳איז שוין דער טויט אָדער איז עס נאָך אפֿשר אַ קליין ביסעלע לעבן. די מורא זעט זיך אויף אַלעמענס פּנימער: אָ, ניין, דאָס איז שוין זיכער דער טויט. די זון האָט געברענט און די מיילער ביי די מענטשן זענען פֿאַרטריקנט געוואָרן פֿון היץ. דאָס פּייניקן די מענטשן האָט זיך געלאָזט פֿילן אין יעדן פֿאַל דערמיט, וואָס מען האָט זיי אין אַזאַ חמימה קיין טראָפּן וואַסער נישט געגעבן. אויסגעשטעלטע אין שורות האָבן מיר געוואַרט דערויף, וואָס עס וועט געשען. ס׳האָט זיך צווישן די רייען תיכף פֿאַרשפּרייט אַ קלאַנג, אַז טעבענס געפֿינט זיך אויפֿן פּלאַץ און דאַרף אַדורכפֿירן אַ סעלעקציע. אַ סעלעקציע, און מיר דאַרפֿן פֿון דאָס ניי איבערלעבן די שוידערלעכע מינוטן. דאָס מאָל האָט טעבענס אָפּגעקליבן 450 מענער, וואָס

האָבן געדאַרפט פאָרן קיין פּאָניאַטאָוו. און אַזוי איז געשען. טעבענס האָט גערופן אַלע שניידערס און מעטאַל־אַרבעטער, זיי זאָלן אַרויסטרעטן פון די שורות. איך בין געשטאַנען צוזאַמען מיטן חבר וואַסער. דערהערנדיק דאָס, איז ער תיכף אַרויסגעטראָטן פון מיין שורה און איז אַריבער צו די שניידערס און מעטאַל־אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געהאַלטן אין גרופּירן... וואַסער, צוזאַמען מיט עליאַ־שעוויטשן, זענען אַריבער צו דער גרופּע שניידערס און מעטאַל־אַרבעטער. די גרופּע איז באַשטאַנען אויסשליסלעך פון יונגע און געזונטע מענער. דער קליינער האַררי, דער זון פון חבר עליאַשעוויטש, אַ פּופּצניאָריק בחורל איז צוויי מאָל אָפּגעשטויסן געוואָרן פון דער גרופּע שניידערס, ווייל ער איז טעבענסן נישט געפעלן געוואָרן. אַזוי אַרום איז דאָס יונגע בחורל אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין פאָטער און אַזעלכע פאַלן זענען געווען אין די הונדערטער. עס האָבן זיך צעטיילט פאָרפעלקער. מאַמעס זענען אָפּגעטיילט געוואָרן פון קינדער, ברידער פון שוועס־טער און פון ברידער, שוועסטער פון שוועסטער. דער זעלבסטדערהאַלטונג-אינ־סטינקט, דער געדאַנק, אַז אפשר וועלן זיי דאָרט געפינען אַ רעטונג, האָט געבראַכט דערצו, אַז מענטשן האָבן, נישט באַטראַכטנדיק זיך, פאַרלאָזט זייערע נאָענטע, זייערע קרובים און זיך געשטופּט צו דער גרופּע, וואָס איז שוין כלומרשט בפירוש באַשטימט געווען אַרויסצופאָרן קיין פּאָניאַטאָוו. אָט די דאָזיקע גרופּע האָט מען די ערשטע פאַרלאָדן אין וואַגאָן. די מענטשן, וועלכע זענען פאַרבליבן אויפן פּלאַץ, זענען געווען אויפן העכסטן גראַד... זיי האָבן ראשית כל געמיינט, אַז טעבענס וועט ווייטער צוגרייטן פאַך־גרופּעס און אַז אויב אַזעלכע זענען נישטאָ, וועט קיינער מער, זעט אויס, נישט פאָרן קיין פּאָניאַטאָוו.

אַזעלכע און ענלעכע געדאַנקען האָבן אַבסאָרבירט אַלע די, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אויפן פּלאַץ. איך האָב געזען, ווי ס'הייבן זיך אַרום און אַרום די פייערן פון די שריפות. דערווייל האָט מען אין די נאָכמיטאָג־שעהען אויך די מענטשן גענומען פאַרלאָדענען אין די וואַגאָנען. דאָס האָט אויסגעזען שרעקלעך. די זשאַנ־דאַרמעריע האָט אויסגעשטעלט מאַשין־געווער אַרום די וואַגאָנען אויף ספּעציעלע אונטערשפּאַרעכצן. מען האָט אָנגעהויבן אַריינצוטרייבן די מענטשן־מאַסע. כ'געדענק ווי די מענטשן, געיאָגטע דורך די ס.ס.־מענער און אוקראַאינער פלעגן אויפן וועג פאַרלירן פּעקלעך, רוקזעק, וואַליזקעס פּונקט אַזוי ווי דאָס פלעג געשען אין יענע אויסראָטונג־טעג, וועלכע זענען מיר פאַרבליבן אין זכרון. קיינער האָט זיך די מי נישט געגעבן זיך אַ בייג צו טאָן איבערן אַ פאַרלאָרן פּעקל, איבער אַן אַראָפּגעפאַלענעם וואַליזקע. פאַרקערט — איינער פלעג פאַרוואַרפן דעם צווייטן, פאַרוואָס ער שלעפּט מיט זיך אַ רוקזאַק. ער פאָרט דאָך סיי ווי צום טויט, טאָ נאָך וואָס דאַרף ער האָבן זאַכן.

דריי

אַזאַ איז געווען די שטימונג אין דער ריי, אין וועלכער איך בין געשטאַנען. צוזאַמען מיט נאַטאַ׳ן האָב איך זיך אינסטינקטיוו גענומען רוקן אויף צוריק. כ׳האָב געקלערט: אפשר וועט מיר דאָך געלינגען צו בלייבן, אפשר וועט פאַרפעלן וואַגאַנען. דאַן עפנט דאָס פאַרבלייבן אויפן אומשלאַג געוויסע שאַנסן צו אַנטלויפן. מיר האָבן געוווסט, אַז די וואַגאָנען וועלן זיכער שטרענג פּאַטראָלירט ווערן דורך אוקראַינער, אפשר אויך דורך דייטשן. דעריבער וועלן די שאַנסן אַראָפּצושפּרינגען זיין קלענערע. אונדזער כסדרדיק רוקן זיך אויף צוריק האָט געדויערט אַ 15—20 מינוט. אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען אומזיסט. מען האָט אונדז פאַרלאָדן צו 70 מאַן אין אַ וואַגאָן. ס׳איז געווען גענוג וואַגאָנען צו פאַרלאָדן אַלעמען. די פּראָצעדור איז געווען אַזאַ: מען האָט אַריינגעלאָזט די מענטשן אין וואַגאָן אַריין, מען האָט זיי אָפּגעציילט און דאַן האָט מען פאַרריגלט די טיר. כ׳האָב זיך געפונען אין וואַגאָן צוזאַמען מיט נאַטאַ׳ן אין מיטן פון לחלוטין אומבאַקאַנטע מענטשן. האַלב צוויי אַ זייגער זענען אַלע וואַגאָנען געווען אָנגעפּילט און די טירן פאַרמאַכט. די צאָל פון די וואַגאָנען געדענק איך נישט. די וואַגאָנען האָבן געהאַט קליינע, פאַרקראַטעוועטע פענצטערלעך, אייניקע פון זיי — אָפענע פענצטערלעך אָן קראַטעס. איך האָב זיך אַריינגעקריגן אין אַ וואַגאָן, וווּ דאָס פענצטערל האָט נישט געהאַט קיין קראַטעס. אַזוי ווי מען האָט אונדז געהאַט געזאָגט, זענען די וואַגאָנען באַגלייט געווען דורך אַ קאָנוואָי פון זשאַנדאַרמעריע און אוקראַינער.. זיי זענען געזעסן אויף די דעכער אָדער צווישן די וואַגאָנען. ווען כ׳האָב זיך געפונען אין וואַגאָן, האָב איך ערשט דערפילט אַ מוראדיק ברענען אין אויג. דאָס אויג איז געווען אין גאַנצן רויט, געשוואָלן און אָן אויפהער האָט פון אים גערונען מאַטעריע, וואָס כ׳האָב אַפילו נישט געקענט אָפּווישן, היות ווי פאַרמאָגט האָב איך בלויז דאָס, וואָס כ׳האָב אויף זיך געטראָגן. אַזוי אַרום האָב איך זיך ערשט גענומען אָפּגעבן אַ רעכענונג פון מיין מצב. אין וואַגאָן האָבן זיך, ווי שוין דערמאָנט, געפונען 70 מענטשן. די מענטשן האָבן תיכף פאַרנומען ערטער. פאַרשטייט זיך, אַז די שטאַרקע האָבן זיך צובאַקומען צום פענצטערל און געמאַכט אַן אָרט פאַר זייערע נאָענטסטע. מיר האָבן גלייך דערפילט אַ מוראדיקע ענגשאַפט. מ׳האָט געמוזט אָפּטרעטן ערטער פאַר צוויי פרויען מיט זויג-קינדער אויף די הענט. דאַן האָבן געמוזט זיצן קינדער אין אַ ביסל אַ העכערן עלטער. אַחוץ דעם האָט זיך אין אונדזער וואַגאָן געפונען דאָס מיידל מיט די אויפן העכסטן גראַד אָפּגעברענטע פיס, וועגן וועלכער כ׳האָב שוין פריער געהאַט געשריבן. נאָכדעם ווי די פרויען מיט זייערע קינדער, די קינדער, די זקנים און דאָס דאָזיקע מיידל האָבן פאַרנומען ערטער, האָט מען שוין כמעט זיך נישט געקענט אַוועקזעצן. אויב עמעצער איז דאָך געזעסן, איז עס אויסגעקומען אַזוי, אַז זיינע פיס האָבן זיך אָנגעלענט אויף עמעצנס אַ קאָפּ אָדער אויף עמעצנס פיס אָדער בויך. יעדע מינוט

פלעג זיך דערהערן אַ געשריי: וואָס ווילט איר פון מיין פּוס? טרעט נישט אויף מיינע הענט, אויף מיין קאָפּ, אויף מיין בויך!

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אָבער נאָר פאַר פרייע מענטשן. פאַר אונדז, מענטשן פאַרשפּאַרטע אין אַ פאַריגלטן וואַגאָן, איז דער טאָג געווען אַ גיהנום. אַ היץ נישט צו באַשרייבן. די קערפּערס צונויפגעפּרעסט איינער צום צווייטן. און ווי אַ צולאָג — האָט געפעלט וואַסער. צי איז דער בעסטער דיכטער בכוח צו באַשרייבן די טראַגעדיע פון מענטשן, וואָס לעכצן נאָך וואַסער אין אַזאַ חמימה? איך דערלויב זיך צו מיינען, אַז קיין שום ווערטערבוך פאַרמאָגט נישט די געהעריקע ווערטער צו באַצייכענען די פאַרשידענע אופנים, ווי אַזוי די דייטשן פלעגן פייניקן יידן, אַפילו ווען ס׳האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ ביסל וואַסער.

דער וואַגאָן איז געשטאַנען אויפן אָרט פון אַ זייגער איינס נאָכמיטאָג ביז צען בייינאַכט. נאָכדעם ווי כ׳בין אַריין אין וואַגאָן האָב איך גלייך גענומען איבער־שמועסן זיך מיט נאַטאַ׳ן וועגן דער טעכניק פון אַרויסשפּרינגען. כ׳האָב זיך געוואָלט באַקענען מיטן עלעמענט אין וואַגאָן, (כדי צו וויסן) צי מיר וועלן זיין פאַראייניזאַמט אין אונדזער טאַט, צי ס׳זענען פאַראַן נאָך אַנדערע, וואָס האָבן, אַזוי ווי מיר, בדעה צו שפּרינגען. בכלל איז געווען אינטערעסאַנט, וואָס עס טראַכטן די מענטשן פון אונדזער וואַגאָן. ווען כ׳האָב, צוזאַמען מיט נאַטאַ׳ן, גענומען פּאַמעלעך צוגרייטן דעם באָדן פאַר אונדזער אַרויסשפּרינגען, האָב איך זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטורמישן פּראָטעסט מצד די איבעריקע. וואָס הייסט עס? מיר וועלן נישט דערלויבן. מילא, פאַרפאַלן. אויב אַפילו מיר פאָרן קיין טרעבלינקע, איז נישטאָ קיין ברירה. אַזאַ איז שוין אונדזער גורל. איבעריקנס, זענען מיר נישט בעסער פון די אַנדערע מאַמעס, טאַטעס, ברידער, שוועסטער, וואָס זענען אויך אומגעקומען. פאַרוואָס זשע דאַרפן מיר זיין די אויסדערוויילטע? און אפשר איז עס גאָרנישט טרעבלינקע? טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר שטעלן אין געפאַר אַ גאַנצן וואַגאָן מענטשן פאַר עטלעכע יחידים, וואָס מיינען, אַז זיי וועלן אויף אַזאַ אופן זיך ראַטעווען דאָס לעבן? די שטימונג איז דעריבער געווען אַ פיינטלעכע. נאַטאַ האָט געפּרוווט אַ מיטל. היות ווי מען פלעג פון צייט צו צייט קענען אויסבעטן אַ ביסל וואַסערביים דייטש, וואָס האָט געהאַלטן די שמירה איבער אונדז (זיי פלעגן, פאַרשטייט זיך, ברענגען וואַסער בלויז צו ביסעלעך), האָב איך פאַרגעלייגט, זי זאָל זיך דערמיט פאַרנעמען צוליב איר ענערגישקייט און צוליב דעם, וואָס זי האָט שוין געקענט אַזוי איינטענהען מיטן דייטש, אַז ער פלעג איר דאָס פלעשל וואַסער נישט אָפּזאָגן, פאַרשטייט זיך, פאַר געלט (50 זלאָטעס פאַר אַ ליטער וואַסער). נאַטאַ, נישט נאָר וואָס זי האָט אויף אַ קלוגן אופן אַרויסבאַקומען דאָס וואַסער, פלעג זי עס אויך יושרדיק צעטיילן צווישן אַלע. ראשית כל, פלעגן עס באַקומען די קינדער, די זקנים, דאַן ערשט די פרויען,

די מענער. דאָס דאַזיקע האַנדלען אירס האָט אונדז פאַרשאַפט סימפּאַטיע ביי אַ ביסל מענטשן, אַזוי, אַז מ׳האָט שוין נאַטאַ׳ן און מיר דערלויבט צו שטיין אַ ביסל ביים פענצטערל.

דאָס וואַרטן אָן שום האָפענונג האָט אַרויסגעבראַכט די מענטשן פון גלייכ־געוויכט. פאַר דער מינדסטער קלייניקייט פלעגן זיך מענטשן קריגן אויף אַ שרעקלעכן אופן. די מערסטע סיבות פון קריגערייען זענען געווען: דאָס פענצ־טערל, וואַסער און אַן אָרט צום זיצן. אַ גיהנומל — איך שרייב אַ גיהנומל,— ווייל דעם אמתן גיהנום האָבן מיר ערשט איבערגעלעבט אויף צומאַרגנס. מיט נאַטאַ׳ן האָבן מיר אָנגעהויבן אַדורכרעדן אונדזערע ענינים. ס׳איז געווען קלאָר — מיר שפּרינגען. קיין אַנדער אויסוועג האָבן מיר נישט. נאַטאַ האָט נישט געהאַט קיין שום אַדרעס אויף דער אַרישער זייט. געלט האָט זי געהאַט גאַנצע 300 זלאָטעס. פון אַנטועכץ האָט זי געהאַט בלויז דאָס, וואָס זי האָט געטראָגן אויף זיך, דאָס הייסט אַ זומער־קליידל און אַ מאַנטל. מיט מיר האָט די זאַך אויסגעזען אַזוי: דאָס לינקע אויג פול מיט אייטער און רויט ביז צום העכסטן גראַד. ווי אַ רעזול־טאַט פון מיין איבערגעמאַטערטקייט, האָט אויך דאָס רעכטע אויג גענומען מיר שטאַרק קווענקלען. כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי דאָס אויג וואָלט כסדר פול געווען מיט שטויב. כ׳האָב מיט זיך נישט געהאַט קיין שום געלט. ביים צעשיידן זיך מיט וואַסערן האָב איך נישט באַוויזן צו נעמען ביי אים עטלעכע הונדערט זלאָטעס. ס׳איז מיר בלויז פאַרבליבן אַ גאָלדן זייגערל, וואָס כ׳האָב געהאַט באַקומען פונעם חבר בערלינסקי. כ׳האָב זיך דערמיט נישט געוואָלט צעשיידן און צוליב דעם נישט אַריינגערעכנט עס אין מיין מאַטעריעלן מצב. די אָרעמע נאַטאַ האָט מיך געטרייסט, איך זאָל זיך נישט זאָרגן וועגן קיין געלט. זי פאַרמאָגט דאָך 300 זלאָטעס, וועט עס קלעקן. און מיר זענען באמת דערגאַנגען צום אויספיר, אַז אויב מיר וועלן דערפאָרן ביז וואַרשע, איז געלט פאַר אונדז אומנייטיק. אויב עפּעס באַאומרויקט אונדז שטאַרק, איז עס אונדזער אויסערלעכער אויסזען. דאָס שפּרינגען וועט פאָרקומען אין דער פּוילישער חגא פון פּאַסכאַ (וויעלקאַנאָץ). מיר אין דעם דאַזיקן הילוך און ספּעציעל מיין פּנים מיטן אויג, וואָס איז אַנטצונדן ביז גאָר, און דאָס פעלן פון געלט —אָט די דאָזיקע מאָמענטן האָבן אונדז באַאומ־רויקט. נישט געקוקט דערויף האָבן מיר דאָך באַשלאָסן צו שפּרינגען. איין פּראָ־צענט האָפענונג אויף לעבן איז בעסער פון דעם וואָס דערוואַרט אונדז. ווי כ׳האָב שוין געשריבן, האָבן זיך אין וואַגאָן געלאָזט הערן פאַרשידענע מיינונגען. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז טראַווניק, אַנדערע — טרעבלינקע. נאָך אַנדערע, אַז מען פירט אונדז קיין לובלין. וועגן עסן האָט קיינער נישט געטראַכט. איבעריקנס, האָט קיינער גאָרנישט נישט געהאַט. מען איז בלויז געווען דורשטיק ביז גאָר. אָנטרינקען זיך ביז צו דער זעט — דאָס איז געווען אונדזער אַלעמענס חלום.

אַזוי זענען פאַרביי די נאָכמיטאָג-שעהען. מענטשן האָבן געגומען מאַכן געוויסע השערות וואָס שייך אונדזער אָפּפאָרן. אייניקע האָבן געהאַלטן, אַז מיר דאַרפן אַזוי שטיין צוויי טעג. אַנדערע, אַז ס׳האָט מסתּם פאַרפעלט מענטשן פאַר די וואַגאָנען און אַז מען וואַרט אויף נייע טראַנספּאָרטן יידן פון געטאָ. נאָך אַנדערע — אַז דער צוג וועט אַוועקגיין אין די אָוונט-שעהען. פאַרוואָס זיי האָבן אַזוי געמיינט, ווייס איך נישט. כ׳ווייס נאָר, אַז זיי זענען געווען גערעכט. דער צוג האָט גערירט פון אָרט 9 אַ זייגער אין אָוונט. סוף כּל סוף פאָרן מיר — האָט זיך אַ קרעכץ אַרויסגעריסן פון אַלעמענס הערצער. דאָס וואָס דער צוג האָט גערירט פון אָרט האָט פון דאָס ביי אַ שטויס געטאָן צו אַן אינטענסיוו דענקען. ווען מען איז געשטאַנען אויף אַן אָרט, האָבן די מענטשן כּמעט ווי פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע דאָס וואָס דערוואַרט זיי. דאָס פּייפן פון לאָקאָמאָטיוו און דאָס רעגלמעסיקע באַוועגן זיך פון צוג האָט זיי אַרויסגעשטויסן פון פאַרגעסן זיך. ליידער, אַ טרויעריקעווירקלעכקייט. מיר פאָרן. זיכער פאָרן מיר, אָבער אויף אומקום. אויב נישט אויף אַ תּיכּפדיקן טויט אין טרעבלינקע, איז עס אויף אַ פּאַמעלעכדיקן, הונדערט מאָל ערגערן טויט אין אַרבעט-לאַגער. מיר פאָרן. נישט ווילנדיק רוקט זיך מיר אָן אַ געדאַנקען־אַסאָציאַציע. אַמאָל פלעג אַ נסיעה זיין דער פריידיקסטער פראַגמענט פון מיין לעבן. ווינטער פלעג איך לעבן מיט די זכרונות פון זומער און מיט חלומות, וואָס האָבן געהאַט אַ פאַרבינדונג מיט דער פעריע־צייט, וואָס רוקט זיך אָן. זייענדיק נאָך אַ קינד, פלעג איך זיך אַרויסגנבענען אויף איינזאַמע שפּאַצירן און זייער ציל איז תּמיד געווען דער באַן־וואָקזאַל. אין די באַן־שינעס און אין דעם אָפּפאָרנדיקן צוג פלעג זיך פאַר מיר עפענען אַ נייע וועלט, אַן אויסגע־חלומטע, אַ פּראָדוקט פון קינדערישער פאַנטאַזיע. אין לויף פון די יאָרן האָבן די קינדערישע פאַנטאַזיעס אַנגעהויבן אָננעמען געוויסע, באַשטימטע, רעאַלע פאָר־מען. די יאָרן האָבן ביי מיר נישט פאַרטושט דאָס אומגעהייערע גליק, וואָס איך פלעג פילן ביים אַוועקפאָרן. יעדער אָפּפאָר פלעג עפענען ביי מיר אַ וועג צו דערקענען נייע געביטן, מענטשן, צו אָבסערווירן נייע דערשיינונגען. ווי אַנדערש אָבער איז געווען דער כאַראַקטער פון דער איצטיקן אָפּפאָרן. ווי אַזוי בין איך, די גרויסע ענטוזיאַסטקע פון נסיעות, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שונא פון צוגן. אין דער עפּאָכע פון דער דייטשישער הערשאַפט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז יעטוועדער אַרויספאָר פון יידן האָט פאַר אַ ציל דעם טויט. דאָס איז די ערשטע אָדער די לעצטע סטאַציע פון דער נסיעה. דעריבער האָב איך, ווען דער צוג האָט נאָר געהאַט גערירט, געוואָלט אים מיט מיינע געדאַנקען איינהאַלטן. איך האָב געפילט, אַז די באַוועגונג פון צוג גילאָטינירט מיינע באַגערן און אַז, ווען כ׳וואָלט עס נאָר געקענט, וואָלט איך איינגעהאַלטן דעם צוג און וואָלט באַפרייט די מענטשן פון דער דאָזיקער גיהנום־מאַשין.

ליידער האָט די טרויעריקעווירקלעכקייט פאַרלאַנגט פון מיר עפּעס אַנדערש. מ׳האָט געדאַרפט ערנסט זיך נעמען רעאַליזירן די נאָך פריער אָנגענומענע פּלע־נער. דערווייל האָט זיך אין וואַגאָן די באַציונג צו די מענטשן, וואָס האָבן בדעה געהאַט צו שפּרינגען, אַ ביסל געענדערט. און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל די צאָל פון די, וואָס זענען געווען גרייט צו שפּרינגען (כאַראַקטעריסטיש, אַז מיט דער מינוט, ווען דער צוג האָט געריררט פון אָרט, האָבן זיך תיכף געפונען מענטשן, וואָס האָבן דערקלערט, אַז אויך זיי ווילן שפּרינגען) האָט זיך פאַרגרעסערט. די מענטשן, וועלכע האָבן, אַחוץ מיר און נאַטאַ׳ן, געדאַרפט שפּרינגען, זענען געווען אַ גרופּע קרובים — דריי פּאָרפּעלקער און איין מאַנצפּערשוין. די גרופּע האָט דערקלערט, אַז מיר דאַרפן שפּרינגען רייענווייז, איינער נאָכן צווייטן, ווייל זיי ווילן זיך האַלטן צוזאַמען אין וועג און וועלן דעריבער קיינעם נישט דערלויבן צו שפּרינגען אין דער צווישנצייט. דאָס זענען נישט געווען בלויז קיין ווערטער. זיי האָבן פאַרבלאָקירט דאָס פענצטערל און קיינעם צו אים נישט צוגעלאָזן. די שעהען האָבן איצט שנעל גענומען זיך רוקן פאָרויס...

די לאַגע אין צוג האָט מיר אָנגעהויבן צו דערמאָנען אַ געוויסע סצענע אין דעם משוגעים־שפּיטאָל אין וואַרשע (יאַן באָזשי). איין מאָל, אַ זונטיק, האָב איך דאָרט באַזוכט מיינע אַ פריינדין. אַנדערע האָט מען אַריינגעלאָזט אין בשותפות־דיקן זאַל, כדי זיך צו זען מיט קרובים און נאָענטע. אויפן דיל זענען געזעסן קראַנקע. דאָס בילד איז געווען אַ פאַרשידנאַרטיקס. אייניקע, אין זיכערקייט־קאָפּ־טאַנעס, אַנדערע מיט טרויעריקע אויגן ביז גאָר. נאָך אַנדערע מיט צעשמייכלטע, גוטמוטיקע פּנימער. מ׳איז געשטאַנען, מ׳איז געזעסן, מ׳האָט געקניט. דאָס בילד האָט אויף מיר געמאַכט אַ שוידערלעכן איינדרוק. ווען כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף אָט דער מאַסע האָפענונגלאָזע מענטשן, האָט זיך ביי מיר דערוועקט אַן אַסאָציאַציע מיט יענעם בילד פון די משוגעים. די מענטשן האָבן באמת געמאַכט אַן איינדרוק פון משוגעים. די נערוון האָבן נישט אויסגעהאַלטן. מאַמעס, נישט האָבנדיק מיט וואָס צו קאַרמען די קינדער, פאַלן אויף דער שרעקלעכסטער המצאה: זיי צווינגען די קינדער אָפּצוגעבן אורין און מיט איר שטילן די קינדער זייער דורשט. מאַקאַבריש איז געווען...

דער זון פון עליאַשעוויטש, אַ 15יאָריקער בחור, איז דורכן פאָטער איבער־געגעבן געוואָרן אונטער מיין שוץ....

נאָך לאַנגע זוכענישן קריג איך ביי עמעצן אַ קלעצל צוקער. הארדי נעמט עס אין מויל אַריין, אָבער נאָכדעם ווי ער האַלט עס לאַנג אין מויל, נעמט ער עס אַרויס אַ טרוקנס. דאָס מויל און די צונג זענען אויסגעטריקנט. דאָס יינגל פאַלט אַוועק. איך בין פאַרצווייפלט. כ׳פאַרגעס מיין אייגענע אויסגעמאַטערטקייט, מיין אומבאַשרייבלעכע נערוון־צעשיטערונג. מיט דער הילף פון אַ מאַן שלעפּ איך

האַררין צו צום פענצטער. אפשר וועט די לופט אים אַ ביסל אויפהייטערן. האַררי קומט צום באַוווסטזיין. וואָס ווייטער? אויך די אורין העלפט נישט די קינדער. פאַרקערט, געוויסע קינדער, נאָכן אויסטרינקען, באַקומען קאָנוולסיעס. ביי אַנדערע וואַקסט דער דורשט נאָך מער. מאַמעס נעמען זייערע וויינענדיקע קינדער און שטעלן זיי צו צום פענצטער. אפשר וועט סוף כּל סוף דאָס דאַזיקע בילד אַ ריר טאָן די פאַרשטיינערטע הערצער פון אונדזערע פייניקער. די דייטשן שטייען אויף די שטיגן אונטער די פענצטער און ווען זיי דערזעען אַ קאָפּ, וואָס בייגט זיך אַרויס, טוען זיי אַ קלאַפּ אין פענצטער מיט דער בייטש. וואָס טוט מען? מען זאָגט אונדז קאַטעגאָריש אָפּ צו געבן וואַסער. ס׳פאַלן פּראַגעס, ווען וועלן מיר שליסלעך רירן פון אָרט. קיינער גיט אונדז אָבער נישט קיין תּשובֿה. מיר איז שוין סיי ווי אַלץ איינס. איך ליג פאַר מען זאָל צעלייגן די טיר פון וואַגאָן. כ׳גיב די מענטשן צו פאַרשטיין, אַז סייווי איז שוין אַלץ איינס, אַז מיר וועלן אַלע אויסגיין פון דורשט, אַז מיר וועלן דאָך באַווייזן וואַסער נישט איז מענטשלעכן פּראָטעסט. נישט געקוקט אויף דער פאַרצווייפלונג נעמען די מענטשן אויף מיין פאָרשלאָג מיט עמפּערונג. בלויז אַ טייל פון די אָנוועזנדיקע סאָלידאַריזירן זיך מיט מיינע פּלענער.

איינע, אַ מער מוטיקע פרוי, נישט קענענדיק מער פאַרטראָגן די יסורים פון איר קינד, האָט באַשלאָסן אַרויסצוגיין דורכן פענצטער און ברענגען וואַסער. צום ערשט רוקט זי אַרויס די פיס, אַ סעקונדע שפּעטער ווערט זי מיט כּוח צוריק אַריינגעשטופּט דורכן דייטש. די אַרומיקע פּוילישע באַפעלקערונג מאַכט אונדז צייכנס פון דער ווייטנס, אַז זיי וואָלטן אונדז געבראַכט וואַסער, נאָר די מאַכט דערלויבט נישט. מיר שטייען נאָך אַלץ אויפן אָרט. ס׳איז שוין פיר אַ זייגער נאָכמיטאָג. מיר ווייסן נאָך אַלץ נישט וווהין מיר פאָרן. האַלב פינף רירט דער צוג פון אָרט און די אָפּטימיסטן טריומפירן: מיר האָבן דאָך אייך געזאָגט, אַז מיר פאָרן קיין טראַווניק. נישט לאַנג פרייען זיי זיך. אַ האַלבע שעה שפּעטער שטעלט זיך דער צוג אָפּ פון דאָס ניי. ער שטעלט זיך אַוועק אויף אַ זייטיקער באַן־ליניע. מיר ווייסן נישט ווו מיר געפינען זיך. און ווידער פאַלן פּראַגעס, איינגעעקשנטע פּראַגעס. מענטשן מאַכן זיך נאָך אילוזיעס, צי מיר פאָרן ווייטער, צי מיר בלייבן דאָ. עס ווערט קלאָר, אַז מיר זענען אין לובלין, מן הסתם ערגעץ ווו אין די פאַר־שטעט. ווייטער פאָרן מיר נישט מער. מיר פאַרגעסן אויף אַ ווײַלע, וואָס עס דערוואַרט אונדז. מיר זענען דורכגעדרונגען מיט דעם וואָס עס קומט פאָר. מען האָט באַקומען אַ דערלויבעניש צו ברענגען אַ ביסל וואַסער. דער פּרייז פאַר אַ פלעשל איז צווישן 50 און 100 זלאָטעס. ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דערלוי־בעניש איז געווען אַ ריין צופעליקע. די קאָנוואָירנדיקע זעלנער האָבן געטוישט די שמירה. דער, וואָס האָט די דערלויבעניש געגעבן, איז נאָר וואָס געהאַט

געקומען און האָט נישט געוווּסט וועגן דעם פאַרבאַט. 5 אָדער 6 געקויפטע פּלע־שער וואַסער האָבן ווייט נישט געשטילט דעם דורשט פון אַלעמען אין וואַגאָן. מיר וואַרטן. דערווייל רירט דער צוג פון דאָס ניי, און נאָך 10 מינוט פאָרן זענען מיר אויפן אָרט. קיינער זאָגט עס אונדז נישט. אָבער מיר האָבן עס תיכף אָרויס־געפילט. מיר געפינען זיך פאָרן פלי־פּלאַץ אין לובלין. איך בין פאַרצווייפלט. מיר זענען אין דעם באַרימטן ק. ל. (קאָנצענטראַציע־לאַגער) מאַידאַנעק.[18]

איך בין נישט בכוח איבערצוגעבן די געדאַנקען און מיין נשמה־מצב. אויף די אַנדערע האָט די ידיעה, אַז מען פירט אונדז קיין לובלין, נישט געהאַט קיין ספּעציעלע ווירקונג. זיי זענען געווען אַזוי צעבראָכן און דערשלאָגן, אַז זיי האָבן נישט רעאַגירט. (פיר אומלייענבאָרע זייטלעך).

„Nasze Słowo" 7-8 (57-58) 19/4/1949

פיר אָפּגעפונענע זייטלעך

(ביז איצט נאָך נישט פאַרעפנטלעכט)

*זונטיק, 18.IX. ס׳ווערט קאַלט. אויפן בוידעם דורך די שפּאַרעס פון אונדזערע ווענט יאָגט אַ שטאַרקער ווינט. מיר ליגן איינגעקאַרטשעט. מיר גיבן זיך וואָסאַמאָל מער אָפּ אַ רעכענונג, אַז איבערווינטערן דאָ אויפן בוידעם, וואָס איז כמעט ווי געגליכן צו דער גאַס, וועט זיין אוממעגלעך. איך קלער וועגן די לאַגערן אין פּאָניאַטאָוואָ. די האַרבסט־ווינטערן אין די לאַגערן, אין וועלכע מענטשן פאַרנעמען באַראַקן, זענען אַ קאַטאַסטראָפע פאַר די לאַגעריסטן אַן אומגעהויערער טרויער נעמט אַרום. פון דער מינוט, ווען איך האָב פאַרלאָזן דעם לאַגער, האָט מען מער קיינעם פון דאָרט נישט אַרויסגעראַטעוועט. איך פיל זיך מאָדנע אומהיימלעך ווען איך קלער וועגן לאַגער. די קעלט דרינגט אַריין אין די ביינער. ביינאַכט האָבן מיר געציטערט. סעווערין [144] באַמיט זיך צוליב דעם צו זיין העפלעך.

מאָנטיק 19.IX. וו.[145] איז געקומען. ט.[146] האָט אַריבערגעפירט אַפּר.[147] אין פּאָניאַטאָוואָ. זעט אויס, אַז אין לאַגער איז צוליב דעם געווען אַ גרויסע פרייד.

---

[18] קאָנצענטראַציע־ און פאַרניכטונגס־לאַגער ביי לובלין, מיט גאַזאויוונס און קרעמאַטאָריעס. אין דעם לאַגער זענען דערמאָרדעט געוואָרן אַן ערך אַנדערטהאַלבן מיליאָן מענטשן.

* יאָר 1943.

[144] דער באַלעבאָס פון דער באַהעלטעניש, וואָס ווערט דערמאָנט אינעם אַרטיקל פון ר. אויערבאַך אונטערן נאָמען זענעק.

[145] וואַנדאַ.

[146] טעאָדאָר פּאַיעווסקי, וואָס האָט אַרויסגענומען פּאַלען פון פּאָניאַטאָוו.

[147] אַפּראָוויזאַציע — קען זיין, אַז דאָ ווערן געמיינט פּאַלשע פּאַפּירן.

כ׳דערוויס זיך, אַז מלך[148] איז שוין 8 וואָכן אין לאַגער. זעט אויס, אַז ווען ט. האָט צוויסן געטאָן האָפּמ.,[149] מיט וועלכן ער טרעפט זיך, אַז דאָס קומענדיקע מאָל וועט ער קומען צו פאָרן נאָך טענצערן, האָט האָפּמאַן דערקלערט, אַז נישט טענצער וועט פאָרן, נאָר ער מיט זיינע זין. ער האָט די זאַך אַוועקגעשטעלט זייער נישט ריכטיק. כ׳פּאַרשטיי, אַז יעדער וואָלט זיך געוואָלט ראַטעווען, אָבער מיטן מאָמענט, ווען מיר מאַכן אָנשטרענגונגען פאַר ט. און דאָס ריין פּאַר.[150] האָט קיינער נישט דאָס רעכט אונדז צו דיקטירן אָדער צו האַנדלען קעגן אונדזערע פאַרלאַנגען. האָפּמאַן האָט געדאַרפט אַרויסרוקן אַ פאַרלאַנג און דערקלערן, אַז ק.ק.[154] האַלט, אַז דער נאָענטסטער דאַרף זיין ער. מלך האָט געשיקט אַ בריוו צו אונדזערע. האָפּמאַן האָט געשיקט אַ בריוו צו מיר. פון מלכס בריוו ווייזט זיך אַרויס, אַז אין לובלין געפינען זיך לענט און לאָזער.[152] האָפּמאַן שרייבט, אַז די וואַרשטאַטן אין לאַגער זענען... (באַרמענאַנד)[153] דער באַרימטער יאַן[154] איז אויסגעענדיקט געוואָרן דורך די אייגענע פריינט, אַלע אין לאַגער זענען שוין נומערירט. ס׳עקזיסטירן שוין אַלזאָ נישט מער קיין נעמען, יעדער האָט אַ נומער. דערמיט אונטערשיידן זיי זיך איינער פון צווייטן. אַלץ אויף אויסגעענדיקט צו ווערן. די פּערספּעקטיוו צו אנטלויפן פאַרשוועריט. ה.[155] שרייבט, אַז כאָטש אין לאַגער איז קאַלט, דערוואַרעמען זיי בלויז זעלטענע ידיעות, וואָס רייסן זיך אַדורך אין לאַגער. ידיעות פּאָל.[156] און פון פראָנט, וועלכע זאָגן אָן דעם פרילינג פון די פעלקער. פון טראַווניקי האָט צוגעשיקט זיין טאָגבוך וויטעלסאָן.[157] דאָס

---

[148] מלך פיינקינד.

[149] האָפּמאַן ישראל — אַ בונדיסט, פון דע פאַרוואַלטונג פון נאָדל־פאַריין. טעטיק געווען אין אונטערגרונט. פאַרשיקט געוואָרן קיין פּאָניאַטאָוו און דאָרט טעטיק געווען אין אונטערערדישן קאָמיטעט. אומגעקומען אין פּאָניאַטאָוו.

[150] וואַרשיינלעך: פּאַרטייאיש.

[151] קאָאָרדיניר־קאָמיטעט.

[152] לאָזער סטאָלאַר.

[153] אפשר בר מינן (דאָס פריערדיקע וואָרט אומלייענבאַר).

[154] דייטשער פאַראַרבעטער אין טעבענס שאָפּ וואָס האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אכזריות.

[155] האָפּמאַן.

[156] מסתם: פּאָליטישע.

[157] וויטעלסאָן אברהם — טעטיק אין די סטודענטיש־ציוניסטישע קרייזן אין וואַרשע פאַר דער מלחמה. נאָכן געטאָ־אויפשטאַנד פאַרשיקט געוואָרן קיין טראַווניקי. דאָרט געווען פון די גרינדער פון דער אונטערערדישער אָרגאַניזציע. אומגעקומען אין לאַגער טראַווניקי.

איז אַ שווידערלעכער דאָקומענט. ד״ר סטריקאָווסקי לעבט נישט. דאָברין[158] האַלט ביים סוף.

אין טראַוו.[159] זאָל זיין אַ גאַנצע לאַבאָר.[160] וואָס אַרבעט אויס אַנטשפּרעכנ־דיקע פּיגולקעס.[161] ס׳דאַרפן נאָך זיין בריוו פאַר מיר, איך האָב זיי נאָך אָבער נישט באַקומען. וו.[162] האָט אונדז היינט דערקלערט, אַז ס׳איז פאַראַן פאַר אונדז אַ וווי־נונג, אַז מיר קענען גלייך אַהין גיין. איר וויזיט דויערט 20 מינוט. זי ווערט אַרויסגעבעטן דורך דער באַלעבאָסטע. מיר זענען עמפּערט, מיר האָבן נישט באַוויזן צו דערליידיקן די עלעמענטאַרסטע זאַכן. מיר באַשליסן צוצוגרייטן אַ באָדן פאַר אונדזער אַרויסגיין, מחמת מיט יעדן טאָג ווערט וואָסאַמאָל מער אומ־מעגלעך אונדזער פאַרבלייבן דאָ.

דינסטיק IX/20. די ערשטע שוואָלב צום אַרויסגיין דאַרף זיין איך מיט מיין אייגענער פּערזאָן. איך דאַרף אַריבערגיין אין דער אָפענער וווינונג. יעל.[163] דער־ווייזט אין אַ געשפּרעך מיט זיי, אַז איך מוז דאָס טאָן. איך מוז זיך סוף כל סוף אַריינצען אין וואָסער נישט איז אַרבעט. ב.[164] און א.[164] ווילן האָבן נאָך איין מענטשן ביי דער אַרבעט. איצט וועט מיר זיין שווער זיך צוצוגעוווינען צו אַנדערע באַדינגונגען.

2 פּאָל.[165] ידיעות. קאַמפן ביים פאַרסירן דעם דניעפּער.

מיטוואָך IX/21. די קעלט גיט זיך אונדז שרעקלעך צו פילן. אינדערפרי, בעת מיר שטייען אויף, זאָגן מיר זיך פּייערלעך צו ענדלעך אַ סוף צו מאַכן צו דער דאָזיקער דירה אונדזערער. ליידער קענען מיר אַליין גאָרנישט באַשליסן, מיר מוזן וואַרטן מיט דעם באַשלוס אויף אונדזערע פּאַטראָנען.

---

[158] ד״ר בערטאָלד דאָברין — אַדוואָקאַט, פאָרזיצער פון דער ציונ. אָרג. אין בידגאָשטש. אומגעקומען אין פּאָניאַטאָוו, וווּ ער איז טעטיק געווען אין דער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע.

[159] טראַווניקי.

[160] לאַבאָראַטאָריע.

[161] וואָרשיינלעך געווער.

[162] וואַנדאַ.

[163] יעלען־בערלינסקי.

[164] באַשע און אַדאָלף בערמאַן.

[165] פּאָליטישע.

אין דער וואַרש. צייַ.[166] לייענען מיר וועגן אַ פּאַלעס. סאָוו. אויסשטעלונג,[167] וואָס קומט פאָר אין חיפה. די דאָזיקע אויסשטעלונג וועט נאָך פאָרקומען אין ירושלים און שפּעטער דאַרף זי איבערגעטראָגן ווערן אין ראַטנפ.

דאָנערשטיק 22/IX. וועש־וואַשן ביי די באַלעבאַטים. מיר לייגן זיך שלאָפן פריער (5 נאָכמיטאָג).

פרייטיק 23/IX. דעם חודש ווערן 50 חדשים זינט די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן. 50 חדשים האָבן מיר הינטער זיך, וויפל חדשים מלחמה פאַר אונדז ווייסן מיר נישט. יעל. האָט געקויפט ביי סעוו.[168] אַ סוועטער און באַשטעלט שיך. בעת דער טראַנזאַקציע, ווערן אונדזערע באַלעבאַטים ווי צוצולייגן צו אַ געשוויר.

שבת 24/IX. ענדלעך. דער דניעפּער פאָרסירט. אויף צפון מערב צו סמאָלענסק ווערן געפירט פאַרביסענע קאַמפן אפילו אין די פאָרשטעט פון דער שטאָט.

מאַריסיאַ[169] איז געקומען צולויפן מיט ידיעות, אַז עפּעס איז געשען, ווייל די מענטשן פאַלן זיך איינע די אַנדערע אין די אָרעמס, קושן זיך, זאָגן, אַז ס'איז סוף מלחמה. צו מאַראַסיאַ'ס ידיעות באַציען מיר זיך אַלעמאָל מיט רעזערוו. אויך דאָסמאָל האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ס'איז וואַרשיינלעך בלויז אַ פּאַטאַ־מאָרגאַנאַ.

דאָס וועטער איז שיין. די זון שיינט און ס'איז אַ ביסל וואַרעמער ווי מיט אַ טאָג פריער. נישט ווילנדיק ווערט אַ ביסל הייטערער און פרייַלעכער אויף דער נשמה. דער סוף פון דער מלחמה וועט דאָך איינמאָל קומען, אָבער צי וועלן מיר עס דערלעבן.

זונטיק 25/IX. קרעמענטשוג פאַרנומען. נעאַפּאָל עוואַקוּאירט.

מאָנטיק 26/IX. וו.[170] איז געקומען. זי האָט הויכע היץ צוליב אַ שווינקע. איר פּנים איז געשוואָלן. אויף אַ שווינקע קרענקן קינדער, פון וואַנען וו. מסתם איז נאָך וו. אַ קינד, ווי דער דאָקטאָר האָט עס באַצייכנט. מאָדנע ווי, קוקנדיק אויף

---

[166] וואַרשויער צייטונג.

[167] אויסשטעלונג ססס"ר—ארץ־ישראל אין קריג, וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער ליגע „וו" פון 25 יולי ביז צום 25 סעפּטעמבער 1943, צומערשט אין תל־אביב, שפּעטער אין חיפה. די דאָזיקע אויסשטעלונג האָט געהאַט פאַר אַ צוועק: א) באַקענען דעם יידישן ישוב מיטן לעבן און קאַמף פון די סאָוויעטישע פעלקער אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אַנטוויקלונגס־פּראָצעס און מלחמה־אָנשטרענגונגען פונעם יידישן ישוב אין ארץ־ישראל. 2) ווי אַמבעסטן אויסנוצן די אויסשטעלונג פאַר פּראָפּאַגאַנדע און אויפקלערונגס־צוועקן פון דער ליגע „וו" („ניי־וועלט" נר. 37, 1943).

[168] סעווערין — דער באַלעבאָס פון דער באַהעלטעניש.

[169] די טאָכטער פון די באַלעבאַטים.

[170] וואַנדע.

ד ר י י

איר מיטן אָרומגעוויקלטן האַלדז, דערמאָנט זיך מיר די היים, די מאַמע. אַמאָל, ווען מיר האָבן געהאַט אַ היים און ס'איז געווען אַ מאַמע, וואָלט וו. נישט אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט מיט הויכער היץ. די מאַמע פלעג נישט אָפּטרעטן פון בעט און פלעג אָנווענדן אַלע מעגלעכע מיטלען... פלעג גיין צום דאָקטאָר. היינט קרענקט וו. צווישן פרעמדע פאַר איר מענטשן און איז אָנגעוויזן אויף זייער חסד און אומחסד. וויפיל וואָלט איך געגעבן, כ'זאָל קענען זיין מיט איר צוזאַמען.

וו. איז געקומען מיט אַ פאָרשלאַג כ'זאָל שוין גיין מיט איר אויף מיין נייע דירה. כ'האָב מיט איר נישט מסכים געווען, ווייל כ'האַלט דעם פּראָיעקט אין אַזאַ מאָמענט פאַר אַן אומבאַרעכנטן. די פּערזאָן, צו וועלכער איך דאַרף קומען, געפינט זיך אין שוואַנגערשאַפט און אין אַ טאָג אָדער צוויי אַרום וועט זי גיין אין אַן אַנשטאַלט געלעגן צו ווערן. דאַן דאַרף איך פאַרבלייבן גאַנץ אַליין, פאַרבלייבן אין דער דירה, אָנגעוויזן אויף דער נייגיריקייט און אויף דעם אויספרעגן זיך פון די שכנים. איך האַלט, אַז ס'וועט זיין אַ סך קליגער איבערצוגיין ערשט נאָכדעם ווי די פרוי וועט געלעגן ווערן. אונדזער דירה איז שוין פאַרטיק. אין צוויי וואָכן אַרום וועלן מיר: די וו.[171] איך און יע.[172] קענען אַהין אַריבערגיין.

ד.ג.[173] איז באַפרייט געוואָרן. ט.[174] זאָל זיך האָבן שטאַרק געענדערט. געלט פאַרמאָגט אין זיך אַ דעסטרוקטיווע קראַפט, דערהויפּט נאָך ווען מען קריגט עס אין גרויסע סכומים. עס פאַרדרייט מענטשן דעם קאָפּ.

טור.[175] זענען אַרויסגעשטויסן געוואָרן דורך ט. מאָדנע אומגליקלעך גייט די מענטשן.

אויף די מויערן פון וואַרשע זעען זיך אויפשריפטן אָקטאָבער. די געשיכטע חזרט זיך איבער. אפשר וועט אויך דער אָקטאָבער זיין אַן איבערחזרונג פון אָקט. 1917. הלוואי! אין דעם איצטיקן מאָמענט איז אַרבעטער . . . . צו זען פּ.פּ.ר.־אָוצעס.

מיר האָבן באַקומען . . . . אין ביאַליסטאָק איז ליק.[176] געוואָרן די ייד. קאַמפּ. אָרג. די יידן האָבן, ווייזט אויס, געשטעלט אַ העראָישן ווידערשטאַנד.

---

171 וואַסער'ס.

172 יעלען־בערלינסקי.

173 דוד גוזיק, איינער פון די אָנפירערס פון דזשאָינט. געשטיצט די יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע. איבערגעלעבט די מלחמה און אומגעקומען גלייך נאָך דער מלחמה אין אַן עראָפּלאַן־קאַטאַסטראָפע.

174 טעאָדאָר פּאַיעווסקי, וואָס האָט אַרויסגענומען פּאָלען פון פּאַניאַטאָוו.

175 יאָנאַס טורקאָוו מיט זיין פרוי דיאַנאַ בלומענפעלד.

176 ליקווידירט.

כ׳האָב היינט לענגער גערעדט מיט וו.[177] און יעל. מכוח מיין אַרויסגיין. וו. ראָט אָפּ. . . . . . . ׳ אין די אָוונט־שעהען האָבן מיר איבערגעלעבט שוין דעם ווייפלטן אַלאַרם. געקומען אימיצער אַ פרעמדער, אַרויסגעוויזן האָט זיך, אַז דאָס איז געווען די באַבטשע.

דינסטיק 27.IX. פּאַראַיאַריקע רעמיניסצענצן. חלומות לאָזן מיך נישט צרו. די נאַכט זענען עס געווען חלומות דערינערונגען פון מילע 13. סטעפאַן פרעגט זיך אינדערפרי, פאַרוואָס כ׳האָב געקרעכצט און געוויינט. ס׳וואונדערט מיך כלל נישט. ס׳האָט מיר געחלומט, אַז אין דעם הויז, אין וועלכן כ׳האָב געוווינט פאַר דער אַקציע, איז יעדע וווינונג איצט פאַרנומען דורך אַר.[178] און כ׳דערמאָן זיך אַלע מענטשן, וועלכע האָבן געוווינט. דאָס דויערט גענוג לאַנג. דערנאָך גיי איך אַרום איבער מיין דירה און יעדער ווינקל און קעגנשטאַנד דערציילט אַ געשיכטע, וואָס איז פאַרגאַנגען. ווי לעבעדיקע שטייען מיר פאַר די אויגן די מוטער, יורעק,[179] דער פאָטער און מאַריסיאַ.[180] אין דער נאַכט האָב איך באמת געפילט ווי אימיצער וואָלט מיך געכאַפּט פאַרן האַלדז. אַ טרויער און אַ פאַרדרוס וואָס דאָס איז פאַרביי און וועט מער צוריק נישט קומען. ס׳איז אַ מאָדנע זאַך. נישטאָ קיין נאַכט, ס׳זאָלן זיך מיר נישט חלומען די, וואָס זענען אַוועק, קיינמאָל נישט די, וואָס לעבן, און איך האָב מורא, אַז זיי האָבן עפּעס אַ שטילן, באַהאַלטענעם פאַרדרוס צו מיר און אפשר איז קיין וואונדער נישט, פּרווו איך עס מיר צו פאַרטייטשן.

מיטוואָך 28.IX. סעווערין איז ווי צוצולייגן צו אַ געשוויר. ער דערציילט, אַז אַן ערך דעם 15 פון קומענדיקן חודש וועט ער קוילען חזרימלעך. ער פילט, זעט אויס, אַז אַזעלכע פרייערס, וואָס זאָלן אַזויפיל צאָלן פאַר אַ בוידעם ביי אַזאַ קעלט, וועט ער קיין סך נישט געפינען.

דאָנערשטיק 29.IX. כ׳טו גאָרנישט. כ׳שרייב נישט. כ׳האָב אַ שטאַרקן ווייטיק אין קרייץ. ווער ווייס צי איז עס נישט קיין פאַרקילונג אָדער קיין נירן־קרענק. קרענקען אויפן בוידעם טאָר מען נישט, וויל וווּ און מיט וואָס. יעל האָט זיך געקויפט שיך פאַר 2500 זל. דערביי האָט ער געזאָגט סעוו. עטלעכע ווערטער, ביי וועלכע אונדזער באַלעבאָס האָט זיך שטאַרק צעטומלט.

פרייטיק 30.IX. און ווידעראַמאָל אַן אַלאַרם. דער אויטאָ פון דער געש.[181] איז

---

177 וואָסער.
178 וואַרשיינלעך : אַריער.
179 פאָלעס ברודער.
180 די פרוי פון יורעקן.
181 וואַרשיינלעך : געסטאַפּאָ.

אַדורכגעפּאָרן. מיר באַהאַלטן זיך שנעל אין באַהעלטעניש. היינט איז דער יידישער ניי־יאָר. כל נדרי. און ווידעראַמאָל די דערינערונגען. כ'קלער, אַז כ'וועל שוין קיינמאָל נישט קענען זיין באמת רויק און נישט קענען לאַכן. תמיד און כסדר, דווקא דאַן, ווען ס'וועט זיין צומווינציקסטן סיבות אויף זאָרג, וועט אַלעמאָל שטיין פאַר מיר דאָס געשפּענסט פון די איבערלעבונגען.

באַלעק פאַסט. איצט האָב איך דעם איינדרוק, אַז אָט דער מענטש דאַרף האָבן אויף זיין געוויסן אַ סך עבירות. ער רעדט מיר כסדר וועגן דער השגחה.

מיט די סעווערינס האָט מען היינט גערעדט אויף דער טעמע פון ווינטער.

שבת 1.X. יום כפּור. אויף . . . . . . שויבן פון אונדזער פענצטערל אויפן בוידעם איז היינט געווען אַ פראָסט. מיר האָבן אויפסניי היינט גערעדט מיט סעווערינען אויף דער טעמע פון ווינטער. מיר האָבן אים דערקלערט, אַז ס'איז זיך נישט פאָרצושטעלן מיר זאָלן קאָנען ווינטערן דאָ אויפן בוידעם. זעט אויס, אַז די באַלעבאַטים האָבן זיך געהאַט צונויפגערעדט, ווייל מאָדנע גוט האָבן זיי אויפגענומען אונדזער דערקלערונג. ס'לאָזט זיך אויס, אַז די באַלעבאַטים האַלטן אויך, אַז ס'איז אומבאַדינגט נויטיק . . . . ווייל ווינטערן וועט דאָ אין די באַדינגונגען זיין אוממעגלעך.

מאַריסיאַ [182] איז געוואָרן באַרעדעוודיק. מיטאיינמאָל הויבט זי זיך אָן צו אינטערעסירן מיטן גורל פון וואַנדען, ווייל זי איז קראַנק, פאַרקילט, איז אָן שיך א. אַ. וו. פאַלש איז זי ביז גאָר.

זונטיק 2.X. פון זיבן אינדערפרי ביז אַכט און אַ האַלב האָבן מיר איבער־געלעבט אַנדערטהאַלבן שעה אומבאַשרייבלעכע שפּאַנונג און דענערווירונג. צו די באַלעבאַטים זענען זיי געקומען דריי: אַ גראַנאַטענער,[183] אַ פּאָלאַק און אַ גרינער [184] אָן אַ מונדיר, געשיקט זענען זיי געווען דורך דער קריפּאָ [185] אַ גענוי דורכגעפירטע רעוו.[186]

(דאָ האַקט זיך איבער דער טאָגבוך)

---

[182] די טאָכטער פון די באַלעבאַטים.

[183] אַ פּאָליציאַנט פון דער „גראַנאַטענער ד. ה. פּוילישער פּאָליציי און גראַנאַטענע אוני־פאָרמען.

[184] פון דער דייטשישער פּאָליציי, וואָס האָט געטראָגן גרינע אוניפאָרמען.

[185] קריפּאָ — קרימינאַל־פּאָליציי.

[186] רעוויזיע.



פאַטאָסטאַט פון אַ זייטל פון דער רשימה פון פאָלאַ עלסטער

רשימה פון אומגעקומענע חברים

פאַרנאָטירט דורך פּאָלאַ עלסטער אין איר טאָג־בוך

(ביז איצט נאָך נישט פאַרעפנטלעכט)

(די אומלייענבאַרע ווערטער זענען באַצייכנט מיט פּינטעלעך)

. . . .

. . . . גרויסער אומשלאַג, 6 סעפּטעמבער 1942

ווייַנבלאַט, " " "

שפּיגעל יחיאל " " "

וואַידע משה

וואַידע העלענאַ

פּראַגער דאַרקאַ

בעוולינסקאַ רודקאַ

קראַמאַזש יצחק מאיר, 4 סעפּטעמבער

בער געניאַ, אויגוסט סוף

זאַגאַן שכנא, 1 אויגוסט 1942

זאַגאַן גוסטאַ, ניוניעק און לאַטקאַ

1 יאַנואַר 1942, רובינשטיין שמואל

לאַופער, דערהרגעט סעפּטעמבער 1942

באַלעק — ליקוו. קלייַנ. געטאָ אויגוסט 1942

רוזשקאַ קירשענבוים — יולי, סוף, מיטן פאָטער

בעלאַ לעווינסאָן — יולי 5 סעפּטעמבער

וואָלקאָוויטש סעם

קרייקערמאַן — איינער געשטאָרבן, איינער אַוועקגענומען

בעטריעב II און III לעשנאַ

פּזשעדעצקי — אַוועקגענומען טרעבלינקאַ אָנהייב אַקציע

פּ. ליינדוואַסער — אין 39 דורך די דייטשן

אַדלער מיט דער פאַמיליע טרעבלינקאַ בעת דער אקציע

מלך — טרעבלינקאַ בעת דער אַקציע

האַניגשטאָק I פאַרלוירן געגאַנגען אָן אַ ידיעה

" II טרעבלינקאַ בעת דער אַקציע

רשימה פון אומגעקומענע חברים

זאַוואָזשניאַק I טרעבלינקאַ בעת דער אַקציע

" II " "

פיש — " "

פראַגער II . . . .

מיללער — . . . . 19 אַפּריל

לייזער גליקליך — בעת אַק. טרעבלינקאַ

פרוינד . . . .

סאַבאַל קעלנער . . . . .

גאָלדסאַבעל דער פאָטער 194

" צבי " "

מאַשאַ ליבערמאַן " "

בערגסאָן פעלאַ — 18 יאַנואַר

הערמאַן העניאַ — בעת דער אַקציע טרעבלינקאַ

אַלטערמאַן מאַניאַ — אויגוסט, דערהרגעט אויפן אָרט סעפּטעמבער דורך דייטש;

הערשעק וואָראָנסקי — אַקציע סמאָלענסק, אָקטאָבער

יעזשיק האָלץ — 19 אַפּריל, געטאָ

טוסיאַ סלושנאַ "

לאַלאַ סלושנאַ- 9 חדשים שוואַנגערשאַפט, אויגוסט בעת דער אַקציע טרעבלינקאַ

סלושני " " " "

רוזשקאַ טיגער — זיך אַליין צוגעשטעלט מיט דער
משפחה די ערשטע טעג אויגוסט

שרה דעמבסקאַ — 19 אַפּריל

מיעטעק אירליכט — "

מאַלאַ קאַרענבלום — אויגוסט 1942 טרעבלינקאַ

הערשעק פרידמאַן — " " "

באַשאַ ביאַלאָגראָדאַ — " " "

לאַזער — לובלין לאַגער 19 נאָוועמבער 1943

לענט — " " " "

בלומשטיין — " " " "

ראַזענבערג — טראַווניקי, נאָוועמבער 1943

יוכטמאַן — 19 אַפּריל 1943

צוקער — " " "

טיטעלמאַן — " " "

גאָלבאַרט — " " "

יורבערג —	בעת דער אַקציע טרעבלינקאַ
פאַנקעוויטש —	19 אַפּריל
פּאַפּאָווסקי —	〃 〃
טשערכאָווסקי י. —	גרויסער אומשלאַג
〃 וו.	
פראַשקער ב. —	ק. צ. לובלין
שידלאָוויטש —	
חייקע מאַנדעלבוים —	
דאַנציגער —	
קלאַפּמינץ —	בעת דער אַקציע טרעבלינקאַ
כאַראָוויטש —	4 אויגוסט טרעבלינקאַ
כענצינסקי —	19 אַפּריל טרעבלינקאַ
קובאַ —	〃 〃
די שלאַגערס —	גרויסער אומשלאַג, טרעבלינקאַ
. . . .	אויגוסט, טרעבלינקאַ
פיטעל —	19 אַפּריל
די טענצערס —	אויגוסט, טרעבלינקאַ
לאָלאַ פרוינדליך —	19 אַפּריל, פאַרברענט
לאָלאַ קאָרזעץ —	
. . . .	
קראַסקאַ —	אויגוסט, טרעבלינקאַ
. . . .	

קופערהאַנד מיט דער פרוי — 39, פלעקן־טיפוס די קינדער אין דער אַקציע

רבקה טעפּפער—	
סאַלקאַ —	
אָכאָוויטש —	19 אַפּריל
קוטנער —	טרעבלינקאַ
קאַשקאַ —	
ד״ר ראָזענבוים —	
אַן אַרטיסט אָן פינגער	
שעראַדזקי —	
באָראָווסקי —	
רייזמאַן —	
גזשיוואַטש —	19 אַפּריל
גרובער —	

קאָרענבלום מאַלגאָשאַ

פריימאַן — 19 אַפּריל

נאַכטענשטיין — פלעקן־טיפוס

רובינשטיין — . . . . 19 אַפּריל

לעבענסאָל — אָקטאָבער, אנטצינדונג פון דער בלינדער קישקע

נאַפּאַרסטעק —

קארדין —

די פרוי פון גרובער מיטן קינד טרעבלינקאַ

גאָלדשטיין די „וואַזשנע״ . . . . . געשטאָרבן

. . . .

גרינשטאַק — טרעבלינקאַ

ד״ר פאלמאַנאָוואַ — 19 אַפּריל

גרינשטיין — 19 אַפּריל

שווינדזוכט

שערמאַן — שווינדזוכט

קופּערמאַן — שווינדזוכט

ביין — אויגוסט, טרעבלינקאַ

כילינאָוויטש —

גערשאָנאָוויטש —

מיטעלבערג ב. — 19 אַפּריל

ווינגאַרטען —

ד״ר אוריסאָן . . . . . נאָך דער יאַנואַר־אַקציע

שייעלע וולאָדאַווער —

נאַטעס —

דובנער —

ערדעפּעל —

מינאַ מילמאַן

ראָטבלאַט —

שטערנפאָגעל —

ויעוויורקאַ —

שאַפּיראָ — . . . . לאַגער

דעקלאַראַציע פונעם פאַרבאַנד פון יידישע אַרבעטער געלייענט דורך פּאָלאַ עלסטער (עוואַ) אויף דער ערשטער פּלענאַרער זיצונג פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט[19] אין דער נאַכט פון דעם 31סטן דעצעמבער 1943

די רעשטלעך פון די ביים לעבן געבליבענע יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן פאַר־בינדן זייערע איינציקע האָפענונגען מיט דעם אומקאָמפּראָמיסלעכן קאַמף קעגן דעם גרעסטן שונא פון דער מענטשהייט, קעגן דעם היטלעריזם און פאַשיזם אין אַלע זיינע געשטאַלטן. די יידישע אַרבעטער גיבן זיך אָפּ אַ דין וחשבון דערפון, אַז בלויז דער נצחון פון דער דעמאָקראַטיע און פון די כוחות פון סאָציאַלן פּראָגרעס וועט פאַרזיכערן פרייהייט פאַר אַלע פעלקער.

אַרבעטער־יידן און יידישע יוגנט האָבן פאַר דער גאַנצער וועלט און פאַר פּוילן באַוויזן, אַז זיי קענען קעמפן מיט געווער אין האַנט פאַר זייער ווערדע, אַז זיי ווייסן ווי צו קעמפן און צו שטאַרבן מיט כבוד. דער העלדישער באַוואָפנטער קאַמף פון וואַרשעווער געטאָ וועט אַריינגיין אין דער געשיכטע פון די פאַרמעסטן פאַר פרייהייט, אין דער געשיכטע פון די פרייהייט־קאַמפן אין פּוילן.

די ביים לעבן געבליבענע יידישע אַרבעטער זענען ווייטער גרייט צו קעמפן אויף לעבן און טויט קעגן דעם בלוטיקן היטלעריסטישן אָקופּאַנט פאַר פרייהייט, פאַר אַ ראַדיקאַלן סאָציאַלן איבערבוי. אין דער איצטיקער טראַגישער סיטואַציע, בעת איבער די קעפּ פון אַלע נאָך לעבנדיקע יידן הענגט אַ טויט־אורטייל, רופט דער פאַרבאַנד פון יידישע אַרבעטער די גאַנצע פּוילישע געזעלשאַפט, אָבער אין דער ערשטער ריי די אַרבעטער־ און פּויערים־מאַסן און די אַרבעטנדיקע אינטע־ליגענץ אַרויסצוווייזן אַן אַקטיווע הילף די ווייניקע יידן, וועמען ס'איז געלונגען צו אַנטרינען פון אומקום. אין נאָמען פון די לעבנס־אינטערעסן פון די פּוילישע

---

[19] דער אונטערערדישער פּוילישער פּאַרלאַמענט (Krajowa Rada Narodowa (K.R.N. ס'האָבן זיך אין אים באַטייליקט פּ.פּ.ר. און פאַרשידענע דעמאָקראַטישע און סאָציאַליסטישע גרופּירונגען ווי אויך דער פאַרטרעטער פון די יידישע אַרבעטער (פּאָלאַ עלסטער, וואָס האָט אין דער אומלעגאַליטעט געהייסן עוואַ).

פאָלקס־מאַסן איז אומבאַדינגט נייטיק צו פירן אַ קאָמפּראָמיסלאָזן קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם, וואָס דינט דעם אָקופּאַנט ווי איינער פון די הויפּט־מכשירים אונטערצויאָכן דאָס פּוילישע פאָלק. אין פייער פון קאַמף פאַרן לעבן און פאַר דער באַפרייונג וועט זיך אויסשמידן די ברודערשאַפט פון די פּוילישע און יידישע אַרבעטער־מאַסן.

די היטלעריסטישע רוצחים, וואָס האָבן אויסגעמאָרדעט כמעט די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג, האָבן בדעה דאָס זעלבע צו טאָן מיטן פּוילישן פאָלק. בלויז אַן אָרגאַניזירטער, באַוואָפנטער מאַסן-ווידערשטאַנד קען אין די איצטיקע באַדינ־גונגען אָפּראַטעווען דאָס פּוילישע פאָלק פון פאַרניכטונג.

אין קאַמף פאַר אַ נייער וועלט פון אַרבעט און פון סאָציאַלן יושר, זענען מיר נישט פאַראייניזאַמט. די אַרבעטנדיקע מאַסן פון דער גאַנצער וועלט, בראש מיט זייער אַוואַנגאַרד, דער העלדישער רויטער אַרמיי, זענען מיט אונדז. אונדזער קאַמף איז זייער קאַמף, זייער נצחון וועט זיין אונדזער נצחון. נישטאָ מער קיין צוריק צו די אַמאָליקע צייטן, נישטאָ מער קיין צוריק צו די אַמאָליקע רעאַקציאָ־נערע און פאַשיסטישע רעגירונגען. אין דעם איצטיקן היסטאָרישן געראַנגל וועלן זיגן די אַרבעטנדיקע מאַסן, די אומבאַזיגבאַרע כוחות פון פּראָגרעס און פון אמתער דעמאָקראַטיע.

אין נאָמען פון די יידישע אַרבעטער, באַגריסן מיר דאָס אַנטשטיין פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט (קראַיאָווע ראַדאַ נאַראָדאָווע), דעם העכסטן אָרגאַן פון קאַמף פאַר פרייהייט און באַפרייונג.





RZECZPOSPOLITA POLSKA

LEGITYMACIA

Nr 18763

WARSZAWA

dn. 27 VI 1947 r.

UCHWAŁĄ RADY PAŃSTWA

został odznaczony

Obywatel Elster

Pola

Krzyżem Grunwaldu II klasy

– pośmiertnie –

PREZYDENT
RZECZYPOSPOLITEJ POLSKIEJ

די אויסצייכענונג „גרונוואַלד־קרייץ II קלאַס", וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן **פּאָלאַ עלסטער**
דורכן פּוילישן מלוכה־ראַט, דעם 27סטן יוני 1947

יעקב קענער

הערש בערלינסקי

אויך הערש בערלינסקיס העלדישער נאָמען האָט אָפּט פיגורירט אין די הערצ̈ישע באַריכטן פונעם אונטערערדישן יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. צוזאַמען מיטן שפּעטער העלדיש־געפאַלענעם קאָמענדאַנט פונעם אויפשטאַנד אינעם שקלאַפן־לאַגער פון פּאָניאַטאָוו, מלך פיינקינד, האָט זיך הערש בערלינסקי — דער יאָרגלאַנגער פירער פון אונדזער לאַדזשער „יוגנט״־אָרגאַניזאַציע — באַטייליקט אַלס פאַרשטייער פון לינקע פּועלי־ציון, אין דער ערשטער געהיימער באַראַטונג, וואָס דער „החלוץ״ האָט אין מערץ 1942 גערופן אין וואַרשע מיטן ציל צו שאַפן די „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״ און פאַרנעמט דאָרט דעם אַמט פון אַ מיליטער־רישן אינסטרוקטאָר. שפּעטער, בעתן הערצ̈ישן געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע, איז הערש בערלינסקי דער קאָמענדאַנט פונעם קאַמפּס־באַטאַליאָן פון לינקע פּועלי־ציון און ער צייכנט זיך אויס מיט מוט און מיט העלדישקייט, מיט בראַוווּר און מיט גרענעצלאָזער מסירת־נפש. אים געלינגט, נאָך דער בלוטיקער ליקווי־דאַציע פונעם אויפשטאַנד, זיך דורכצורייסן מיט אַ קליינער גרופּע פון זיין באַוואָפנטער אָפּטיילונג, דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן אויף דער אַרישער זייט. און די אונטערערדישע באַוועגונג פאַרשאַפט אים שפּעטער אַרישע ראָקומענטן.

ווער איז דאָס געווען דער אומדערשראָקענער און העלדישער הערש בער־לינסקי? פון וואַנען שטאַמט ער? און ווי האָט ער געגאַסן זיין דערציאונג?

הערש בערלינסקי — אַ קינד פון לאָדזשער באַלוט — שטאַמט פון אַ וועבער־משפחה. זיין פאָטער, אַלע זיינע ברידער און אויך ער אַליין, זענען געווען וועבער־אַרבעטער. הערש האָט געענדיקט די לאָדזשער באָראָכאָוו־שול און דאָרט איז ער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער פּועלי־ציוניסטישער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונג־באָר״, ווו ער איז דערצויגן געוואָרן אינעם גייסט פון קאַמף פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט און פאַר דער פאַרווירקלעכונג פון סאָציאַליזם.

ווען ער האָט געענדיקט די פאָלקס־שול, איז ער שוין אַלס 13־יאָריק יינגל

געוואָרן אַ וועבער. נאָך געהערנדיק צום „יונגבאָר" האָט ער שוין געהערט צום פּראָפעסיאָנעלער פאַריין און זיך באַטייליקט אין די פּראָפעסיאָנעלע קאַמפן פון זיין פאַריין. פון „יונגבאָר" איז ער אַריבער אין דער „יוגנט"-אָרגאַניזאַציע, ווו ער האָט מיט דער צייט פאַרנומען די פאַרשידנסטע אַמטן אַלס מיטגליד פונעם לאָדזשער „יוגנט"-קאָמיטעט. במשך די קנאַפּע 15 יאָר, וואָס ער האָט געהערט און איז געווען טעטיק אין דער „יוגנט" און אין „יונגבאָר", איז ער קיינמאָל נישט געווען אָן אַן אָנפירנדיקן אַמט — אַחוץ דער צייט, ווען ער האָט געדינט אין דער פּוילישער אַרמיי. ער איז געווען פּרעסע-קאָמיסאַר, האָט אָנגעפירט מיט דער יוגנט-מיליץ, „יונגבאָר"-קאָמענדאַנט, רעפערענט פאַר די פּראָפעסיאָנעלע יוגנט-סעקציעס, לעקטאָר אויף יוגנט-קרייזן, דעלעגאַט צו די „יוגנט"-צוזאַמענפאָרן אד"גל.

ביים אויסברוך פון דער מלחמה, האָט ער, פּונקט ווי צענדליקער אַנדערע יונגע אַרבעטער, איבערגעלאָזט אין לאָדזש זיין ווייב און קינד, גלויבנדיק, אַז פרויען און קינדער וועלן די דייטשע באַרבאַרן פונדעסטוועגן שוינען. פאַרן פאַרלאָזן לאָדזש, האָט ער נאָך אין דער לעצטער נאַכט, געהאָלפן פאַרגראָבן אונטער דער ערד די גרויסע „באָראָכאָוו"-ביבליאָטעק צוזאַמען מיט אַלע רויטע פענער פון דער פאַרטיי, „יוגנט", „יונגבאָר", און פון די פּראָפ. פאַריינען, כדי זיי זאָלן נישט אַריינפאַלן צו די דייטשן. נאָך לאַנגע וואָגלענישן האָט אים דער גורל געבראַכט אינעם וואַרשעווער געטאָ, ווו אים איז באַשערט געווען צו שפּילן אַזאַ העלדישע ראָל.

הערש בערלינסקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ רעוואָלוציאָנערן טעמפּעראַמענט און אין דער זעלבער צייט מיט אַ זעלטענער זעלבסטדיסציפּלין. מוט, גלויבן, כאַראַקטער-פעסטקייט און געטריישאַפט צו זיינע אידעאַלן — דאָס זענען געווען די בולטסטע שטריכן פון זיין גייסטיקן פּאָרטרעט. ער האָט קיינמאָל נישט געוואָלט איינגיין אויף וועלכע עס איז פשרות, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּרינציפּן — אָבער ער איז שטענדיק געווען גרייט זיך אונטערצוואָרפן די באַשלוסן פון דער מערהייט און דיסציפּלינירט אויסצופירן די אינסטרוקציעס פון דער אָנפירנדיקער אינסטאַנץ. אָט אַזוי איז ער געווען טריי צו זיך, צו זיינע כאַראַקטער-אייגנשאַפטן, סיי אין דער נאָרמאַלער צייט, סיי אין די געטאָ-באַדינגונגען און סיי ווען עס האָט — בעת דעם אַלגעמיינעם וואַרשעווער אויפשטאַנד — געשאַלט דער רוף צום לעצטן קאַמף, אין וועלכן ער איז געפאַלן ווי אַ העלדישער קעמפער פון דער אומשטערבלעכער פועלי-ציון-מחנה אין פּוילן.

אַנטיגנוס עזרא

פון דער לאָדזשער „יוגנט" ביזן געטאָ־אויפשטאַנד

(געווידמעט דעם אָנדענק פון הערש בערלינסקי)

הערש בערלינסקיס לעבנס־וועג — פון דער לאָדזשער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע ביזן וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד — איז געווען דער וועג פון אַן אומדערמיד־לעכן קעמפער. זיין ברויזנדיקע קאַמף־נאַטור האָט זיך טיף איינגעקריצט אין מיין זכרון נאָך יאָרן פון צוזאַמענאַרבעט אין דער „יוגנט" און „יונגבאָר".

שוין קרוב צו אַ פיר צענדליק יאָר ווי איך האָב אים באַקענט. ווי היינט געדענק איך מיין ערשטע באַגעגעניש מיט אים אין פּאַרטיי־קלוב אויף פּיראַמאָ־וויטשאַ 14, אונטערן שילדל: „געזעלשאַפט אָוונט־קורסן פאַר אַרבעטער".

מיר זענען דעמאָלט נאָך זייער יונג געווען, כמעט קינדער. אָט שטייט ער נאָך פאַר מיינע אויגן: דער יונגער הערש, אין אַ שילער־היטל און אין קינדער־הויזן, מיט אַן ערנסט פּנים, פון וואַנען ס'האָבן אַרויסגעפינקלט צוויי שטרענגע אויגן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט רעוואָלט.

באַלד ביי זיינע ערשטע טריט אין דער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע צייכנט ער זיך אויס מיט אַקטיוויטעט און קאַמף־גרייטקייט פאַר די אידעאַלן פון פּועלי־ציוניזם. מיט זיין עקשנות און טעמפּעראַמענט הויבט ער אָן דעם קאַמף אין דער אייגענער היים, אין דער שול, מיט דער אַרומיקער קליינבירגערלעכער סביבה: קעגן פאַר־שימלטע און אָפּגעשטאַנענע לעבנס־פאָרמען, קעגן צביעות און שקר, קעגן פיזי־שער און גייסטיקער פאַרשקלאַפונג, פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. אין דאָזיקן קאַמף איז ער געווען אומברחמנותדיק ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם.

מיטן גאַנצן ברען פון זיין נשמה וואַרפט ער זיך אַריין אין דער אָרגאַניזיר־אַרבעט פון דער „יוגנט". ער איז דער פעיקסטער אָרגאַניזאַטאָר אין „יוגנט"־קאָמיטעט. דער גלענצנדיקער רעפערענט אויף „יוגנט"־קרייזן, דער פייערדיקער רעדנער אויף מיטינגען און מאַסוווקעס. ווי אַ יוגנטלעכער טעקסטיל־אַרבעטער

איז ער באַזונדערס אַקטיוו אויפֿן פּראָפֿעסיאָנעלן געביט. אַלס פֿאַרשטייער פֿון דער „יוגנט" אין דער יוגנט־סעקציע פֿון טעקסטיל־פֿאַראיין קומט אים אויס צו פֿירן אַ פֿאַרביטערטן קאַמף קעגן „בונד" און די יעווסעקעס. ער באַקומט אַ השפּעה אויף מאַסן יוגנטלעכע אַרבעטער, וועלכע ווערן אַריינגעצויגן אין די רייען פֿון דער פּועלי־ציון־„יוגנט", ביי וועמען ער פֿאָדערט הונדערט־פּראָצענטיקע דיסציפּלין און אַקטיוויטעט, כדי זיך אויסצוקעמפֿן אַ בעסערן היינט און אַ שענערן מאָרגן.

בערלינסקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין דרייסטקייט און אומדערשראָקנקייט אַלס קאָמענדאַנט פֿון דער פּאַרטיי־מיליץ ביים אָרגאַניזירן פֿיזישן שוץ קעגן כוליגאַנישע איבערפֿאַלן אויף דער פּאַרטיי בעת 1טע מאַי־דעמאָנסטראַציעס און ביי וואַל־קאַמפּאַניעס.

אין דער לעצטער תקופֿה פֿון פֿאַרמלחמהדיקן האַלב־פֿאַשיסטישן פּוילן, ווען ס'זענען אָנגעגאַנגען רדיפֿות אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג, איז ער, אַלס פֿאַרשטייער פֿון דער פּאַרטיי, געשטאַנען אין דער שפּיץ ביים אָרגאַניזירן קאָנספּיראַטיווע שוץ־גרופּעס קעגן פֿאַשיסטישע איבערפֿאַלן.

בערלינסקי איז געווען פֿעלדזן־פֿעסט אין זיין כאַראַקטער, וואָס קיין שום שטורעם־ווינט האָט נישט געקענט בייגן. ער איז געווען גראַדליניק, אָרטאָדאָקסאַל־מאַרקסיסטיש אין זיין פּאָליטישער איינשטעלונג.

אין היץ פֿון די וויכוחים אין דער פּאַרטיי די לעצטע יאָרן איז ער געווען זייער אַגרעסיוו קעגן יעדן אָפּנייג פֿון דער גענעראַל־ליניע. די לעצטע געענדערטע שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי צו דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע האָט ער אָנגענומען נישט מיט קיין לייכט האַרץ. ער האָט אָבער געקענט גובר זיין זיינע אינערלעכע ספֿיקות און האָט אָפּגעהיט די פּאַרטיי־דיסציפּלין.

וואָל מיר דאָ דערלויבט זיין אַ פּערזענלעכער מאָמענט צו דעם אויבן געזאָגטן. מיט בערלינסקין בין איך נישט געשטאַנען אויף איין פּלאַטפֿאָרמע אין די אינערלעכע איינשטעלונגען פֿון דער פּאַרטיי. מיר האָבן אָפֿט געהאַט צווישן זיך שאַרפֿע וויכוחים אין די פּאַלעסטינע־פֿראַגן (החלוץ, ליגעס, קאָנגרעס). צוליב מיין פּאָזיטיווער שטעלונג, וואָס שייך אונדזער אָנטיילנעמען אין די אויבנדערמאָנטע אינסטיטוציעס, פֿלעג ער מיך מיט איראָניע רופֿן: „ארץ־ישראל־יידל". דאָס האָט אָבער לגמרי נישט געשטערט אונדזערע קעגנזייטיקע חברישע באַציונגען. נישט געקוקט אויף אונדזערע מיינונגס־פֿאַרשידנהייטן אין די פֿראַגן פֿון פּאַרטיי־טאַקטיק, האָט אונדז תמיד געבונדן דער געמיינזאַמער אידעאַל און די געמיינזאַמע אַרבעט פֿאַר זיין פֿאַרווירקלעכונג.

בערלינסקי, וועלכער איז אויסערלעך געווען ערנסט, שטרענג און קאַלט, האָט פֿאַרמאָגט אַ סך אינערלעכע וואַרעמקייט אין זיין באַציונג צו חברים. זיין וווינונג אויף דער אַלעקסאַנדרינסקאַ־גאַס איז געווען דער טרעף־פּונקט פֿון די

לאָדזשער „יוגנט"־טוער, וועלכע זענען חבריש און וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דורך אים און זיין פרוי, דער חברטע זומערפויגל, אַן אינסטרוקטאַרקע אין „יונג־באָר", וואָס האָט תמיד געדאגהט, אַז אויפן טיש זאָל זיין כיבוד.

ביי אים זענען אָפט פאָרגעקומען זיצונגען און באַראַטונגען פון לאָדזשער „יוגנט"־קאָמיטעט. אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט די „צוזאַמענקונפטן" דערמאָנט זיך מיר אַ נישט אַנגענעמער קוריאָז מיט אַ פּאָליצייאישן איבערפאַל, וואָס האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַן איינטאָגיקן אַרעסט פון לאָדזשער „יוגנט"־קאָמיטעט. דער קריסטלעכער שכן פון בערלינסקין (אַן ענדעק), האָט אונדז באַטראַכט פאַר „נישט געוווּנטשענע געסט" און באַצויגן זיך צו אונדז נישט „גאַסטפריינטלעך": אויף איינער פון אונדזערע זיצונגען זענען מיר איבעראַשט געוואָרן דורך אַ גרופּע פּאָליציאַנטן מיט רעוואָלווערן אין די הענט, וואָס האָבן אונדז אויפגעפאָדערט: „די הענט אין דער הויך, ווען נישט, שיסן מיר!" אין דער באַגלייטונג פון פּאָליציי האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ פאַרמאַכטן פּאָליצייאישן אויטאָ און אַריבערגעפירט אין דער אויספאָרשונג־פּאָליציי, וואָס האָט אונדז „געפּאַרשט" מיט זיד־לערייען און ניבול פּה. אויף דער אינטערווענץ פון ראַטמאַן, אונדזער חבר האָלענדערסקי ז"ל, זענען מיר באַפרייט געוואָרן.

אין יאָר 1939 — קורץ פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — האָבן מיר זיך צעשיידט. איך בין אַוועק מיט דער עליה ב' קיין ארץ־ישראל. פוילן איז פאַרכאַפּט געוואָרן דורך היטלערס מאָרד־באַנדעס, וועלכע האָבן אָנגעהויבן פאַרפייניקן און אויסראָטן די יידישע באַפעלקערונג דורך רדיפות, געטאָס און טויט־לאַגערן. אין דער דאָזיקער בלוטיקער היטלער־תקופה האָט זיך אַנטפּלעקט מיט דער פולער קראַפט דער העלדישער קעמפער הערש בערלינסקי מיט זיין טיפער שנאה צו די דייטשישע פאַשיסטן און מיט זיין ברויזנדיקן קאַמף־גייסט נקמה צו נעמען פאַר זיין פאַרשניטן פאָלק. ער איז געווען פון די אַקטיווסטע חברים אין דער אונטערערדישער באַוועגונג, וואָס האָט געשאַפן די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע צום באַוואָפנטן קאַמף פון דער יידישער יוגנט קעגן די נאַצישע רוצחים, פאַרן כבוד פון יידישן פאָלק.

הערש בערלינסקי, דער קאָמענדאַנט פון די לינקע פּועלי־ציוניסטישע קאַמפס־גרופּן אין אויפשטאַנד פון וואַרשעווער געטאָ, שפּעטער פּאַרטיזאַן אין די ווישקאָווער וועלדער, צום סוף קעמפער אין אַלגעמיינעם פּוילישן אויפשטאַנד, ווו ער איז געפאַלן מיט געווער אין האַנט, אַרויסוויייזנדיק גרויסן העלדן־מוט.

מיר, זיינע לאַנגיאָריקע חברים פון דער „יוגנט", וואָס האָבן צוזאַמען מיט אים געלעבט, געאַרבעט און געקעמפט, וועלן אים תמיד געדענקען מיט שטאָלץ און כבוד.

יואל רויזמאַן

מיין חבר הערש בערלינסקי

ווען כ׳בין, נאָך קנאַפּע זיבן יאָר וואָגלענישן אין ראַטנפאַרבאַנד, אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, צוריקגעקומען קיין פוילן, האָט זיך פאַר מיר — ווי פאַר אַלע רעפּאַטריאירטע יידישע פּליטים — מיט דער גאַנצער גרויזאַמקייט אַנטפּלעקט דער אומגליק, וואָס איז געשען אונדזער פאָלק בשעת דער היטלער־הערשאַפט.

אויך אין ווייטן קאַזאַכסטאַן זענען דערגאַנגען ידיעות וועגן דער יידן־פאַר־ניכטונג, וואָס די דייטשישע מערדער האָבן דורכגעפירט. אָבער, זייענדיק געאָ־גראַפיש ווייט פון דעם חורבן, איז ביי יעדן איינעם פון אונדז געבליבן אַ האָפענונג, אַז דער קאַטאַקליזם איז דאָך נישט אַזוי גרויס. ס׳האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, אַז דורך אַזאַ פּאָר קורצע יאָרן קען מען פאַרניכטן אַ פאָלק.

ווען מיר זענען אָבער צוריקגעקומען קיין פוילן, זענען אַלע האָפענונגען אונדזערע צערונען געוואָרן. ווען מיר זענען געגאַנגען אויף די חורבות פון וואַר־שעווער געטאָ, ווען מיר האָבן געזען די ערשט נישט לאַנג אויסגעלאָשענע אויוונס פון מאַידאַנעק און אָשוויענטשים, די צענדליקער אַנדערע טויטן־לאַגערס די הונדער־טער פּוילישע שטעט און שטעטלעך, וואָס זענען געוואָרן „יודען־ריין", איז קיין שום ספק נישט פאַרבליבן, אַז די שוידערלעכסטע אין דער מענטשלעכער געשיכטע מאָרד־אַרבעט איבער אונדזער פאָלק איז מיט דער דייטשישער פּינקטלעכקייט און טעכנאָלאָגיע אויסגעפירט געוואָרן.

אין טרייסט — אין דעם ים פון טרויער און פּיין — האָבן מיר געפונען, דערוויסנדיק זיך וועגן די טויזנטער שטאָלצע יידן, ס׳רוב חברים פון די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע יוגנט־באַוועגונגען און פּאַרטייען, וואָס האָבן מיט געווער און אָן געווער פאַרטיידיקט דעם כבוד פון אונדזער פאָלק. טראָץ דעם דייטשישן אַכזריות־דיקן טעראָר, טראָץ די אוממענטשלעכע באַדינגונגען, הערמעטיש אָפּגעשלאָסענע אין געטאָס און טויטן־לאַגערס, אויסגעהונגערטע און פאַרפּייניקטע, אָן הילף פון

דרויסן, אַרומגערינגלט פון שנאה מצד דעם רוב פון פוילישן פאָלק, האָבן די יידישע העלדן געפונען כוח און מוט צו ענטפערן ווירדיק די דייטשישע היטלעריסטישע הענקער.

מיט טרערן אין די אויגן און מיט הייליקן יראת־הכבוד האָבן מיר געהערט דערציילן פון די גרעסטעוועטע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד פון די פּאַרטיזאַנער און פון קעמפער אין די טויטן־לאַגערס וועגן די העלדישע מעשים, וועלכע האָבן כמעט נישט זייער גלייכן אין דער געשיכטע, מעשים, וואָס זענען געווען אויסשליסלעך געצילט צו ראַטעווען דעם כבוד פון יידישן פאָלק. קיין האָפענונג צו ראַטעווען דאָס אייגענע לעבן האָבן שוין די העלדן נישט געהאַט.

ווי וועגן איינעם פון די העלדישסטע און אומדערשראָקנסטע האָט מען דערציילט וועגן הערש בערלינסקין. אין די גרויל־יאָרן איז ער פאַרוואָגלט געוואָרן פון לאָדזש קיין וואַרשע און דאָרט האָט ער זיך געשטעלט אין שפּיץ פון די פּועלי־ציון־קעמפער אין געטאָ־אויפשטאַנד, זייענדיק אַ מיטגליד אין שטאָב פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע".

ניצול־געוואָרענע קעמפער, וואָס זענען דורך הערש בערלינסקין אָרגאַניזירט געוואָרן אין די קאַמף־גרופּעס, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט אים אויפגעשטעלט דעם שטאָב פון געטאָ־אויפשטאַנד און געקעמפט צוזאַמען מיט אים קעגן די דייטשישע ס.ס.־אָפּטיילונגען, האָבן דערציילט וועגן די העראָישע מעשים זיינע אין וואַרשעווער געטאָ.

די דערציילונגען וועגן הערשן האָבן ביי מיר נישט אַרויסגערופן קיין פאַרוווּנדערונג. זייענדיק נאָענט מיט אים ביז דער מלחמה, איז פאַר מיר קלאָר געווען, אַז ער האָט אַנדערש נישט געקענט זיין. אויב דער גורל האָט אים געבראַכט אין וואַרשעווער געטאָ, האָט ער געקענט האַנדלען נאָר אַזוי ווי ער האָט געהאַנדלט. זיין איבערגעגעבנקייט אָן גרענעצן צום פאָלק און צו דער באַוועגונג, זיין יידישער שטאָלץ, זיין רעוואָלוציאָנערער טעמפּעראַמענט, זיין אָן־פּשרותדיקייט און דעצידירטקייט האָבן אים נאַטירלעכערהייט אַוועקגעשטעלט צווישן די ערשטע, צווישן די אומדערשראָקנסטע, צווישן די, וואָס האָבן גערופן, אָרגאַניזירט און געפירט דאָס פאָלק צום אויפשטאַנד.

*

מיט הערש בערלינסקין האָב איך זיך באַקענט אין יאָר 1933, ווען ער איז געשיקט געוואָרן דורכן קאָמיטעט פון דער „יוגנט", צו פאַרוואַלטן מיטן אינסטרוקטאָרן־ראַט פונעם „יונגבאַר" (קינדער־אָרגאַניזאַציע ביי דער באָראָכאָוו־היים) און צו זיין דער מדריך פונעם ליבקנעכט־קרייז, צו וועלכן איך האָב דעמאָלט געהערט.

דריי

פון דער ערשטער מינוט אָן, ווען הערש איז צו אונדז געקומען (דעמאָלט איז ער אַלט געווען כמעט טאָפּלט ווי מיר 13-יאָריקע)), האָט ער אונדז געפאַנגען מיט זיין פשטות, מיט די דירעקטע באַציונגען מיט זיינע חניכים, מיט זיין ערנסט נעמען זיין אויפגאַבע און זיין ראַלע, מיט זיין איבערגעגעבנקייט און חברישקייט. צו אַ שמועס מיט אונדז איז ער תמיד געקומען אַ צוגעגרייטער און האָט זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו דערציען אונדז אין די אידעאישע ווערטן, אין וועלכע ער האָט געגלייבט און צו די אידעאַלן, צו וועלכע ער האָט געשטרעבט.

פון אָנהייב אָן האָבן מיר געזען אין אים דעם פּערזענלעכן ביישפּיל, דעם מענטש, וואָס זיינע מעשים זענען אידענטיש מיט זיינע מחשבות. פאַר אונדז איז קיין מאָל קיין ספק נישט געווען, אַז הערש וועט פּערזענלעך פאַרווירקלעכן דאָס, צו וואָס ער דערציט אונדז.

ווען כ'בין אַריבער אין דער „יוגנט"-אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך מיינע פאַרבינדונגען מיט הערשן נאָך מער פאַרשטאַרקט און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּערזענלעכע פריינטשאַפט. די אידעישע נאָענטקייט און די בשותפותדיקע אַקטיוויטעט אונדזערע אין די טעקסטיל-קרייזן פון דער „יוגנט" און אין טעקסטיל-פאַרייך האָבן אונדז דערנענטערט. דער אונטערשיד אין עלטער איז נישט געווען קיין מניעה אין אונדזער פריינטשאַפט. איך האָב אין אים געזען אַ פריינט, אַן אידעען-חבר און אַ מדריך אין לעבן. איך בין געווען כמעט אַ טאָג-טעגלעכער אַריינגייער צו אים אין הויז, כמעט אַ בן-בית ביי אים.

זיין אַלזייטיקע אַקטיוויטעט אין דער באַוועגונג האָט אים נישט געשטערט צו זיין גלייכצייטיק אַן איבערגעגעבענער מאַן צו זיין פרוי און אַ זעלטן איבערגעגעבענער פאָטער צו זיין קינד, מאַטעלע.

ער איז געווען באַליבט ביי אַלעמען. אַפילו די פּוילישע אַרבעטער, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין איין פאַבריק אַלס וועבער-אַרבעטער, האָבן הערשן שטאַרק געשעצט. זיי האָבן אים אויסגעוויילט אַלס זייער דעלעגאַט. אַלע האָבן אים געגלייבט, געהאַט גרויס צוטרוי צו אים. קיינער האָט נישט געצווייפלט אין זיין ערלעכקייט און איבערגעגעבנקייט. מען האָט געקענט זיך פונאַנדערגיין מיט אים אין געוויסע מיינונגען אָדער האַנדלונגען, אָבער אַלע זענען תמיד געווען זיכער, אַז דאָס, וואָס ער זאָגט, מיינט ער ערנסט, אַז דאָס, וואָס ער טראַכט און זאָגט, איז ער פּערזענלעך גרייט צו פאַרווירקלעכן, אַז דאָס, וואָס די באַוועגונג וועט אויף אים אַרויפלייגן, וועט ער אויספירן בשלימות.

הערש האָט קיינמאָל זיך נישט געוואַקלט אָנצונעמען די סאַמע שווערסטע, פאַראַנטוואָרטלעכסטע און געפערלעכסטע אויפגאַבעס. אויך פון די אַנדערע האָט ער תמיד געפאָדערט די זעלבע איבערגעגעבנקייט און אחריות.

זיין האַרץ און זיין שטוב זענען שטענדיק געווען אָפן פאַר אַלעמען. ביי אים אין שטוב האָט זיך יעדער חבר געפילט ווי אַ היימישער און אַ געוווּנטשענער. ווען הערש האָט אין זומער 1937 געדונגען אַ זומער־וווינונג פאַר זיין משפחה אין איינעם פון די דערפער נעבן לאָדזש, איז זי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אָרט פון אויספלוגן פאַר פיל „יוגנט"־חברים. מיר פלעגן קומען אין די פרייע טעג פאַר־ברענגען ביי הערשן און זיין משפחה, וואָס האָבן יעדן חבר שטענדיק אויפגענו־מען מיט פרייד און מיט אָפענע אָרעמס.

*

דאָס לעצטע מאָל האָב איך זיך געטראָפן און זיך צעשיידט אויף אייביק מיט הערש בערלינסקין, אין חודש דעצעמבער 1939, אין ביאַליסטאָק, וואָס איז אין יענער צייט געווען פאַרנומען דורך די רוסן. איך האָב אים געטראָפן אַ דערשלאָ־גענעם, ער האָט געבענקט נאָך זיין משפחה און נאָך זיין באַוועגונג.

הערש איז אַנטלאָפן פון לאָדזש צווישן די ערשטע. ער האָט מורא געהאַט פאַר זיינע דייטשישע שכנים, וועלכע האָבן געוואָלט אין אים נקמה נעמען, קענענדיק אים פאַר אַ רעוואָלוציאָנער.

אין ביאַליסטאָק האָט מיר הערש געזאָגט, אַז זיין האַרץ און זיין געוויסן רופן אים צוריקצוגיין אין דעם דורך די דייטשן אָקופּירטן טייל פון פּוילן, בכדי צו זיין מיט זיין משפחה און זיין פאָלק.

דעמאָלט, אין יאָר 1939, אין ביאַליסטאָק, האָט ער נאָך נישט געוווּסט, וואָס פאַראַ גורל ס'דערוואַרט אים און וואָסער העראָישע ראָל ס'איז אים פאַרגעזען צו שפּילן אין דער געשיכטע פון אונדזער באַוועגונג און פון אונדזער פאַרפּייניקטן פאָלק.

שמואל פערלמוטער

הערש בערלינסקי — די בליענדיקע צווייג אויפן פועלי־ציון־שטאַם

הערש בערלינסקי איז געוואַקסן און דערצויגן געוואָרן אין די ערשטע יאָרן פון איצטיקן יאָרהונדערט אויפן שויס פון דער נאַציאָנאַלער און רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין דער אַרבעטער־שטאָט לאָדזש, אין דעם לאָדזש פון בונטן, אויפשטאַנדן און העראָישע טאַטן, וואָס ציען זיך פון דער תקופה פון 1905 אין צאַרישן רוסלאַנד. אַזאַ אַטמאָספער האָט, אָן ספק, געהאַט אַ קענטיקע השפעה אויף זיין אידעיש־גייסטיקער אַנטוויקלונג, געווירקט אויף זיין ברויזנדיקער מענטאַליטעט.

בערלינסקי האָט פאַרמאָגט די כאַראַקטער־שטריכן און אַטריבוטן מיט וועלכע ס׳האָבן זיך אויסגעצייכנט אַ סך קעמפער פאַר זייער פאָלק און קלאַס. ער האָט געהאַט די איינגעזאַפּט פון אַ דיסציפּלינירטן סאָלדאַט און די קוואַליפיקאַציעס פון אַ פאַראַנטוואָרטלעכן, איבערגעבענעם אַרבעטער־טוער.

לאָדזש — דאָס גרויסע שפּינראַד פון פילפאַרביקן געוועב — איז געוואָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דער ליטעראַריש־קינסטלערישער וועבשטול פאַר אַ סך נייע גייסט־מענטשן און אינטעלעקטואַלן אַרטיקע און צוגעקומענע, וואָס האָבן זייער אינטעליגענץ און וויסן געווידמעט די אידעאַלן פון יידישן אַרבעט־מענטש, מיט וועמען זיי האָבן זיך גייסטיק פאַרשפּונען און וואָס צוזאַמען מיט אים האָבן זיי אַרויסגעוועבט דעם שענסטן חלום.

לאָדזש איז געווען אַ יידיש־גייסטיקע היים, וואָס אין שעהען און אין טעג פון אַנטוישונג האָט מען זיך געקענט אין איר אַנגענעם אַנוואַרעמען, פילן זיך זיכערער, פעסטער, ווי מיט דעם פעסטן טראָט פון היגן יידישן באַוווסטזיניקן אַרבעטער.

ס׳איז קיין צופאַל נישט, וואָס די אַרבעטער־פּאַרטיי פּועלי־ציון האָט אין דער דעמאָלטיקער אויפגעברויזטער צייט אַרויסגעבראַכט אַזעלכע אַרבעטער־קעמפער ווי הערש בערלינסקי, וועלכער איז גייסטיק אויסגעשמידט געוואָרן אונטער דער ווירקונג פון אַזאַ ערלעכן אַרבעטער־פירער, וועטעראַן, ווי חבר מוליע און פון אַזאַ מוטיקן אַרבעטער־קעמפער, חבר און מענטש ווי חיים בראַנד (מיעטעק).

אויף דעם שטאַמיקן פּועלי־ציון־בוים איז בערלינסקי געווען אַ בליענדיקער צווייג. אין דעם צעבליטן אידעישן גאָרטן, אין וועלכן ס'זענען אויסגעוואַקסן אַזעלכע אַנפירנדיקע לאָדזשער חברים, ווי: מרדכי שוואַרצבאַרד, דוד סקראַבעק, עזריאל מאַניעלאַק, אביגדור זילבערבערג, חיים טורנער, טאָפּטשע, גענייאַ לעווי און משה גערשאָנאָוויטש, זיי צו לאַנגע יאָר, איז אָנגעגאַנגען אַ שטאַרקער נאָכ־וווקס פון יונגע, נייע אַקטיווע טוער, צו זיי האָט געהערט הערש בערלינסקי.

זיין עלעמענטאַר־בילדונג און סאָציאַל־עקאָנאָמיש וויסן, וואָס ער האָט מיטגעבראַכט פון דער באָראָכאָוו־שול, האָט אים מעגלעך געמאַכט גיכער צו אָריענטירן זיך אין די ייִדישע אַרבעטער־פּראָבלעמען ווי אויך אין אַלגעמיינע אַרבעטער־פראַגן. ער איז גיך געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע אין „יוגנבאָר" און שפּעטער פון די אַנפירנדיקע חברים אין דער לאָדזשער „יוגנט"־אָרגאַניזאַציע, וואָס איז אַ סך יאָרן פאַר דער מלחמה אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסן־באַוועגונג. אַ דאַנק זיינע אייגנשאַפטן איז ער געוואָרן איינער פון די בעסטע טוער אויף אַ סך אָפּשניטן פון אונדזער פאַרצווייגטער אַרבעט צווישן דער לאָדזשער ייִדישער אַרבעטער־שאַפט. די פועלי־ציון־אידעע איז פאַר אים געווען דער פּאָליטיש־געזעלשאַפט־לעכער וועגווייזער, וואָס איז באַשאַפן צו דינען דעם ייִדישן אַרבעטער־פאָלק. ,

קיין שום קאַמף איז אים נישט געווען צו שווער, ווייל ער האָט געהאַט אַ גוואַלטיקע פיעטעט פאַר דער ראָל פון פועלי־ציון אין דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג. מיט באַגייסטערונג פון אַ גרויס קינד האָט ער אויפגענומען יעדן דער־פאָלג פון דער פאַרטיי און איז אָפט אַריינגעפאַלן אין התפעלות. ער איז מיט זיך געווען גאַנץ, ערלעך. אַלס אַזעלכער האָט ער אויך פון אַנדערע געפאָדערט גאַנצקייט מיט זייער אידעאַל און פעסטקייט אין זייער גלויבן. שטרענג און קפדנות־דיק צו זיך אַליין ביים אויפנעמען און באַהאַנדלען אַ געזעלשאַפטלעכע דערשיינונג.

שטענדיק האָט ער זיך געפונען אין געווירבל, אינעם געדריי פון די פּאָלי־טיש־געזעלשאַפטלעכע געשעענישן. אויף זיין אייגענעם אופן און שטייגער, מיט זיין שאַרפער באַאָבאַכטונגס־קראַפט און חריפישן קאָפּ האָט ער תמיד געזוכט צו געפינען די קענצייכנס פון אַ פּראָבלעם, כדי זיך אויסצואַרבעטן זיין שטעלונג.

זיין אויער איז שטענדיק אָפן געווען פאַר דעם ריטם פון לעבן. ער איז געווען עמפּינדלעך צו קליין־אַרבעט פּונקט ווי צו גרויסע אויפגאַבן. ער האָט געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק מיט זיין עקשנות און קנאות, וואָס האָבן געשלאָגן פון אים, מיט זיינע אָפענע רייד, וועלכע האָבן אוממיטלבאַר געווירקט, מיט וועלכע ער האָט פאַרטיידיקט אַ שטאַנדפּונקט, וואָס ער איז געווען איבערצייגט אין זיין ריכטיקייט.

ביי זיין פאַרנומענקייט אין דער אַרבעט איז ער געווען גלייכצייטיק וואַך פאַר

יעדן נייעם חבר און געשענקט אים פיל אויפמערקזאַמקייט. גרויס איז געווען זיין פרייד, זיין באַגייסטערונג פאַר אַ חבר, וואָס ווערט טעטיק, וואָס ברענגט נוצן. ביי טויזנטער יוגנטלעכע אַרבעטער אין לאָדזש און אין דער סביבה האָט זיין פלאַמיק וואָרט געריירט הערצער. ער האָט זיי געמוטיקט אין זייער שווערער שטימונג אין צייטן פון רעאַקציע און אָפטער אַרבעטלאָזיקייט. אומעטום, ווו ער איז געווען אַקטיוו באַטייליקט, האָט ער מיטגעריסן און אינספּירירט אַנדערע, סטימולירט זיי צו אַקטיוויטעט.

ער איז געווען אַ פלאַמיקער אַנטיפאַשיסטישער קעמפער. מיטן גאַנצן פייער פון זיין טעמפּעראַמענטפולער נשמה האָט ער באַקעמפט — ווען מען האָט גע־דאַרפט, אויך פיזיש — אַ סך יאָרן פאַר דעם אָפיציעלן דייטשישן פאַשיזם, אָרטיקע, היימישע, אויף דער פוילישער גאַס פאַשיסטישע, כוליגאַנישע איבערפאַלן אויף יידן און יידישע אינסטיטוציעס.

אין זיין רעדן פלעג זיך הערש בערלינסקי נישט באַנוצן מיט שפּראַך־פּלי־טערלעך. ער פלעג אין פשוטע, זאַכלעכע, קאָנקרעטע ווערטער אַרויסברענגען דעם תמצית. ער פלעג אָפן און קאָנסעקווענט אָנווייזן אויף חסרונות, אויף בלויזן, ווייל ער האָט תמיד געוואָלט זען אין דער באַוועגונג דאָס פולקאָמענסטע.

ס'דערמאָנען זיך מיר אייניקע אין איין צייט צונויפגעפאַלענע פריידיקע מאָמענטן פון יאָר 1928, ווען די לאָדזשער „יוגנט" האָט געלונגען געפייערט איר 10־יאָריקע עקזיסטענץ. בערלינסקי האָט ממש געפיבערט אַרום די פאָרשטייענדיקע פייערונגען. ס'איז מיר, זייענדיק אין לאָדזשער ראַיאָן־קאָמיטעט, באַשטימט געוואָרן, צוזאַמען מיט אים, צו זיין אין דער אַדמיניסטראַציע ביים אַרויסגעבן די יוגנט־צייטונג, געווידמעט דער יובל־פייערונג. מיט חסידישער התלהבות האָט ער אויפגענומען זיין ראָל. זייער ערנסט, אַפילו פּיעטעטפול איז געווען זיין באַ־ציונג. ס'איז מיר באַשטימט געוואָרן צו רעדן פאַר די שילער פון דער באָראָכאָוו־שול אויף צעגלאַנע־גאַס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יוגנט־פייערונג. בערלינסקי האָט געהאַט די מענטשלעך־חברישע פאַרשטענדעניש מיך פריער פאַרצושטעלן פאַר די מיר אומבאַקאַנטע שילער. נאָך מער איז געווען זיין פאַרשטענדעניש לגבי מיר אין מיין ביסל פאַרלעגנהייט, ווען איך האָב, אין נאָמען פון ראַיאָן־קאָמיטעט, געדאַרפט באַגריסן די אַזוי אימפּאָזאַנטע און גוט איינגעגעבענע פייע־רונג. איך האָב נישט לייכט אָנגענומען די שליחות. בערלינסקי האָט גוט באַמערקט מיין נישט־דרייסטקייט. זיין דערמונטערונג האָט מיך דעצידירט אַרויסצוטרעטן. כ'הער נאָך היינט זיינע דערמונטערונג־ווערטער. כ'זע זיינע צעפינקלטע פרייד־אויגן הינטער מיין רוקן בעת איך באַגריס דעם זאַל, פול געפּאַקט מיט פּאַרטיי־, יוגנט־ און יונגבאַר־חברים.

*

און אַט איז ער, פונקט ווי מיר אַלע, אַריינגעטראָטן אין דעם מוראדיקן, גרויליקן פעריאָד, וואָס האָט נישט זיין גלייכן אין אונדזער געשיכטע. ער פאַלט אַריין אין וואַרשעווער געטאָ. דאָ ווייזט ער זיך גאָר שנעל אַרויס ווי דער ריכ־טיקער מענטש אויפן ריכטיקן אָרט. דאָס דערמונטערנדיקע וואָרט און די געהויבענע ביקס זענען ביי אים איין זאַך. ביידע העלפן זיי דערנענטערן דעם זיג.

ער רינגלט זיך אַרום מיט געטרייע חברים, ווערט פאַר זיי אַ מוסטער פון אָפּפערווילִיקייט, דרייסטקייט און העלדישקייט.

ווי אַזאַ פאַלט ער מיטן געווער אין האַנט אין קאַמף קעגן דער נאַצישער בעסטיע און פאַר דעם כבוד פון אונדזער פאָלק.

ווי אַזאַ האָט ער מיט זיין טויט געהייליקט דעם אָנדענק פון די יידיש־פוילישע מאַסן, וועמענס עכט קינד ער איז געווען און פאַרבליבן ביז זיין לעצטן לעבנס־אָטעם.

ווי אַזאַ וועט ער אויף אייביק פאַרבלייבן אין אונדזער זכרון.

ביינה זיסר־דג

אַ פּאָר ווערטער צום אָנדענק פון הערש בערלינסקי

ווען מיר האָבן איבערגעלייענט אין „דבר השבוע״ פון ערב פסח תשכ״ג (19 אפּריל 1963) דעם אַרטיקל פון מרדכי ברקאַי וועגן דעם טאָגבוך פון בונקער פון הערש בערלינסקי, האָבן מיר, געוועזענע לאָדזשער יוגנט־חברים און נאָענטע חברים פון הערש בערלינסקי, געקאָנט אָנהויבן צו זיין אַ ביסל רויק, וואָס סוף סוף הויבט זיך אָן, נאָכן אומקום פון אונדזערע נאָענטע, משפּחה, חברים, אויסשיילן דער פּלאַץ, וואָס קומט פאַר אַ מענטש ווי הערש בערלינסקי.

מיר האָבן צוזאַמען מיט אים געאַרבעט טאָג־טעגלעך, צוזאַמען פאַרבראַכט. מיר האָבן אַזוי גוט געקענט דעם שטאָלצן, ווירדיקן שטעל זיינעם.

אין „דבר השבוע״ שרייבט מרדכי ברקאַי: „...בערלינסקי איז נישט געווען קיין עסקן. ער איז נישט געווען קיין היסטאָריקער, ער איז נישט געווען קיין צענטראַלע פיגור צווישן דער חלוצישער יוגנט. ער איז געווען אַ וועבער פון לאָדזש...״. קיין היסטאָריקער איז ער טאַקע נישט געווען, דערפאַר אָבער האָט ער געמאַכט היסטאָריע. אָט דער וועבער פון לאָדזש איז געווען מער ווי אַן עסקן. אין וואַרשעווער געטאָ איז ער אויסגעוואַקסן צו איינער פון די צענטראַלע פיגורן פון דער קעמפנדיקער יידישער יוגנט, פון וועלכער ער איז געוואָרן איינע פון די שענסטע, העדלעכסטע געשטאַלטן. איצט איז שוין די צייט, ווען מען דאַרף אַוועק־שטעלן אונדזער הערש בערלינסקין אויפן אָרט, וואָס אים קומט אין דער געשיכטע פון דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג.

מרדכי ברקאַי, נישט וויסנדיק ווער בערלינסקי איז געווען ביזן געטאָ־אויפשטאַנד, שרייבט, אַז אינעם וואַרשעווער געטאָ איז ער „געוואָרן דער נאַטיר־לעכער אָנפירער פון דער יוגנט און פון די אַרבעטער פון זיין באַוועגונג — פון די לינקע פּועלי־ציון״. און וועגן זיינע זכרונות זאָגט ער, אַז זיי זענען „איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד״ און ברקאַי פּילט אַרויס צווישן די שורות, וואָס בערלינסקי האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט:

„ער איז געווען אָרנטלעך, ריין, מיט אַ וואַרעם האַרץ און אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַמענט, פעסט אין זיין מאַרקסיסטישן גלויבן...".

אמת. אַזוי געדענק איך אים פון דאַן, ווען כ׳בין אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, מער ווי זיבן יאָר פאַרן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אַ סך ריינע, שיינע יוגנט־חברים זענען מיר געווען אין לאָדזש און אַלע האָבן געגלייבט אין די אמתן, וואָס מיר האָבן געלערנט. בערלינסקי איז תמיד געווען דער ערשטער צווישן אונדז. אַ באַשלוס איז ביי אים געווען אַ באַפעל. מיטן גאַנצן יוגנט־ברען זיינעם האָט ער געגלייבט אין די אמתן פון באָראָכאָוויזם און איז געווען זיכער, אַז פריער צי שפּעטער וועלן זיך די טויערן פון ארץ־ישראל ברייט צעעפענען, אַז די אַלגעמיינע אַרבעטער־באַוועגונג וועט אָנערקענען אונדזער רעכט אויף אַן אייגענער היים אין דעם ווינקל אויף דער ערד און אַז אונדזער פאָלק וועט אויך באַקומען אַ פּלאַץ אונטער דער זון, ווו מיר וועלן דורך אונדזער אַרבעט און שאַפן קענען זיין גלייכע מיט גלייכע.

הערש בערלינסקי האָט געענדיקט די פאָלקס־שול און גלייך זיך אַוועקגעזעצט ביי דער וועבשטול. צוזאַמען מיטן וועבן די לייוונט האָט ער געוועבט אויך חלומות, וואָס דאַרפן ווערן אַווירקלעכקייט: חלומות וועגן די שיינקייטן פון דער וועלט, וואָס זענען פאַר אַלע גלייך געשאַפן געוואָרן און אויך חלומות, ווי אַזוי מען דאַרף קעמפן, כדי די שיינקייטן אויך פאַר אַלע צו דערגרייכן.

די אַרבעט אין דער לאָדזשער יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז געווען אַ שטאַרק פאַרצווייגטע. בערלינסקי איז טעטיק געווען אין דער טעקסטיל־אָפּטיילונג פון פּראָפעסיאָנעלן פאַריין. ער איז אויך טעטיק געווען אין די שילער־קרייזן, אין יונגבאָר. ווען מיר פלעגן זומער מאַכן אויספלוגן מחוץ דער שטאָט, און בערלינסקי פלעג אָנטיילנעמען אין זיי, זענען מיר געווען זיכער, אַז דער אויספלוג וועט אַדורך בשלום, אַז קיינער וועט זיך נישט דערוואַגן צו וואַרפן אַ שטיינדל אָדער סתם זיך טשעפּען — זיין זיכערער, שטאָלצער שטעל, זיין שמייכל, האָבן ביי יעדן געמוזט אַרויסרופן דרך־ארץ.

בערלינסקין האָבן אַלע חברים ליב געהאַט. זיי זענען געווען שטאַרק צוגעבונדן צו אים. אויך ער האָט שטאַרק ליב געהאַט די חברים, איז געווען מיט לייב און לעבן צוגעבונדן צו זיי און צו דער באַוועגונג, אַזוי ווי ער האָט עס שפּעטער באַוויזן אין געטאָ.

*

דו האָסט, חבר הערש בערלינסקי, די יידישע מאַסן נישט פאַרלאָזט. האָסט פון זיי נישט געוואָלט אַנטלויפן. ביסט צו זיי צוריקגעקומען, כדי צו זיין צוזאַמען מיט זיי אין דער שעה פון דעם גרעסטן נסיון. צוזאַמען מיט די אויסדערוויילטע

זין, צוזאַמען מיט העלדן ווי דו, ביסטו געפאַלן מיט דער ביקס אין האַנט, אין קאַמף מיט אונדזער בלוטיקסטן שונא, פאַרטיידיקנדיק דעם כבוד פון אונדזער פאָלק און נעמענדיק נקמה פאַר די אומגעבראַכטע!

צענדליקער, הונדערטער און טויזנטער פון די, וואָס פלעגן צוזאַמען מיט אונדז טרינקען פון דעם קוואַל, וואָס הייסט, אַז „פאַר דעם אמת און פאַר דער פרייהייט מוז מען קעמפן", זענען געפאַלן אין דעם זעלבן קאַמף וואָס דו.

עס וועט קומען די געשיכטע און וועט דערציילן וועגן אייער העראָישן טויט. זי וועט דערציילן די דורות, וואָס וועלן קומען, ווי אַזוי איר זענט געשטאַנען אין קאַמף פון ווייניקע קעגן אַ סך.

יעקב בערלינסקי

אונדזער ברודער הערש

שוין פון קינדהייט אָן איז הערש געווען אין דער משפּחה דער קאָנסעקווענט־סטער און גראָדליניקסטער; אָן פּשרות, זאַכלעך און אַנטשלאָסן. מיט זיין שטאַרקן ווילן האָט ער שטענדיק אַדורכגעפירט דאָס, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר ריכטיק. אַזוי האָט ער אָנגעהויבן זיין וועג אין לעבן. שוין אויף דער שול־באַנק, צווישן די שילער, איז ער געווען דער דרייסטסטער, דער אָנפירער, דער קאָמפּסלוסטיקער און קעמפער. שטענדיק זיך געשטעלט צו פאַרטיידיקן די באַוווּסטע שילער אין שול. אין דער אַלגעמיינער מלוכה־שול האָט ער זיך אַנטקעגנגעשטעלט די לערער, וועלכע האָבן אַרויסגעוויזן אַנטיסעמיטישע טענדענצן לגבי די יידישע שילער.

הערש ווערט דער אָנפירער צווישן די שילער. די חברים ווענדן זיך צו אים מיט אַלע ענינים, צווישן אַנדערע אויך ווי אַזוי זיך קעגנצושטעלן די איבערפאַלן פון פּוילישע שילער כוליגאַנעס.

מיר שאַפן דעמאָלט די קאָמפּס־בריגאַדעס אונטערן מאַנטל פון ספּאָרט־גרופּן, וווּ מיר פירן גימנאַסטישע איבונגען, קאָמפּס און טאַקטיק־אויסבילדונג. די קאָמפּס־בריגאַדע איז שטענדיק גרייט אויף הערש׳ס רוף. אפילו פון דער שכנותדיקער שול, וווּ די מערהייט זענען געווען פּוילישע שילער, וועלכע האָבן פון צייט צו צייט אַ הוליע געטאָן אויף דער יידישער מינדערהייט, האָבן זיך די שילער שטענדיק געוואָנדן צו הערשן ער זאָל קומען מיט זיין גרופּע „באַרויקן" די כוליגאַנעס.

די יידישע יוגנט לעבט דעמאָלט אין זייער שלעכטע באַדינגונגען. זי ליידט פון אַרבעטלאָזיקייט, נויט, רדיפות, באַגרענעצונגען אין לערנען.

ביי הערשן אַנטשטייט דער געדאַנק זיך צו פאַרבינדן מיט דער אַרבעטער יוגנט־באַוועגונג און אַזוי אַרום צוצוהעלפן דעם קאַמף פאַר ענדערן די לעבנס־באַדינגונגען פון די אונטערדריקטע אַרבעטער־מאַסן.

איך האָב שוין דעמאָלט געהערט צו דער פּועלי־ציון יוגנט. אין דער היים

פלעגן מיר דאָן לייענען סאָציאַליסטישע ליטעראַטור; איך האָב אויך אַהיים געבראַכט די פּועלי־־ציון אויסגאַבעס און הערש נעמט זיך מיט דער גרעסטער פּאַראינטערעסירונג לערנען דעם פּועלי־ציוניזם. איך האָב ממש באַוווּנדערט מיט וואָסער פלייס ער האָט עס געטאָן. ער האָט דערביי פאַרבראַכט זיין גאַנצע פרייע צייט ביז שפּעט ביינאַכט אין לויף פון מערערע טעג און אָט קומט ער צו צו מיר, אַ צעשטראַלטער פון פרייד, און זאָגט צו מיר: „איך האָב געפונען דעם ריכטיקן וועג; דאָס איז דאָס פּאָסיקסטע, דאָס אַנטשפּרעכט מיין געדאַנקען־גאַנג; אַזוי האָב איך שטענדיק געחלומט און געטראַכט. דער פּועלי־ציון־פּראָג־ראַם, דאָס איז דער וועג ווי אַזוי עס קענען געלעזט ווערן די פּראָבלעמען פון געראָדפטן יידישן פאָלק״.

הערש ווערט אַ מיטגליד אין דער לאָדזשער פּועלי־ציון־„יוגנט״ און נעמט זיך גלייך, מיט זיין גאַנצן יוגנט טעמפּעראַמענט און שטאַרקן אָפּטימיזם, צו דער אַרבעט. נאָך אַ קורצער צייט איז ער שוין אַ מיטגליד אין „יוגנט״־קאָמיטעט און ווערט איינער פון די אַקטיווסטע חברים, צוזאַמען מיט מרדכי שוואַרצבאַרד, אברהם לאַוועונדאַ, יוסף ציעכאַנאָווער, יאַמאַ, געניע לוי און טאָבטשע.

זיין גאַנצע ענערגיע און כוח גיט ער אַוועק די פאַרשידענע געזעלשאַפט־לעכע אַרבעטן, וועלכע ער פירט אין נאָמען פון דער „יוגנט״ און פון דער פּועלי־ציון פּאַרטיי. ער נעמט אָנטייל אין די צוזאַמענפאָרן פון יוגנט־פאַרבאַנד אין פּוילן; ווי אַ דעלעגאַט פון דער לאָדזשער „יוגנט״, באַטייליקט ער זיך אינעם קאָנגרעס פון דער געזעלשאַפט „פריינט פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל״ אין וואַרשע, פאַר וועלכן ער שטעלט אַוועק די פראַגן: פון פרייער איינוואַנדערונג; קעגן סערטיפיקאַטן־סיסטעם; פאַרן פאַרשטאַרקן דעם קאַמף קעגן דער מאַנדאַטן־מאַכט; פאַר אַנהויבן אַ פאַרצווייגטע אַרבעט אין אַלע געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס און מאָביליזירן די יידישע מאַסן פאַר אַ מאַסן־איינוואַנדערונג דורך אַלע וועגן קיין ארץ ישראל.

הערש איז דער פאַרשטייער און רעפערענט פאַר די פּראָפעסיאָנעלע יוגנט־סעקציעס, לעקטאָר אויף יוגנט־קרייזן און אָוונט־קורסן, פלאַמיקער רעדנער אויף יוגנט־מיטינגען.

ער איז דער ליבלינג פון דער לאָדזשער יוגנט; ער איז פאַר איר דער סימבאָל פון דיסציפּלין און טרייהייט פאַר די אידעאַלן פון באָראָכאָוויזם.

נאָכדעם, ווי פּוילן ווערט באַזעצט דורך די היטלער־באַנדיטן, מוז הערש פאַר־לאָזן לאָדזש, כדי נישט אַריינצופאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. ער לאָזט איבער זיין פרוי פריידע (אַן אינסטרוקטאָרקע אין „יונגבאָר״) און זיין איינציק 9 יאָריק זונעלע, מאָטעלע, גלויבנדיק אַז פרויען און קינדער וועלן די דייטשן נישט אומברענגען. די באַרבאַרן האָבן אָבער געהאַנדלט אַנדערש. צוזאַמען מיטן

לעצטן טראַנספּאָרט פון לאָדזשער געטאָ זענען זיי אומגעקומען אין אוישוויץ אין 1944.

הערש פאָרט קיין וואַרשע און פון דאָרט אין די מזרח־געביטן, וואָס זענען באַזעצט דורך דער רויטער אַרמיי. דאָרט איז ער ווידער צוזאַמען מיט אַ גאַנצער ריי חברים פון דער „יוגנט" און פאַרטיי, וואָס זענען אַנטלאָפן פון פּוילן, רעכע־נענדיק, אַז עס וועט מעגלעך זיין דאָרט זיך איינצואָרדענען און אויך אָנצוהאַלטן אַ קאָנטאַקט מיט די איבערגעבליבענע חברים און מיט דער פאַמיליע אויף יענער זייט גרענעץ.

אָבער דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. די באַדינגונגען זענען געווען זייער שווערע און קיין אויסזיכטן צו פאַרבלייבן זענען נישט געווען.

די אָנפירער פון דער קאָמוניסטישער יוגנט האָבן פאַרלאַנגט, אַז הערש זאָל אונטערשרייבן אַ דעקלאַראַציע, אַז ער זאָגט זיך אָפּ פון פּועלי־ציוניזם און אָנער־קענט, אַז נאָר דער וועג פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג איז דער ריכטיקער; דאַן — האָבן זיי אים פאַרזיכערט — וועלן זיי אים איינאָרדענען אויף אַ פּאָסטן און עס וועט אים גאָרנישט פעלן.

דאָ האָבן זיי געטראָפן אויפן ריכטיקן אַדרעס!

הערש פאַרקויפט נישט זיין אידעע פאַרן פּרייז פון קענען זיך איינאָרדענען און רעזיגנירט פון דעם „גוטס" וואָס איז אים אָנגעבאָטן געוואָרן. ער פאָרט אַריבער פון ביאַליסטאָק קיין סלאָנים, ווו ער אַרבעט אין וואַלד ביים האָלץ. ער וויל אָפּוואַרטן אַ געוויסע צייט, אפשר וועט זיך דאָך עפּעס ענדערן.

די יידן אין סלאָנים האָבן אים זייער האַרציק אויפגענומען; מען האָט אים געגעבן אַ וווינונג און מ'איז אפילו גרייט געווען אים צו העלפן מאַטעריעל. אָבער הערש זאָגט אָפּ און גייט בעסער אַרבעטן.

הערש בלייבט אין סלאָנים אַ קורצע צייט. ער זעט, אַז פון אַזאַ קליין אָרט איז נישט מעגלעך וועלכער עס איז קאָנטאַקט מיט דער אויסערלעכער וועלט. ער קען נישט איינזיצן, ווייסנדיק אַז אין פּוילן געפינט זיך נאָך אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער יוגנט און פאַרטיי. ער באַשליסט, פאַר יעדן פּרייז, איינער אַליין אין דעם שווערן ווינטער, זיך דורכצובאַקומען דורך די רוסיש־דייטשישע גרענעץ־וואַכן און דערשלאָגן זיך קיין וואַרשע.

אין חודש מערץ 1940 האָב איך זיך געטראָפן מיט הערשן אין וואַרשע, ווו ער איז גלייך צוגעטרעטן העלפן אָרגאַניזירן די אונטערערדישע, פּאַרטייאיש־פּאָליטישע אַרבעט, צוזאַמען מיט די חברים: שכנא זאַגאַן, ד"ר עמנואל רינגעל־בלום, אברהם בלומשטיין, הערש וואַסער, מלך פיינקינד,שווארצבאַרד, פּאָלאַ עלסטער, לענט און אַנדערע.

זינט דאַן איז הערש'ס לעבן אינגאַנצן געווידמעט דער פּאַרטיי, דער אונ־

טערערדישער אַרבעט אין געטאָ, דעם ווידערשטאַנד קעגן אָקופּאַנט, דעם באַוואָפנטן קאַמף קעגן דעם נאַצישן רוצח. אין אַלע עטאַפּן פון אָרגאַניזירן דעם יידישן אונטערערד ביז צום גרינדן די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע פאַרנעמט ער אַ ביז גאָר אָנגעזעען אָרט. ער באַטייליקט זיך צוזאַמען מיט זיינע חברים אין באַוואָפנטן אויפשטאַנד. ער נעמט אויך, אַ יאָר שפּעטער, אָנטייל אין דעם פּוילישן אויפשטאַנד און פאַלט, צוזאַמען מיט פאָלאַ עלסטער און עלעק ערליך, מיטן רעוואָלווער אין דער האַנט.

ער איז איינער פון אונדזערע העלדן, וואָס וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן, וואָס זייער אָנדענק איז טיף איינגעקריצט אין אונדזערע הערצער און וואָס זייער גייסט לעבט און ווירקט צווישן אונדז.

ד״ר יוסף קערמיש

הערש בערלינסקי — אַ וואַגיקער מקור צו דער געשיכטע פון געטאָ־אויפשטאַנד

אין דער היסטאָריאָגראַפיע פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד לאָזט זיך נאָך אַלץ פילן אַ דוחק אין אויטענטישע יידישע מקורות, געשריבן אויף דער הייסער מינוט, ממש אין טאָג פון דאַטירן. עס האָבן זיך צום באַדויערן, עד היום נישט אָפּגעפונען די לעצטע (כראָנאָלאָגיש) טיילן פון אונטערערדישן געטאָ־אַרכיוו (רינגעלבלום־אַרכיוו), פאַרגראָבן ערב דעם אויסברוך פון אויפשטאַנד, אויפן שטח פון בערשטער־שאָפּ. הגם, מ'האָט דאָ, אויף שוויענטאָיערסקאָ 36, געפירט אַ לענגערע צייט אויסגראָבונגען — האָט מען גאָרנישט געפונען. עס פעלן דעריבער שטאַרק אויס די דאָקומענטן און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון דער דינאַמיש אָנגעלאָדענער ערב־אויפשטאַנד־תקופה. אַ ווייטערדיקע אבידה פאַר דער היסטאָריאָגראַפיע פון געטאָ־אויפשטאַנד זענען אויך די פאַרלוירנגעגאַנגענע טאָגביכער פון יוסף קאַפּלאַן, מרדכי אַנילעוויטש ווי אויך אַנדערע כתב־ידן, וועלכע זענען פאַרברענט געוואָרן בעת די שריפות אינעם געטאָ, ווי אויך בעתן פוילישן אויפשטאַנד (אויגוסט־סעפּטעמבער 1944).

דעריבער האָט אַזאַ גרויסן באַטייט יעדער איינצלנער אָפּגעפונענער נייער אויטענטישער דאָקומענט, ווייל מיט יעדן נייעם דאָקומענט פון באַגלויבטע מקורות ווערט דאָס בילד פון אויפשטאַנד, זיין פאַרלויף — בולטער, זיין כאַראַקטער — קלאָרער.

צו די וויכטיקסטע יידישע דאָקומענטן, וועלכע זענען צו אונדז אין די לעצטע יאָרן דערגאַנגען געהערן: דער סטאַטוט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון 2 דעצעמבער 1942, די זכרונות און נאָטיצן פון הערש בערלינסקי, די נאָטיצן וועגן געטאָ־אויפשטאַנד און זיין קאָמענדאַנט מרדכי אַנילעוויטש פון ד״ר עמנואל רינגעלבלום.

אַן אמתע אַנטפּלעקונג זענען די זכרונות און נאָטיצן פון הערש בערלינסקי, דעם העלדישן קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פּועלי־ציון ווי

אויך חבר פון קאָמאַנדיר־שטאַב פון דער יידישער קאַמף־אָרגאַניזאַציע. ווי איי־נער פון די אָנפירערס פון די לינקע פועלי־ציון (נאָכן צונעמען שכנא זאַגאַן בעת דער זומער־„אַקציע" 1942 איז ער געשטאַנען צוזאַמען מיט פאַלאַ עלסטער בראש פון דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פאַרטיי) האָט בערלינסקי זיך באַטייליקט אין אַלע געהיימע באַראַטונגען, וועלכע האָבן דערפירט צום אַנטשטיין פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע ווי אויך פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט. בערלינסקי האָט אויך גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין אַ ריי עקספּראָפּריאַציעס לטובת דעם באַ־וואָפענונג־פאָנד פון זיין אָרגאַניזאַציע.

אַלס קאָמענדאַנט פון דער קאַמף־גרופּע פון די לינקע פועלי־ציון האָט ער געקעמפט צוערשט אינעם בערשטער־געביט אויף שוויענטאָיערסקאַ־גאַס און שפּעטער אויף אַנדערע קאַמף־אָפּשניטן. בערלינסקי איז אויך געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנטיילנעמער פון דער רעטונג־עקספּעדיציע פון אַ גרופּע פון 60 קעמפער, וועלכע האָבן געפּרוווט נאָך דער אונטערדריקונג פון געטאָ־אויפשטאַנד זיך אַדורכרייסן דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט. בלויז אַ טייל פון זיי, דערונטער בערלינסקין, איז געלונגען אַנצוקומען אין די פּאַרטיזאַ־נישע גרופּעס אין די ווישקאָווער וועלדער. דער יידישער אונטערערד געלינגט צו ברענגען שפּעטער בערלינסקין אויף דער אַרישער זייט, וווּ ער נעמט אָנטייל אין דער אומלעגאַלער אַרבעט — און שרייבט דאָ זיינע זכרונות ווי אויך נאָטיצן.

פון בערלינסקיס כתבים איז דערגאַנגען צו אונדז דער 1־טער טייל פון זיינע זכרונות ביזן 22 יאַנואַר 1943 ווי אויך די ווייטערדיקע נאָטיצן: „דער עקס אויף דער יידישער באַנק, פעברואַר 1943", „אין טראַגישן יאָרטאָג (פון געטאָ־אויפ־שטאַנד)", „צום אָנדענק פון אַ קעמפער (אברהם דיאַמאַנט)", „דער קאַנאַל". די נאָטיצן געשריבן אויף די דערמאָנטע טעמעס זענען קורצע בילדלעך, זייער כאַראַקטעריסטישע און טרעפלעכע.

בערלינסקי איז געפאַלן צוזאַמען מיט זיינע קאַמף־חברים פאַלאַ עלסטער און אליהו ערליך בעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד אין זשאָליבאָזשער קוואַרטאַל, ווו עס האָט געקעמפט אַן אָפּטיילונג פון דער ייד. קאַמף־אָרגאַניזאַציע.

*

ווי אַן אָנטיילנעמער אין דער ערשטער קאָנפערענץ פון די יידישע אַרבעטער־פּאַרטייען (החלוץ, פועלי־ציון — רעכטע און לינקע —, בונד), וועלכע איז פאָר־געקומען ענדע מערץ 1942 אין דער פאָלקס־קיך אויף אָרלע 2, האָט בערלינסקי גוט פאַרגעדענקט איר פאַרלויף. אויפן ערשטן פּונקט פון דער טאָג־אָרדנונג איז געשטאַנען די פראַגע: פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. צום סוף פון זיין רעפעראַט אויף דער דאָזיקער טעמע האָט דער פאָרשטייער פון החלוץ (יצחק צוקערמאַן) פאָרגעלייגט שאַפן אַן אָנפירונג, וואָס זאָל צוגרייטן די פאַרטיידיקונג

פון געטאָ.אָבער דער פֿאַרשטייער פון „בונד״, אַזשעך, האָט זיך קאַטעגאָריש אַרויסגעזאָגט קעגן שאַפן אַן איינהייטלעכע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, היות „די בונדישע קאַמף־גרופּע וועט נישט איבערגעבן דער אַלגעמיינער קאַמף־אָרגאַניזאַציע איר אָרגאַניזאַציע־פֿאָרם און אירע קאַמף־צילן, ווייל דאָס זענען מיליטערישע געהיימנישן, וואָס מוזן געהאַלטן ווערן בסוד״. אַזשעך האָט גאַנץ גוט געוווסט וועגן דעם, אַז אויך אַנדערע פּאַרטייען האָבן זייערע קאַמף־גרופּן (געמיינט דעם אַנטיפאַשיסטישן בלאָק) און ס׳איז שעדלעך — לויט זיין מיינונג — פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט דאָס שאַפן אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע. הגם די פֿאַרשטייער פון אַלע פּאַרטייען האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַרן שאַפן אַ פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט, איז צוליב דער שטעלונג פון „בונד״ דער פּראָיעקט נישט געוואָרן אָנגענומען.

אין זיינע געדאַנקען און נאָכטראַכטענישן וועגן פּראָבלעם ווידערשטאַנד ברענגט בערלינסקי צום אויסדרוק נישט בלויז זיין שטעלונג אין דער דאָזיקער פּראַגע, נאָר אויך דעם אני־מאמין פון אַנדערע טרייבנדע כוחות פון ווידערשטאַנד און בעיקר פון יוגנט־אָרגאַניזאַציעס.

„זאָל זיין פֿאַרקריפּלטער קאַמף (מיט קאַלט געווער) — פֿאַרגאַטירט בערלינסקי — ווייל נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג ווי קאַמף״. בערלינסקי איז געווען זיכער, אַז אויב מ׳וועט די מאַסן אויפקלערן דעם פולן אמת, וועלן זיך געפינען עטלעכע טויזנט יונגע מענער און פרויען, וואָס וועלן דעם קאַמף אָנהויבן מיט מעסער און העק, מיט אייזן און שטעקן, מיט שוועבל און זאַלץ־זוירע. „זאָל מען דעם בלוטיקן שונא שלאָגן און ברענען״. בערלינסקי וויל, אַז מען זאָל „באַווייזן דער וועלט, אַז מיר זענען נישט געגאַנגען פרייוויליק צו דער שחיטה. זאָל אונדזער פֿאַרצווייפלטע טאַט זיין אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, וואָס האָט נישט ווי געהעריק רעאַגירט אויף דער נבלה פון די היטלעריסטישע באַנדיטן, וואָס ברענגען אויף אַזאַ אופן אום הונדערטער טויזנטער יידן.״ ער גיט זיך אָפּ אַ רעכנשאַפט אַז „נישט דער ראַטנפֿאַרבאַנד און אוודאי נישט די אַליאַנטן קאָנען אונדז אין אונדזערע שווערע גורל־שעהען פּראַקטיש העלפן. די אומלעגאַלע פּוילישע רעגירונג אין לאַנד וואָלט פּראַקטיש געקאָנט אַביסל העלפן, זי וועט אָבער נישט העלפן״. —

ביז גאָר וואָגיקע אינפאָרמאַציעס גיט איבער בערלינסקי וועגן וויכטיקן צענטער פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, וועלכער האָט זיך קאָנצענטרירט נאָך דער אַקציע אין אָ.ב.וו.־שאָפּ („אָסטדויטשע באַוווערק טישלעריי״), ווו איינער פון די הויפּטדירעקטאָרן איז געווען אלכסנדר לאַנדאַו, דער פּאַטראָן פון „השומר־הצעיר״, „דער מענטש וואָס האָט זיין פּערזענלעך לעבן און פֿאַרמעגן געשטעלט אין דינסט פון דער געזעלשאַפט, אין דינסט פון צוגרייטן די פּאַרטיידיקונג פון

וואַרשעווער געטאָ״. אין דאָזיקן שאַפּ איז געוועזן לעגאַליזירט — גיט איבער בערלינסקי — דער גאַנצער „השומר״, די גאַנצע אָנפירונג פון פּועלי־ציון־לינקע, פּפּ״ר און אַ רײ טוער פון דער יידישער אַליינהילף ווי אויך דער „עונג שבת״ (אונטערערדישער געטאָ־אַרכיוו).

בערלינסקי שטעלט זיך אָפּ באַריכות אויף דער באַראַטונג, וועלכע איז פאָרגעקומען ענדע אָקטאָבער 1942 אין לאָקאַל פון „השומר״ (מילע 61), אויף וועלכער ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן: 1) צו שאַפן די קאַמף־אָרגאַניזאַציע „כדי צוצוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ״; 2) „אָנלערנען די יידישע פּאָליציי, ווערקשוץ, שאַפּ־דירעקטאָרן, פאַרשידענע מינים פּראָוואָקאַטאָרן פאַר זייער אַרבעט״.

זייער אינטערעסאַנט איז אָנציעוודיק זענען די פּרטים וועגן די חבלי־לידה פון די „פאַרטיידיקונג־אינסטאַנצן״. די פאָרשטייער פון השומר און החלוץ זענען פאַרן שאַפן בלויז אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע אָבער די לינקע פּועלי־ציון געלינגט צו איבערצייגן די אָנטיילנעמער פון דער באַראַטונג וועגן „אומבאַדינגטן תנאי פון שאַפן נאָך איין אינסטאַנץ, וואָס זאָל פּאָליטיש ניכטער אָפּשאַצן ווען ס׳איז די פּאַסיקע צייט באַוואָפנט אַרויסצוטרעטן״.

אין חודש נאָוועמבער ווערט געשאַפן דער קאָאָרדינירן־קאָמיטעט מיטן „בונד״ און ס׳ווערט געשאַפן די הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער „יי.ק.אָ.״. גלייכצייטיק ווערט אָנגענומען דער צוזאַמענשטעל פון 20 קאַמף־גרופּן (צו 5 פּערזאָן אין יעדער גרופּע).

זייער נעבעכדיק האָט אויסגעזען אין יענער צייט די באַוואָפענונג פון דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע, בס״ה 2 רעוואָלווערן. די קאַמף־גרופּן זענען „באַוואָפנט״ בלויז מיט שטעקנס, מעסערס, אייזערנע הענטשקעס, זאַלץ און שוועבל־זויערע, נאַפט, בענזין וכד׳. „דאָס זענען אונדזערע (ערשטע) קאַמף־מכשירים — האָט פאַר־נאָטירט בערלינסקי — אָט מיט די דאָזיקע מיטלען האָבן זיך די ענטוזיאַסטן גע־נומען בויען אַ קאַמף־אָרגאַניזאַציע. „וויפל גלויבן, אידעאַליזם, מוט און אויסדויער האָבן די חברים פון דער אָנפירונג געדאַרפט פאַרמאָגן כדי צו קאָנען זיך און אַנדערע באַגייסטערן פאַרן קאַמף״.

דאָס בילד וואָס בערלינסקי גיט וועגן קאַמף קעגן די ווערקשוצן און שאַפּ־דירעקטאָרן שטייגט איבער די ידיעות, וואָס ס׳געבן וועגן דעם אַנדערע קוועלן.

בערלינסקי איז דער איינציקער מקור, וואָס אַנטפּלעקט די אינערלעכע גע־ראַנגלענישן אין דער פראַגע פון פונאַנדערטיילן די ערשטע שיקונג געווער, וואָס די קאַמף־אָרגאַניזאַציע האָט באַקומען פון דער דעלעגאַטור (פאָרשטייערשאַפט פון דער פּוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן) אין חודש דעצעמבער 1942. אויך ער בלויז ברענגט דעם גענויעם פּלאַן פון דער דעמאָנסטראַציע, וואָס די קאַמף־אָרגאַ־

ניזאַציע האָט זיך געגרייט דורכצופירן אויפן מוראַנאָווער פּלאַץ אונטער דער לאָזונג „כבוד די געפאַלענע. אַ האַלב יאָר אויסראָטונג 22.7.42 — 22.1.43.״ מיט דער דאָזיקער דעמאָנסטראַציע האָבן געזאָלט אָנפירן מרדכי אַנילעוויטש און זיינע פּאַרטרעטער בערלינסקי און מאַרעק עדעלמאַן. אָבער די נישט דערוואַר־טעטע יאַנואַר־„אַקציע״ האָט צונישט געמאַכט די צוגרייטונגען צו דער דער־מאָנטער דעמאָנסטראַציע.

אַ ספּעציעלן באַטייט האָבן די פאַרצייכענונגען וועגן יאַנואַר־ווידערשטאַנד. אַנילעוויטש האָט דעראָבערט אַ ביקס און פאַראַבעלום. בערלינסקי פאַרנאָטירט פון אַנילעוויטשעס מויל פּרטים וועגן דעם קאַמף אויף דעם ראָג זאַמענהאָף און ניסקע „ווי ער גייענדיק אין די ריי צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון די געכאַפּטע האָט אויפגעהויבן און אָנגעפירט מיטן קאַמף. איין טייל פון די עס.עס. זענען פאַר־ווונדעט אָדער טויט, די איבעריקע זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די היטלעך, און אַ טייל ס׳געווער. דאַן האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דאָס הויז, ווו ער מיט זיין גרופּע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט. מרדכי האָט זיך אַרויסבאַקומען. כ׳באַגריס אים צו זיין נצחון מיט אַ חברישן האַנט־דרוק״. בערלינסקי אַנאַליזירט די יאַנואַר־קאַמפן און ציט אַרויס אַ ריי מסקנות. די „גורדוניה״־גרופּע האָט נישט שלעכט געקעמפט און אַפילו דעראָבערט געווער (זי איז נאָך דער יאַנואַר־„אַקציע״ אָנגענומען געוואָרן אין דער קאַמף־אָרגאַניזאַציע) — דער פינאַל פון קאַמף איז פאָרגעקומען אויף ראָג זאַמענהאָף־ניסקע, ווו מרדכי מיט נאָך 2 חברים האָבן אויף אַ העלדישן אופן געקעמפט מיט די דייטשן. פאַרבאַריקאַדירט אין אַ ברעטער סקלאַד האָט ער אומצייליקע מאָל געצווונגען די עס.עס. צום ריקצוג, צונעמענדיק ביי די דייטשישע פאַרוווּנדעטע דאָס געווער, וואָס האָט ווייטער אים געדינט אין קאַמף. נאָכן אונטערצינדן דעם ברעטערסקלאַד דורך די עס.עס., איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן די פּאָזיציע. די אַנדערע 2 חברים זענען אומגעקומען אין די פלאַמען. „אויף מיינע פאַרוווּרפן וועגן... דעם נישט פּאַנאַנ־דערטיילן ס׳געווער, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט אונדזערע גרופּן אָנטיילצו־נעמען אין קאַמף, באַקום איך פון מרדכין אַן ענטפער: ס׳איז נישט קיין אונטער־שיד ווער פון די ריכטונגען ס׳האָט געקעמפט. געפירט דעם קאַמף האָט די ייק״אַ אַלס גאַנצע. דער קאַמף און די רעזולטאַטן געהערן אַלעמען גלייך. אויף מיין פאָדע־רונג וועגן אַ יושרדיקער פאַנאַנדערטיילונג פון געווער באַקום איך אַן ענטפער „מ׳קען נישט צונעמען ביי די חברים דאָס געווער וואָס זיי האָבן דערמיט גע־קעמפט. אין דער ווייטערדיקער אַרבעט וועלן די עוולות אויסגעגליכן ווערן״.

מען דאַרף צוגעבן, אַז אַנילעוויטשעס הבטחה איז מקוים געוואָרן תיכף נאָכן באַקומען (נאָך דער יאַנואַר־אַקציע) פון דער פּוילישער אונטערערד אַ נייע שיקונג פון געווער און אַמוניציע.

יוסף זיעמיאַן

די נסיעה צום בונקער

(ווי אַזוי ס׳זענען אָפּגעפונען געוואָרן די זכרונות פון הערש בערלינסקין)

דער אויפשטאַנד פון זומער 1944 איז שוין געווען פאַרענדיקט.

די אויפשטענדלער זענען אַריבערגעפירט געוואָרן אין געפאַנגען־לאַגערס אין דייטשלאַנד און די ציווילע באַפעלקערונג פון וואַרשע איז אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שטאָט און טיילוויז אויך פאַרשיקט געוואָרן קיין דייטשלאַנד. די פאַרבינדונגען פון דעם יידישן נאַציאָנאַל־קאָמיטעט Ż. K. N. זענען איבער־געריסן געוואָרן און די מענטשן פון אונטערגרונד פלעגן זיך אָפּזוכן בלויז צופעליק.

ס׳איז אַריבער אַ שטיק צייט ביז מ׳האָט זיך געקענט אומקערן צו אַ נאָר־מאַלער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אויף די געביטן אויף דער מערב־זייט פון וואַרשע. און ס׳האָט, פונקט ווי פריער, געגומען אָנקומען הילף צו די אויס־באַהאַלטענע יידן, אפילו צו די, וואָס האָבן זיך געפונען אין די סאַמע אָפּגעלעגענע באַהעלטענישן. מ׳האָט שוין אפילו אָנגעהויבן פּלאַנירן דאָס אַריבערשמוגלען יידן אויף דעם רעכטן ברעג פון וואַרשע, וואָס האָט זיך געפונען אין די הענט פון די רוסן. אומגעפער אין דער דאָזיקער צייט זענען צו אונדז דערגאַנגען ידיעות וועגן גרופּעס יידן, וואָס זענען פאַרבליבן אין די בונקערס צווישן די חורבות פון וואַרשע און וואָס האָבן זיך געפונען אין אַ כסדרדיקער סכנה צו שטאַרבן פון הונגער אָדער אַנטדעקט צו ווערן דורך די דייטשן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דורכזוכן די צעשטערטע הייזער.

אין איינעם פון די הייזער, אויף סוואַלסקאַ 21, אין דער קאָשציושקאָ־קאָלאָניע (צווישן זשאָליבאָזש און פאָוואָנזעק) האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פינף קעמפער פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד: פּאָלאַ עלסטער (עווא), הערש בערלינסקי, (יעלען), אליהו ערליך (עלעק), בלומאַ און הערש וואַסער (וואָדניצקי).

דער יידישער נאַציאָנאַל־קאָמיטעט האָט געהאַלטן, אַז מען דאַרף וואָס שנע־לער אונטערנעמען אַן אַקציע, כדי זיי פון דאָרט אַרויסצוראַטעווען.

אַלעקסאַנדער (ל. האַנדעלסמאַן) האָט אַנגעקניפּט אַ פאַרבינדונג מיט אַ דייטש, אַ זעלנער פון דער „ווערמאַכט״, אַ שאָפער פון אַ מיליטערישן לאַסט־אויטאָמאָביל. ער האָט אים דערציילט אַ בבא־מעשה וועגן אַ פאַרבאַהאַלטענעם ווייַן־סקלאַד, וואָס געפינט זיך אין וואַרשע און וועגן עטלעכע חברים, וואָס געפינען זיך שוין אין אים, כדי צוצוגרייטן די סחורה אין וועג אַריין. דער דייטש האָט זיך שטאַרק אָנגעכאַפּט אין דעם דאָזיקן „געשעפט״ און האָט מסכּים געווען צו פאָרן מיט אַ לאַסט־אויטאָ קיין וואַרשע. אין דער מיליטער־קאָמענדאַנטור אין װלאָכי האָט ער אַרויסבאַקומען אַן איינפאָר־שיין אין שטאָט אַריין פאַר זיך און פאַר בלויז נאָך 5 „פּאַליאַקן״.

ס׳איז אויסגעאַרבעט געוואָרן אַ גענויער פּלאַן פון דער נסיעה. איך און אַלעקסאַנדער האָבן געדאַרפט אָנקומען מיטן דייטש אויף סוואָלסקאַ און אַרויס־נעמען פון דאָרט דריי מענטשן. פאַר די אַנדערע צוויי, וואָס האָבן געדאַרפט וואַרטן ביז מיר וועלן צוריקקומען, האָבן מיר אָנגעגרייט עסן און וואַסער.

ס׳איז אויך פון פאַרויס צוגעגרייט געוואָרן אַ תירוץ, אַז דער ווייַן־סקלאַד איז שוין פריער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַנדערע דייטשן און אינגאַנצן אויסגעליידיקט געוואָרן. די דאָזיקע שפּיל איז געווען זייער אַ געפערלעכע. פון באַראָווסקין (ד״ר בערמאַן) און באַשען (בערמאַן) האָבן מיר באַקומען אַ גענויעם פּלאַן פון בונקער און אַלע נויטיקע דערקלערונגען און דעם 2טן יאַנואַר 1945 האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. ביים אַריינפאָרן אין שטאָט זענען די דורכ־פאָר־שיינען קאָנטראָלירט געוואָרן. ביים ווייטערדיקן פאָרן איז אונדז קלאָר גע־וואָרן, אַז דורך זשאָליבאָזש איז אוממעגלעך צוצוקומען אין אַן אויטאָ אויף סוואָלסקאַ: די גאַסן זענען געווען דורכגעשניטן דורך ראָוון קעגן טאַנקען. מיר האָבן געפּרוווט זיך אַדורכצוקריגן צופוס, זענען אָבער אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ באַנדע שכורע אוקראַינישע זעלנער, וואָס האָבן אונדז געדראָט צו שיסן און בלויז אַדאַנק דעם, וואָס „אונדזער״ דייטש האָבן זיך אַריינגעמישט, זענען מיר ניצול געוואָרן פון טויט.

שעה׳ענלאַנג זענען מיר אַרומגעפאָרן. מיר האָבן געמוזט מאַכן אומוועגן און אויסמיידן ערטער, אויף וועלכע ראָוון און באַריקאַדעס האָבן פאַרשטעלט דעם וועג. צום סוף האָבן מיר זיך דערשלאָגן צו דער קאָשציושקאָ־קאָלאָניע דורך דעם וועג איבער פּאָוואָנזעק. דער דייטש איז פאַרבליבן ביים אויטאָ און מירביידע זענען אַוועק זוכן דעם „ווייַן־סקלאַד״. באַלד זענען מיר דערגאַנגען צום קליינעם הייזל, אין וועלכן ס׳האָט זיך געפונען דער בונקער. דאָס הייזל איז גע־ווען צעשטערט און פאַרברענט. אַלעקסאַנדער איז פאַרבליבן שטיין פאַרן טויער

אויף אָבסערוואַציע און איך האָב זיך גענומען אַראָפּרוקן אין קעלער אַרײַן דורך די צעבראָכענע שטיגן. כ׳האָב גלײַך געפֿונען דעם אַרײַנגאַנג צום בונקער. די בעטאָן־קלאַפּע איז געווען אַרויסגערוקט און האָט אָפֿן געמאַכט דעם אַרײַנגאַנג. דאָס האָט מיר תּיכּף גענומען אויסקוקן פֿאַרדעכטיק. כ׳האָב זיך אַרײַנבאַקומען אינעווייניק. דער בונקער האָט אויסגעזען ווי אַ שלאַכטפֿעלד: דער אויף אַ העלפֿט אַרויסגעריסענער סופֿיט און די שטאַרק צעשעדיקטע ווענט האָבן עדות געזאָגט, אַז דאָ איז פֿאָרגעקומען אַ קאַמף. אויף דער ערד האָבן זיך געוואַלגערט צעוואָרפֿענע זאַכן. פֿון אַלע ווינקלעך האָט זיך אַרויסגעפֿילט פּוסטקייט און טויט.

כ׳האָב זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זײַטן, טאָמער וועל איך דאָך געפֿינען עפּעס אַ סימן פֿון לעבן. נאָך דער גרויסער שפּאַנונג פֿון די טעג, ווען כ׳האָב צוגעגרייט די נסיעה, נאָך די געפֿאַרן פֿון דער אונטערנעמונג גופֿא, האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ גלײַכגילט און אַן אומאַפּהענטיקייט. פֿון דעם דאָזיקן צושטאַנד האָט מיך אַרויסגעריסן אַ רוף פֿון אַלעקסאַנדערן — אַן אָפּגערעדטער סימן אין פֿאַל פֿון אַ סכּנה. די צײַט האָט געיאָגט, מ׳האָט געמוזט וואָס שנעלער פֿאַרלאָזן דעם בונקער. כ׳האָב געוואָרפֿן אַ לעצטן בליק אויף צוריק און פּלוצים האָב איך, צווישן די צעוואָרפֿענע זאַכן, דערזען צוויי העפֿטן, פֿון וועלכע ס׳האָבן אַרויסגעשריִען יידישע אותיות (דאָס זענען, ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, געווען די זכרונות פֿון הערש בערלינסקין). כ׳האָב אויף דער שנעל אַ כאַפּ געטאָן די העפֿטן, זיי פֿאַרבאַהאַלטן אונטער מײַן העמד. כ׳האָב פֿאַרײַנוועגס אַ כאַפּ־געטון אַ שטעק־שוך און אין איין שפּרונג בין איך שוין געווען אויפֿן הויף.

אַרויסגייענדיק אין דער ריכטונג פֿון דעם טויער, האָב איך מיט מײַנע אויגן דערזען אַ שוידערלעך בילד: אינעם גערטנדל, נעבן דעם פּלויט, זענען געלעגן דרײַ טויטע קערפּערס באַדעקט מיט שניי. נישט געווען קיין צײַט בענטער נאָכצוזוכן. די זאַך איז געווען אַ קלאָרע. מיט אַ האַנט־באַוועגונג האָב איך געוויזן אַלעקסאַנדערן, אַז ס׳איז דאָ מער נישטאָ קיין לעבעדיקע נשמה.

מיר זענען צוריקגעגאַנגען צום אויטאָ. לויטן פֿאַרויסגעזעענעם פּלאַן האָבן מיר אויפֿגעקלערט דעם דײַטש, אַז אַנדערע זענען אונדז פֿאַרלאָפֿן דעם וועג און האָבן אויסגעגראָבן דעם ווײַן־סקלאַד. דער דײַטש האָט געמאַכט אַ ביטערע מינע. אינגאַנצן פֿאַרצווייפֿלטע זענען מיר מיט אים צוריקגעפֿאָרן קיין וולאָכי.

דעם באַריכט וועגן דער נסיעה ווי אויך די העפֿטן און דעם שטעק־שוך האָבן מיר איבערגעגעבן באַראָווסקין פֿאַר דעם אַרכיוו פֿון דעם ייִדישן נאַציאָנאַל־קאָמיטעט. לאַנג האָט מען נאָך שפּעטער אַרומגערעדט די דאָזיקע רעטונגס־נסיעה, וואָס איז לײדער געווען אַן אומזיסטע.

ערשט נאָך דער מלחמה איז מיר דורך וואַסערן באַקאַנט געוואָרן, אַז דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן דעם 27טן סעפּטעמבער 19444 און אַז פּאַלאַ

עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך זענען געפאַלן אין קאַמף. וואָסער און זיין פרוי האָבן באַוויזן זיך צו באַהאַלטן און זיך אַרויסצובאַקומען אין דער נאַכט קיין וואַרשע.

אמת איז, אַז די דאָזיקע רעטונגס־אַקציע פון יאַנואַר 1945 איז געווען אַן אומזיסטע, אָבער מיר האָבן דאַן נישט געוווסט, אַז דער בונקער איז אַנטדעקט געוואָרן. און דאָך איז דער פאַקט, אַז מיר האָבן באַוויזן אַרויסצוקריגן פון דאָרט די זכרונות פון בערלינסקין, אַ באַוויז, אַז יענע געפערלעכע נסיעה האָט דאָך געהאַט אַ זין.

באַמערקונג פון רעדאַקציע:

אין דעם בוך „יומן במחתרת" (טאָגבוך פון דער אונטערערד) פון באַשע טעמקין־בערמאַן, וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם „בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון", ווערט דערציילט אויף די זייטן 222—221, אַז יוסף זיעמיאַן (יוזיא) האָט פון דעם בונקער אויף סוואָלסקאַ אַרויסגענומען „טשענסטאָכאָווער סקע" ד. ה. יידישע (איינער פון די פאַרשטעלטע נעמען אויף יידישע, מיט וועלכע מען האָט זיך באַנוצט אין יענער צייט) העפטן, געשריבן דורך וואָדניצקין (פסעוודאָנים פון הערש וואַסערן).

אין זיין בריוו צום „בית לוחמי הגיטאות ע"ש יצחק קצנלסון" פון 1963.9.9 שרייבט וואַסער: „...איך דאַרף אונטערשטרייכן, אַז די העפטן, וואָס יוזיא האָט איבערגעגעבן פאַרן אַרכיוו פון יידישן נאַציאָנאַל־קאָמיטעט, זענען נישט געווען מיינע. מיין טאָגבוך האָב איך געשריבן אין פויליש. בלויז הערש בערלינסקי, דער איינציקער צווישן אונדז פינף, האָט זיינע זכרונות געשריבן אין יידיש. איך בעט אייך צו פאַרריכטן דעם טעות ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט".

דערמיט איז מער קיין צוויפל נישט פאַרבליבן, אַז די אָפּגעפונענע העפטן אַנטהאַלטן די זכרונות פון הערש בערלינסקין.

מרדכי ברקאי

נאָך 20 יאָר ווערט צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט דער טאָגבוך פון בונקער פון הערש בערלינסקי

אין יאָר 1945, עטלעכע וואָכן נאָכדעם ווי די מלחמה איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט אַ קליינע גרופּע פון די רעשטלעך פון די יידישע קעמפער אין וואַרשע דורכגעפירט אַ סיסטעמאַטיש דורכזוכן צווישן די חורבות, אויף אַ באַגרענעצטן שטח פון דער אַנדערער זייט ווייסל. זי האָט איבערגעקערט שטיינער, געגראָבן ערד, ביז זי האָט געפונען דאָס, וואָס זי האָט געזוכט: דעם צייטווייליקן קבר פון דריי, וואָס זענען געפאַלן אין דער לעצטער פאַזע פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין דער הויפטשטאָט פון פוילן, אין אויגוסט 1944.

די עצמות זענען אויסגעגראָבן געוואָרן און די דריי זענען לויט זיכערע סימנים אָפיציעל אידענטיפיצירט געוואָרן ווי פּאָלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך. זיי זענען געבראַכט געוואָרן צו זייער אייביקער רו מיט גרויס כבוד אין איינעם פון די ערשטע צערעמאָניאַלן פון דעם מין, וואָס זענען איינגעאָרדנט געוואָרן אין פוילן נאָך איר באַפרייאונג.

עפּעס מער ווי צוויי יאָר פריער, אין דער צייט צווישן דעם סוף פון געטאָ־אויפשטאַנד און דעם אויסברוך פון דעם אַלגעמיינעם אויפשטאַנד אין וואַרשע, האָט זיך בערלינסקי געפונען אין דעם „אַרישן" טייל פון דער שטאָט און צווישן איין אונטערערד-אַקציע און דער צווייטער איז ער געזעסן איינגעגראָבן אין אַ פאַרקאָנספּירירטער באַהעלטעניש און האָט געשריבן בלעטער עדות, זייענדיק פולשטענדיק זיכער, וואָסער סוף עס דערוואַרט אים און האָבנדיק דעם פולן באַוווסטזיין, אַז ער שרייבט פאַר דער געשיכטע, ווייל דאָס, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט זיין קלאָרער האַנטשריפט אויף בלעטלעך פון אַ שול-העפט — אויב עס וועט אַמאָל אַנטפּלעקט ווערן — וועט געלייענט ווערן ווייט פונעם אָרט, ווו עס איז געשריבן געוואָרן און פון דער צייט, ווען עס איז געשריבן געוואָרן און וועט דערציילן פּרטים, וואָס אַנדערע האָבן אפשר נישט באַוויזן צו דערציילן.

„יד ושם“ גרייט איצט צו דאָס פאַרעפנטלעכן פון אויטענטישע, ביז היינט אומבאַקאַנטע דאָקומענטן וועגן דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד. איינער פון די וויכטיקסטע דאָקומענטן, אויב נישט דער וויכטיקסטער פון זיי, איז אָט די זאַמלונג פון עדות־בלעטער פון הערש בערלינסקי.

בערלינסקי איז נישט געווען קיין עסקן. ער איז נישט געווען קיין היסטאָריקער. ער איז נישט געווען קיין צענטראַלע פיגור צווישן דער חלוצישער יוגנט. ער איז געווען אַ וועבער פון לאָדזש. קיין וואַרשע איז ער, זעט אויס, געקומען אַ קורצע צייט נאָכדעם ווי פוילן איז אָקופירט געוואָרן. מיט דעם אַנטשטיין פון געטאָ אין דעם דאָזיקן קאָנצענטרירטן יידישן קיבוץ, וואָס איז געווען דער גרעסטער פון אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען אויף די אָקופירטע שטחים, איז ער געוואָרן דער נאַטירלעכער אָנפירער פון דער יוגנט און פון די אַרבעטער פון זיין באַוועגונג — פון די לינקע פועלי־ציון. מעגלעך, אַז ער האָט אַמאָל געדינט אין דער פוילישער אַרמיי.[20] מען קען נישט וויסן. מעגלעך אַז ער האָט אָנטיילגענומען אין אַ קורס פון זעלבסטפאַרטיידיקונג, וועלכן ס׳האָבן אָפגעהאַלטן ארץ־ישראלדיקע שליחים אין דער געגנט פון וואַרשע דעם לעצטן ווינטער פאַרן אויסברוך פון דער מלחמה. ס׳זענען נישט פאַראַן דערויף קיין באַווייזן.[21]

ווי ס׳זאָל נישט זיין, האָט ער אָנטיילגענומען אין אויפשטעלן די „יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע“, האָט דורכגעפירט באַוואָפנטע אַקציעס און „עקספּראָפּריאַ־

---

[20] בערלינסקי האָט יאָ געדינט אין דער פוילישער אַרמיי (זע אַרטיקל פון יעקב קענער אויבן).

[21] אין זיין בוך „חורבות דערציילן“ (לאָדזש, 1947) ברענגט ב. מאַרק אַ גבית עדות פון דעם אָפגעראַטעוועטן חבר פון פועלי־ציון, דעם סטאָליער־אַרבעטער יצחק ראָסאַ „וועגן דעם אינערלעכן לעבן פון די קאָנספּיראַטיווע קרייזן פון די לינקע פועלי־ציון“... „...אין וואַרשעווער געטאָ בין איך געווען ביז זומער 1942... די געהיימע אָרגאַניזאַציע פון די לינקע פועלי־ציון איז געווען איינגעטיילט אין גרופקעס. די קרייזן זענען געווען אָרגאַניזירט לויט גאַסן. אַלע פאַרטייען פון אַ געוויסער גאַס האָבן געהערט צו איין קרייז. צו מיין קרייז האָט געהערט: דער סטאָליער זשאַמסקי, דער סטאָליער דוד לוסטער, ער האָט געוווינט אויף נאַוואָליפּיע און געשטאַמט פון ביאַלע־פּאָדלאַסקי. די אַנדערע נעמען געדענק איך נישט. פון דער צענטראַלע איז צו אונדז געקומען דער חבר לאַזער סטאָליער. שוין אין יאָר 1941 האָט מען אין אונדזער קרייז, און אויך אין אַנדערע קרייזן, גענומען לערנען, ווי זיך צו באַגיין מיט געווער. אויפן קרייז האָט מען געבראַכט אַ ביקס. די מיליטערישע איבונגען זענען פאַרגעקומען אין אַ ליידיקער דירה אויף פראַנצישקאַנער 30 ור׳ 44. אויף איין טרעפונג האָט חבר לאַזער סטאָליער דערקלערט, אַז מען טרעט צו צו אָרגאַניזירן פאַרטיזאַנער־גרופּן און זיי שיקן אין וואַלד. דער גורל איז געפאַלן אויף מיר. מיר זענען אַוועק אין די וולאָדאַווער וועלדער“. דער ווייטערדיקער לעבנס־לויף פון יצחק ראָסאַ איז שוין פאַרבונדן מיט דער פאַרטיזאַנער־באַוועגונג („חורבות דערציילן“, זייט 61).

ציעס" אָנהויבנדיק פֿון יאַנואַר 1943. צום אויפֿשטאַנד איז ער שוין געווען אַ מיט־גליד פֿון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור, וואָס איז באַשטאַנען פֿון פֿינף חברים, און אָנפֿירער פֿונעם רעסאָרט פֿאַר פּלאַנירונג (אַקציעס, לויט די הײַנטיקע באַגריפֿן) און אינעם אויפֿשטאַנד גופֿא האָט ער אָנגעפֿירט מיט דער גרופּע קעמפֿער, וואָס איז באַשטאַנען פֿון חברים פֿון די לינקע פּועלי־ציון.

ווען דער אויפֿשטאַנד האָט זיך געהאַלטן אין פֿאַרענדיקן, האָט ער זיך געפֿונען צווישן די 32 קעמפֿער, וועלכע האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג, מיט געווער אין האַנט, דורך די קאַנאַליזאַציע־רערן, פֿון דעם געטאָ אויף דער אַרישער זײַט זענען אַרויס דורך דער עפֿענונג פֿון קאַנאַל און אַוועק אויסער דער שטאָט אין אַן איבערגעדעקטן לאַסט־אויטאָ, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך דעם פּוילישן קאָמוניסטישן אונטערערד. אַ געוויסע צײַט האָט ער געקעמפֿט אין די פּאַרטיזאַנער־רייען אין די וועלדער, וואָס אַרום וואַרשע, און אין דער נאָענט פֿון בוג. דערנאָך איז ער פֿונדאַסניי גערופֿן געוואָרן אין דעם „אַרישן" טייל פֿון וואַרשע און דאָרט, אינעם בונקער פֿון די לינקע פּועלי־ציון, האָט ער, אַ דערמוטיקטער דורך ד״ר אַדאָלף בערמאַן, אָנגעהויבן צו שרײַבן די עדות־בלעטער זײַנע.

ער האָט געשריבן ייִדיש, מיט העברעיִשע אותיות. צי צוליב עקסטרעמען „ייִדישיזם", צי צוליב אומקענטעניש, האָט ער די העברעיִשע ווערטער אויך געשריבן פֿאָנעטיש. זײַנע זכרונות זענען „זיכרויִנעס" און די חברים — „כאַווייִרים"; חורבות זענען "כורוועס" און קבר — "קייווער".

זײַן האַנט איז געווען געניט צו פֿירן אַ וועבער־שליטל און נישט צו שרײַבן מיט אַ פֿעדער. ער האָט נישט אַכטונג געגעבן נישט אויף די כּללים פֿון סינטאַקס און נישט אויף דער פּונקטאַציע, אָבער ער איז באַגאַבט געווען מיט פֿולע הויפֿנס פֿון שרײַבערישע פֿעיִקייטן. זײַנע באַשרײַבונגען זענען רײַכע און ווונדערלעך אויסשעפּנדיקע. צווישן די שורות אַנטפּלעקט זיך אויך זײַן כאַראַקטער: אַ מענטש, אַ פֿאַרהעלטנישמעסיק יונגער — בעתן אויפֿשטאַנד איז ער אַלט געווען 35 יאָר — אָבער אַן אָרנטלעכער, רייִנער, מיט אַ הייס האַרץ און אַ ברויזנדיקן טעמפּעראַ־מענט. ער איז געווען פֿעסט אין זײַן מאַרקסיסטישן גלויבן. וועגן ערשטן מײַ און וועגן די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַרייִנען האָט ער געשריבן מיט אַ הייליקן ציטער. דערבײַ איז ער געווען אַ פֿולער ייִד, אַ דורכגעזאַפּטער מיט פֿאָלקסטימלעכער וואַר־צלדיקער טראַדיציע. די חברים זײַנע האָט ער ליב געהאַט אָן אַ גרענעץ און דעם שונא האָט ער פֿײַנט געהאַט שנאת־מוות.

„די זכרונות זענען געשריבן געוואָרן אַ יאָר און מער נאָך די געשעענישן" — שרײַבט בערלינסקי און גיט גלײַך צו, אַז ער האָט פֿאַרשריבן נאָר זאַכן, וואָס ער האָט גענוי געדענקט, אָבער אַזעלכע זאַכן, וואָס „זענען נישט געבליבן 100% אין זײַן זכרון האָט ער אין גאַנצן נישט באַשריבן". דער ערשטער טייל פֿון די

זכרונות נעמט אַרום די תקופה פון די ערשטע פּלענער וועגן דעם באַוואָפנטן אויפשטאַנד ביז דעם קעגנשטעלן זיך די גירושים אין די טעג פון 18—21 יאַנואַר 1943. דער צווייטער טייל דערציילט וועגן די ערשטע אַקציעס, פון דער „יאַנואַר־אַקציע" ביזן 10טן מאַי, דעם טאָג, ווען ער האָט זיך אַרויסגעקריגן פון די קאַנאַליזאַציע־רערן און איז אָנגעקומען אין די וועלדער. דער דריטער טייל דערציילט וועגן דעם קאַמף אין די וועלדער.

דער ערשטער טייל איז דער איינציקער,וואָס איז אָפּגעפונען געוואָרן. די אַנדערע טיילן זענען צו „יד ושם" נישט דערגאַנגען און מען ווייס נישט, צי זיי זענען בכלל געפונען געוואָרן.

דערפאַר אָבער זענען פאַראַן פולע אַנדערע קורצע נאָטיצן, וואָס צייכענען זיך אויס מיט זייער אייגנאַרטיקייט צווישן די אויטענטישע דאָקומענטן פון די טעג פון אויפשטאַנד.

ווי אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער געדאַנק פון ווידערשטאַנד? ווי אַזוי געווינען די הערצער פון די מאַסן? ווי אַזוי דערקלערן זיי דעם אמת? אויב מען וועט עפענען די אויגן, אויב מען וועט אַראָפּרייסן דעם שלייער... „וועלן זיך געפינען עטלעכע טויזנט יונגע מענער און פרויען, וואָס וועלן דעם קאַמף אָנהייבן מיט מעסער און העק, מיט אייזן און שטעקן, מיט שוועבל און זאַלץ־זוירע... מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, אַז אונדזער באַוואָפנטנג אַנטקעגן דעם שונא איז גלייך ווי אַ פליג צו אַ העלפאַנט. נישטאָ קיין אַנדער אויסוועג... זאָל מען באַווייזן דער וועלט, אַז מיר האָבן זיך פאַרטיידיקט, אַז מיר זענען נישט געגאַנגען פרייוויליק צו דער שחיטה. זאָל אונדזער פאַרצווייפלטער טאַט זיין אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, וואָס האָט נישט ווי געהעריק רעאַגירט אויף דער נבלה פון די היטלעריסטישע באַנדיטן, וואָס ברענגען אום אויף אַזאַ שענדלעכן אופן הונדערטער טויזנטער יידן"...

נאָך סוף מערץ 1942 איז אין דער פאָלקס־קיך אויף אָרלע 2 פאָרגעקומען די ערשטע באַראַטונג. ס'איז גערעדט געוואָרן וועגן ווידערשטאַנד פון געטאָ. די פאָרשטייער פון „בונד" זענען געווען קעגן אויפשטעלן אַ פאַרייניקטע קערפּערשאַפט. אַלע אַנדערע אַנטיילנעמער זענען געווען פאַר אַ געמיינזאַמען כוח.

די „גרויסע אַקציע" פון זומער 1942, אין וועלכער מער ווי דריי הונדערט טויזנט יידן זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פון געטאָ, האָט אויפגעטרייסלט די מנהיגים. ס'איז פאָרגעקומען אַ צווייטע באַראַטונג. ס'זענען אויפגעשטאַנען צוויי עסקנים. איינער האָט געהאַלטן, אַז מע דאַרף וואַרטן אויף אַ נס. דער צווייטער — אַז כל זמן ס'איז נאָך נישטאָ קיין זיכערקייט, אַז מ'וויל בפירוש אומברענגען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק, טאָר מען נישט שטעלן אין געפאַר, טאָר מען זיך נישט קעגנשטעלן מיט געווער. די פאָרשטייער פון דער יידישער יוגנט האָבן זיך מיאש

געווען פון דער אָפיציעלער אָנפירערשאַפט, זיי האָבן פאַרלאַנגט אויפצושטעלן אַן איבערפּאַרטייאישע „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״.

די לעצטע טעג פון אָקטאָבער 1942 — אַ דעצידירנדיקע באַראַטונג. אַ באַ־שלוס וועגן גרינדן אַ „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״, וועגן גרינדן דעם „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״ ווי אַ דאַך־אָרגאַניזאַציע און וועגן גרינדן אַ „קאָאָרדינירקאָמיסיע״ צווישן די ציוניסטיש־חלוצישע באַוועגונגען און דעם „בונד״.

סוף נאָוועמבער. די הענט פון די קעמפער האָבן טיף געריירטע געגלעט דאָס ערשטע געווער, וואָס מ׳האָט געקריגן פון דעם פּוילישן אונטערגרונט.

ס׳דערנענטערט זיך יאַנואַר 1943. פון בערלינסקיס בלעטלעך אַנטפּלעקט זיך — ווי אַן ערשטער און איינציקער דאָקומענט — אַ פּלאַן, וואָס די „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״ האָט געגרייט, כדי אויפצושטורעמען די באַפעלקערונג פון געטאָ און אַדורכפירן אַ דעמאָנסטראַציע צום האַלבן יאָר פון דער זומער־אַקציע.

די דאַטע איז באַשטימט געוואָרן אויף פרייטיק צונאַכטס, דעם 22סטן יאַנואַר 1943. דער אָנפירער פון דער אַקציע האָט געדאַרפט זיין מלאכי (דער סינאָנים פון מרדכי אַנילעוויטש), זיינע פאַרטרעטער — „יעלען״ (אויף פּויליש: הירש, דער צונאָמען פון הערש בערלינסקי) און מאַרעק עדעלמאַן פון „בונד״. דער פּאַרקאַן פון מוראַנאָוו־פּלאַץ ווערט דעקאָרירט מיט קרענץ און לאָזונגען („אַ האַלב יאָר אויסראָטונג״, „כבוד די געפאַלענע״). קאָמענדאַנט פון מוראַנאָוו־פּלאַץ (דאַרף זיין) מאַרעק. די גאַסן מוראַנאָווסקי און מילע ווערט באַהערשט דורך „יעלענ״ען מיט זיינע גרופּן, די גאַסן נאַלעווקי, גענשע און זאַמענהאָף דורך מרדכין מיט זיינע גרופּן...״

ס׳איז באַשלאָסן געוואָרן צו פאַרהאַלטן יעדן יידישן פּאָליציאַנט, צו דערקלערן אים דעם ציל פון דער אַקציע, אַראָפּציען פון אים זיין אוניפאָרם, אים אָנבויקערן די ביינער און דאַן אָפּלאָזן אַהיים. דאָ איז אויפגעשווומען די פראַגע: וואָס טוט מען מיט די דריי יידישע פּאָליציאַנטן, וואָס געהערן צום אונטערערד? מ׳קען דאָך זיי נישט דעמאַסקירן דורכדעם, וואָס מ׳וועט לגבי זיי אַרויסווייזן אַ בעסערע באַציונג. איז באַשלאָסן געוואָרן צו טאָן דאָס פאַרקערטע, צו באַגיין זיך מיט זיי האַרב, צו פאַרהאַלטן זיי און איינשפּאַרן זיי. אַלץ איז געווען גרייט.

אָבער די ווינטער־אַקציע איז געקומען. אין אַ מיליטערישער אַקציע פון פאַרשטאַרקטע כוחות פון ס.ס. זענען פון געטאָ אַרויסגעטריבן געוואָרן קרוב צען טויזנט מענטשן. ס׳איז נישט פאָרגעקומען קיין דעמאָנסטראַציע. ס׳איז געשען עפּעס אַנדערש.

בערלינסקי קומט צו אַנילעוויטשן. ער רייסט זיך אַריין מיטן אַן אוממעכטיקן כעס: „פאַרוואָס גייט מען נישט אַרויס מיט געווער? פאַרוואָס צעטיילט מען

נישט אַלעמען געוועזן?" ווער נאָך ווי אַניעלעוויטש האָט געוווּסט, אַז עס איז קיין געווער פֿאַר אַלעמען נישט געווען.

20סטער יאַנואַר. די אַקציע איז אין איר פֿולן גאַנג. יידן זענען קאָנצענטרירט אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ אַרויסגעשיקט צו ווערן. פֿון זיין באַהעלטעניש אין אַ בוי־דעם־שטיבל, אין איינעם פֿון די הייזער, זעט יצחק צוקערמאַן („אַנטעק") מרדכין [22] צווישן די, וואָס זענען באַשטימט אַוועקגעשיקט צו ווערן צום טויט. ער איז דערשיטערט. וואָס איז געשען? פּלוצים אַ מהומה, שאָסן, געוואַלטן.

מרדכי כאַפּט אַרויס דאָס געווער פֿון דעם זשאַנדאַרם, וואָס שטייט נאָענט פֿון אים, ער שיסט — אַנדערע טוען נאָך זיין ביישפּיל. ס'לויפֿט אָן אַ פֿאַר־שטאַרקונג פֿון ס.ס. מרדכי און זיינע מענטשן פֿאַרבאַריקאַדירן זיך אין אַ סקלאַד פֿון האָלץ. ס'צעפּלאַקערט זיך אַ שלאַכט. די דייטשן ציען זיך צוויי מאָל צוריק. דערנאָך הויבן זיי אָן אונטערצוצינדן דעם סקלאַד, וואָס ווערט פֿאַרברענט. צוויי קעמפֿער געפֿינען דעם טויט אין די פֿלאַמען. אַנילעוויטשן געלינגט צו אַנטלויפֿן.

נאָך דעם זעלבן טאָג טרעפֿט זיך בערלינסקי מיט אַנילעוויטשן. דער קאָמענדאַנט פֿון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע" ווייזט אים דאָס געווער, וואָס ער האָט דעראָבערט ביי די דייטשן: אַ מאַוזער־ביקס און אַ פֿאַראַבעלום־רעוואָלווער. ער דערציילט אויך וועגן אַ מאַשין־געווער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן. די בחורים קענען זיך שווין מיט אים באַנוצן. בערלינסקי נעמט זיין האַנט און דריקט זי מיט וואַרעמקייט.

דער לעצטער טאָג פֿון דער אַקציע. „...אַ נעפּלדיקער טאָג.. דאָס געטאָ זעט אויס ווי אַ שלאַכטפֿעלד... פֿאַרשידענע פֿאָרמאַציעס באַזעצן די גאַסן, צווישן זיי ספּעציעלע פּיאָנערן־אָפּטיילונגען מיט אויפֿרייס־מאַטעריאַל... היינט קען מען נישט בלויז מיט אַ געשריי צווינגען די יידן צו גיין אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ. היינט איז ווייניק אַ טופּע צו טאָן מיטן פֿוס אויפֿן ערשטן שטאָק, כדי מענטשן זאָלן פֿאַר פּחד אַראָפּלויפֿן פֿון דריטן שטאָק און שטעלן זיך אין דער ריי. היינט מוז מען זוכן און זוכן פֿאַרזיכטיק, ווייל פֿון ערגעץ אַ באַהעלטעניש קען אַרויסשפּרינ־גען אַ באַיאָנעט און שיסן. ...צום ערשט גייט מאַשין־געווער, דאַן האַנט־גראַנאַטן, דערנאָך פּיאָנער, ס.ס.־וואָפֿן און צום סוף ס.ס. פּאַוואָלינקע, שטיגעלע ביי שטיגעלע, פֿון קעלער ביזן בוידעם און ס'הויז ווערט באַזעצט. פֿון הויז צו הויז און דאָס געטאָ ווערט „דעראָבערט"...".

דערמיט ווערט פֿאַרענדיקט דער ערשטער — און דער איינציק פֿאַרבליבענער — טייל פֿון בערלינסקיס זכרונות. וויטער באַקומען דאָס וואָרט די פֿיר קורצע פֿאַרצייכענונגען.

---

[22] מרדכי אַנילעוויטש.

ד ר י י

פעברואַר 1943. די „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", וואָס גרייט זיך פּיבער־האַפט צום באַוואָפנטן אויפשטאַנד, דאַרף געווער. געווער קאָסט געלט. די קאָמענדאַנטור באַשליסט אויסצופירן אַן עקספּראָפּריאַציע איבער דער באַנק פון יודענראַט אויף נאַלעווקי 37. דער אָנפירער פון דער אַקציע — יעלען — דאָס הייסט הערש בערלינסקי. צען מאַן באַטייליקן זיך אין איר, צווישן זיי — מיידלעך.

„...מיטאָג־צייט מאַרשירן מיר אָפּ צו דער אַקציע דורך פּאַרשיידענע וועגן און דורכגענג. דאָס טויער ווערט באַשטעלט דורך צוויי פאַרקליידטע יידישע פּאָליציאַנטן. זיי אינפאָרמירן די אינטערעסאַנטן, וואָס ווילן אַרויפגיין אין באַנק, אַז אין באַנק זענען דאָ דייטשן. אויף דער גאַס שפּאַצירט זיך טאָוואַ און אַבסערווירט צי ס׳קומען נישט אַן קיין דייטשן. אויף די שטיגן שטייט מירקאַ מיט צוויי קעסלען פון עסן, פון אינעווייניק — זעק אויף געלט.

„זעקס חברים זענען מיר אַריין אין באַנק. דוד שיסט אויס אין דער לופטן. דער עולם — עטלעכע צענדליק מאַן — הויבן אויף די הענט און לייגן זיך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע. אַלע שליסלען ווערן צוגענומען. דער טעלאָפן אויסגעשאַלטעט. דער קאַסירער און באַנק־דירעקטאָר ווערן אויפגעפאָדערט אויפצושליסן די קאַסע. ס׳גלוסט זיך זיי נישט עפענען די קאַסע. מיטן מאָמענט ווען ס׳האָבן אַ בלישטשע געטאָן אונדזערע נייע מאַשינדלעך, האָבן זיי גלייך די קאַסע געעפנט. ביים באַוואַכן דעם גרויסן זאַל הער איך ווי אין באַנק־אָנגעשטעלטער זאָגט צום צווייטן: „אַוואַ, אַ באַנדיטן־אָנפאַל אין מיטן העלן טאָג". און דאָ האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און אויפגעדעקט די קאָרטן: „מיינע הערן, מיר זענען נישט קיין באַנדיטן. מיר פירן אַ קאַמף מיט די דייטשן. דעם קאַמף מוז מען פירן מיט געווער אין האַנט. מיר דאַרפן האָבן געלט אויף געווער און דעריבער פירן מיר אַדורך עקסן. קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט. מיר פאַרלאַנגען פון אייך נאָר רויק זיך פאַרהאַלטן. דאָס פאָדערט סיי אייער פּערזענלעכער, סיי דער אַלגעמיינער אינטערעס. קיינעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט גערירט ווערן. אַחוץ דער באַנק־קאַסע וועלן מיר גאָרנישט רירן".

זיי האָבן גענומען דאָס געלט. אויף דער גאַס, ביי דער טיר, האָט געוואַרט מירקאַ מיטן קעסל, און אין דעם קעסל —— זעק. דאָס געלט איז אַריינגעלייגט געוואָרן אין די זעק.

„אויף נאַלעווקעס גייען צוויי חברטעס ווי גאָט די נשמה שולדיק און טראָגן אַ קעסל עסן. הינטער זיי דריי חברים, וואָס היטן דאָס עסן זאָל זיך נישט אויסגיסן. מיר דריי ציען זיך צוריק די לעצטע דורך די לאַנגע הייף פון די נאַלעווקעס. אין די ווינקעלעך שטייען מענטשן און פרעגן „ מ׳קען גיין ?" „פאַרוואָס נישט ?" — באַקומען זיי פון אונדז אַן ענטפער. „מ׳זאָגט דאָך, אַז אין באַנק זענען דאָ דייטשן". „מעגלעך, מיר האָבן קיין דייטשן נישט געזען"...

100.000 זלאָטעס איז געווען דער רויב. וואָס איז געווען דער ווערט פון געלט? פאַר אַ מאַשין־געווער האָט מען אין יענע טעג געצאָלט 40.000 זלאָטעס.

נאָענט צו ערב־פּסח תש״ד, צום ערשטן יאָרטאָג פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד, האָט בערלינסקי אָנגעשריבן אַן אַנדערע קורצע פאַרצייכענונג: „דער טראַגישער יאָרטאָג״.

„...בערשטער. דער 20סטער אַפּריל 1943. 3 נ. מ. ...מיט פאַריסענע קעפ מאַרשירן הונדערטער און הונדערטער ס.ס.־לייט צום טויער פון די בערשטער... די באַיאָוצעס שאַלטערן איין דעם קאָנטאַקט, די מינע רייסט אויף. שטיינער, הענט און צעריסענע פון שעדיט ס.ס.־לייט האָבן זיך צונויפגעמישט... די לעבן־געבלי־בענע אַנטלויפן. מיט ווילדע אויגן גלאָצן זיי אין דער ריכטונג פון דער מינע און שרייען: „יאָ, דאָס האָבען יודען געמאַכט״... נאָך עטלעכע שעה באַשיסן דעם געביט פון פעלד־האַרמאַטקעס און שווערן מאַשין־געווער, גרייפט די ס.ס. ווייטער אָן און דאָ האָבן זיי ווייטער באַקומען זייער פינצטערע מפּלה און ציען זיך צוריק מיט גרויסע פאַרלוסטן...״.

ס׳איז אַ גאָר קורצע באַשרייבונג פון דעם גאַנג פון די קאַמפן פון אָנהייב ביז צום סוף. מסתם האָט די דאָזיקע פאַרצייכענונג געדאַרפט פאַרשפּרייט ווערן אין אַרישן טייל פון וואַרשע, אָדער פאַרעפנטלעכט ווערן אין דער פּוילישער אונטערערדישער פּרעסע און אפשר גאָר האָט זי געדאַרפט אַרויסגעפירט ווערן מחוץ די גרענעצן פון פּוילן.

דער יאָרטאָג פאַלט אויס ערב פּסח. „...אין דער צייט ווען די יידן האָבן זיך געגרייט אַדורכצופירן דעם יום־טוב פּסח, וואָס סימבאָליזירט די באַפרייונג פון עגיפּטישער קנעכטשאַפט, האָבן די היטלעריסטן צוגעגרייט דעם פינצטערן אַקט, וואָס וועט בלייבן אַ שאַנדפלעק אין דער געשיכטע פון דייטשן פאָלק״.

„...נישט דורך קיין תעניתים און יאָרצייט־ליכטלעך וועלן מיר די נעמען פון די געפאַלענע העלדן ערן, נאָר דורכן צוהעלפן דעם קאַמף צו פאַרטיליקן דעם היטלעריזם וועלן מיר אויפשטעלן דעם שענסטן דענקמאָל די אומגעקומענע...״.

„...מיר וועלן נקמה נעמען...״.

אין נאָטיץ אויף צוויי זייטלעך, דורכגעווייקטע מיט זעלטענער מענטשן־ליב־שאַפט, ווידמעט בערלינסקי דעם אָנדענק פון אַ קעמפער. „צום אָנדענק פון אַ קעמפער״ הייסט די נאָטיץ, וואָס הייבט אַרויס פון אַנאָנימאַט איינעם פון די, וואָס האָבן געקעמפט אונטער בערלינסקיס אָנפירונג, דעם עלטערן יידישן אַרבעטער אברהם דיאַמאַנט.

„...די מינע האָט אויפגעריסן און דערמיט געגעבן דעם סיגנאַל צום קאַמף. אויף שוו.־יערסקע 32 וואַכט אויף זיין קאַמפּס־פּאָסטן, פאַרמאַסקירט דורך מאַטראַצן, אברהם דיאַמאַנט, אַן עלטערער אַרבעטער...

דריי

„...אַ טייל פון דער „זשאָב״-[23] אָנפירונג האָט געהאַלטן, אַז ער איז צו אַלט צום קאַמף. מיר, זיינע אידעען־חברים, האָבן אים געקאָנט און געוווּסט, אַז אין קאַמף וועט ער זיין קאָנקורענצלאָז און איבערשטייגן צען יינגערע חברים...

„...דער מאָמענט איז געקומען... אַנטקעגן אַ שווערן מאַשין־געווער און פעלד־האַרמאַטקע, וואָס פייערן אומאויפהערלעך אויף זיין באַריקאַדע, שטייט ער מיט זיין ביקס איינער אַליין אין קאַמף. די באַריקאַדע איז צעשטערט און ווי אַ טיגער וואַרפט ער זיך מיט זיינע ברענענדיקע אויגן פון איין אָרט אויפן צווייטן און פייערט צו די דייטשן. 6 האָט ער שוין דערשאָסן. אָט אַזוי ברומט ער אונטער: „פילט, דייטשעלעך דעם יידישן טעם, מיר גיבן זיי פולווער צו שמעקן״.

„די קאַמפס־פּאָזיציע איז צעשטערט. די דייטשן האָבן פאַרנומען דעם אונ־טערשטן שטאָק. די גרופּע ציט זיך צוריק. דיאַמאַנט נעמט „דעקונג״ און בעט: „דערלויבט מיר נאָך דעם ביי דער מאַשין־ביקס, כ׳האָב אים אויף דער מושקע (ציל)״. ער שיסט אויס און דער „מעכטיקער ס.ס.-גבור פון הערן־פאָלק״ שפּרינגט אויף און פאַלט אַנידער. דאָס מאַשין־געווער האָט אויפגעהערט צו בילן...

„דעם 21סטן אַפּריל. דער בערשטער־שאָפּ ברענט. די דייטשן באַשיסן די ברענענדיקע יידן, אונדזערע קאַמפּס־באַזעס זענען פאַרניכטעט. ביינאַכט רייסט זיך דיאַמאַנט מיט זיינע קאַמפס־חברים אַדורך צו די הויפּט־כוחות אין געטאָ. מיר פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט, פראַנצישקאַנער 30. נאַכט ביי נאַכט, צווישן חורבות און ברענענדיקע הייזער, מיט דער ביקס אויף דער פּלייצע, אויסגעשטעלט אויף לעבנס־געפאַרן פון אַלע זייטן, זאָרגט דיאַמאַנט פאַר וואַרעם עסן פאַר זיינע חברים.

„ביז ס׳איז געקומען דער טאָג פון 1טן מאַי...

„די דייטשן האָבן אַנטדעקט אונדזער בונקער״. „די דייטשן זענען אין אונדזער בונקער״, מעלדעט וועך פון ערשטן אַריינגאַנג. ח׳ סטאַלעק מיט עטלעכע באַיאָווצעס לויפן צום אַריינגאַנג. עס ווערט אַ שיסעריי. די דייטשן ענטפערן מיט גראַנאַטן. דער וולאָז[24] ווערט פאַרשיט. „אַרויס דורכן צווייטן וולאָז און פירן דעם קאַמף אויפן הויף״, פאַלט אַ באַפעל. דיאַמאַנט איז געווען צווישן די ערשטע דריי, וואָס שפרינגען אַרויס אויפן הויף. אויג אויף אויג, מאַשין נעבן מאַשין, הייבן מיר אָן דעם קאַמף. צוויי דייטשן ווערן פאַרוווּנדעט, דער דריטער אַנטלויפט. מיר (יעלען, דיאַמאַנט, אַבראַמעק) פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף די חורבות מיטן ציל ניט צו דערלאָזן די דייטשן זיך צו רייסן צום צווייטן אַריינגאַנג. דער ציל איז טיילווייז דערגרייכט. דער גרעסטער טייל קעמפער זענען אויפן הויף און דער קאַמף

---

[23] ראשי תיבות פון „יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע״ Żydowska Organizacja Bojowa.
[24] די עפענונג אַריינצוגיין אין בונקער.

קומט פאַר. דיאַמאַנט באַקומט אַ קויל און כאַפּט זיך ביים האַרץ. ער וויל מיר איבערגעבן די ביקס און באַוויזט נישט. צוזאַמען מיט דער ביקס פאַלט ער אין ברענענדיקן קעלער אַריין און קומט אום צווישן פלאַמען און רויך. אין אָוונט, ווען מיר האָבן באַגראָבן אונדזערע געפאַלענע, האָט אין ברודער־קבר געפעלט זיין קערפּער...״

זיין לעצטע איבערלעבונג פון געטאָ — דאָס אַרויסקריגן זיך דורך די קאַנאַ־ליזאַציע־קאַנאַלן — איז פאַראייביקט געוואָרן אין זיין פּערטער באַטיק: „דער קאַנאַל״.

„...ביים אַריינשפּרינגען אין קאַנאַל האָט זיך איינגעבראָכן טאָשע. זי איז פאַר־וווּנדעט אין קאָפּ. זי בעט: „לאָזט מיך איבער, כ׳קען נישט, כ׳וועל נישט אויס־האַלטן״. זי באַקומט פון מיר אַ שטרענגע אויפפאָדערונג. זי באַקומט צוריק די גלייכגעוויכט און האַלט זיך שפּעטער נישט שלעכט.

„ערגער איז געווען מיט מיכאַלן און יהודהן (פון די רעשטלעך פון אַנילע־וויטשעס בונקער פון מילע 18). פאַרטשאַדעט פון גאַז, דערשעפּט פיזיש, לייגן זיי זיך אַלע ווילע אין שטינקעדיקן וואַסער. זיי בעטן: „לאָזט אונדז איבער, מיר ווילן דאָ שטאַרבן, מיר ווילן אייך נישט שטערן דעם וועג״.

„אייערע ווערטער ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט. ווי לאַנג דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אייך מוזט איר גיין. אַפּעלירט נישט צו אונדזער געוויסן. ס׳וועט אייך גאָרנישט העלפן. קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט. טראָגן אָדער פירן אייך קען מען נישט צוליב דעם געבוי פון די קאַנאַלן. איבערלאָזן אייך הייסט טויט. פאָרויס, חברים, מיט די לעצטע כוחות, פאָרויס, נישט פאַלן פון מוט און אויך איר וועט דעם ציל דערגרייכן״. 6 קאָסטקעס צוקער, וואָס כ׳האָב געפונען ביי מיר אין קעשענע, האָט גערעטעוועט די צוויי חברים. נאָר מענטשן מיט אייזערנע הערצער און שטאָלענע ווילנס האָבן געקאָנט ווירקן, אַז מ׳זאָל יענעם אונטערהאַלטן און אַליין זיך נישט איינברעכן.

„...אין שמוציקן וואַסער, מיט ליכט אין די הענט, איינגעבויגן אין דרייען, אויסגעשמירט אין טינוף, זענען מיר געקראָכן פון גרויסע קאַנאַלן אין מיטעלע, פון מיטעלע אין קליינע. פון צייט צו צייט אַן אָפּרו. מיר זיצן ביזן ברוסטקאַסטן אין וואַסער. אָפּגערוט, אויסגעבאָדן אין שמוץ און אין טינופת. מיר קריכן ווייטער און אַזוי האָט עס זיך געצויגן אָן אַ סוף, אָן אַן עק. יעדע מינוט — אַ שעה. יעדע שעה — אַ טאָג, יעדער טאָג — אַ יאָר, ביז מיר זענען דערקראָכן צום וולאַז...״

32 מאַן זענען דעם 10טן מאַי, 11 אַ זייגער אין דער פרי, אַרויסגעפירט גע־וואָרן דורך דער עפענונג פון דעם קאַנאַליזאַציע־קאַנאַל אויפן ראָג פון די גאַסן טוואַרדע און פּראָסטע. אין דעם „אַרישן״ טייל. אויף דעם אָרט האָט געוואַרט אַ לאַסט־אויטאָ, איבערגעדעקט מיט אַ פּלאַנדעק, וואָס איז צוגעגרייט געוואָרן דורך

דעם אונטערערד אויף דער „אַרישער“ זייט. פאַר די אויגן פון די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געקוקט פאַרוווּנדערטע און פול מיט התפעלות, זענען דערשינען די אויס־געדאַרטע יידישע קעמפער, מיט פנימער אויסגעשוואַרצע פון די קאַנאַל־וואַסערן, וואָס האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס און זענען מיט פינטלענדיקע אויגן אַרויסגעקראָכן פונעם קאַנאַל. די קעמפער האָבן מיטן רעשט פון זייערע כוחות געגלעט זייער געווער — ביקסן, רעוואָלווערן, גראַנאַטן — און האָבן זיך אַניִדערגעוואָרפן אין לאַסט־אויטאָ, וואָס האָט זיך אין שנעלסטן טעמפּאָ געלאָזט פאָרן צום נאָענטן לאָמיאַנקי־וואַלד.

ס'האָט זיך אָנגעהויבן די תקופה פון דער פּאַרטיזאַנקע. אויפן רוף פון ד״ר אַדאָלף בערמאַן, וועלכער האָט זיך אויף דער „אַרישער“ זייט פאַרנומען מיט דאָקומענטאַציע־אַרבעט, איז צו אים צוגעשטאַנען בערלינסקי און האָט דאָרט גענומען שרייבן זיינע עדות־בלעטער.

אין אויגוסט 1944 איז אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד אין וואַרשע. 22 מענער און פרויען, פון די רעשטלעך פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע“, אונטער דער אָנפירונג פון יצחק צוקערמאַן, האָבן פאַרגעזעצט דעם קאַמף ווי אַ זעלבשטענדיקע גרופּע, אין דער דריטער אָפּטיילונג פון דער „אַרמיאַ לודאָוואַ“ (פאָלקס־אַרמיי).[25] אין די שלאַכטן, וואָס זענען אָנגעגאַנגען קעגן די דייטשישע פּאָזיציעס, נאָענט ביים ברעג פון דער ווייסל, איז הערש בערלינסקי געפאַלן מיט זיין ביקס אין דער האַנט.

„דבר השבוע“, 19 אפריל 1963

---

[25] (Armia Ludowa) געשאַפן לויט אַ באַשלוס פון דעם נאַציאָנאַלן לאַנד־ראַט (זע באַ־מערקונג 19) אויף זיין היסטאָרישער זיצונג פון דער נאַכט פון 31סטן דעצעמבער 1943 אויפן 1טן יאַנואַר 1944. איר הויפּט־קערן איז באַשטאַנען פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (Gwardia Ludowa), וואָס איז געהאַט געגרינדעט געוואָרן אין יאַנואַר 1942 אויף דער איניציאַטיוו פון פּ.פּ.ר. די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע האָט אָנגעהאַלטן פריינטלעכע באַציִונגען מיט דער פאָלקס־גוואַרדיע, וואָס האָט איר געהאָלפן ביים באַקומען געווער, ביים אַרויספירן די קעמפער פון ברענענדיקן געטאָ, ביים אָרגאַניזירן אַ פּאַרטיזאַנער־גרופּע אין די וישקאָווער וועלדער. הונדערטער יידן האָבן געקעמפט אין די שורות פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (און שפּעטער פון דער פאָלקס־אַרמיי) אין דער געגנט פון קעלץ, ראַדאָם און לובלין. אין די טעג פון פּוילישן אויפשטאַנד האָבן חברים פון דער יי.ק.אָ. געקעמפט אין אַ באַזונדערער אָפּטיילונג אין די שורות פון דער אַרמיאַ לודאָוואַ.



פאַטאָסטאַט פון דער ערשטער זייט „זכרונות" פון הערש בערלינסקי

מיר דרוקן איבער די כתבים פון הערש בערלינסקין, אויפ־היטנדיק די שפּראַך פון מחבר. די העברעישע ווערטער גיבן מיר דאָ אין העברעישן אויסלייג און נישט פאָנעטיש, ווי זיי זענען געשריבן אין אָריגינאַל.

ר ע ד אַ ק צ י ע

הערש בערלינסקי

זכרונות

אָנגעלערנט פון אַנדערע שטעט, זענען מיר געווען איבערצייגט, אַז די היטלער־באַנדיטן וועלן דעם וואַרשעווער געטאָ נישט לאָזן צו רו.

מיר האָבן נישט געקענט וויסן דעם כאַראַקטער און די פאָרמען פון דער אַקציע, הגם כעלמנאָ,[26] סאָביבאָר,[27] בעלזשעץ,[28] די ערשטע מאָרד־אַנשטאַלטן פאַר יידן, האָבן שוין געשאַפן אַ געוויסע פאָרשטעלונג ביי אונדז וועגן די „קולטור־מעטאָדן” פון די היטלער־באַנדיטן ביים פאַרניכטן די יידישע באַפעלקערונג. אין דער אונטערערדישער באַוועגונג און אין דער אומלעגאַלער פּרעסע איז פון טאָג צו טאָג געקומען שאַרפער צום אויסדרוק דער געדאַנק וועגן פאַרטיידיקן זיך.

---

[26] כעלמנאָ — פאַרניכטונגס־לאַגער אין דאָרף כעלמנאָ, 14 ק״מ פון קאָלאָ (קויל). דאָרט פלעגן די יידן פאַרגאַזט ווערן אין ספּעציעל צוגעגרייטע אויטאָמאָבילן אומגעפער 1000 מענטשן אַ טאָג, און דאַן פאַרברענט ווערן אין צוויי קרעמאַטאָריעס, וואָס האָבן דאָרט „פונקציאָנירט”. מ׳שאַצט די צאָל קרבנות אויף 370 טויזנט, דאָס רוב יידן פון „וואַרטעגאַו” (די מערב־טיילן פון פּוילן, אַריינגערעכנט לאָדזש, וואָס זענען אַריינגענומען געוואָרן אין דריטן רייך), און אַן ערך 25 טויזנט יידן פון אַנדערע לענדער (דייטשלאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, בולגאַריע, פראַנקרייך, בעלגיע, איטאַליע).

[27] סאָביבאָר — פאַרניכטונגס־לאַגער אין דער געגנט פון לובלין, אויפן וועג קיין כעלם. מ׳פלעג דאָרט פאַרגאַזן און דערנאָך פאַרברענען. דאָרט זענען אומגעבראַכט געוואָרן עטלעכע הונדערט טויזנט יידן, דער עיקר פון די מזרח־געגנטן פון פּוילן, אָבער אויך פון ראַטנפאַרבאַנד, טשעכאָסלאָוואַקיע, עסטרייך, האָלאַנד און פראַנקרייך. דעם 4טן אָקטאָבער 1943 האָבן זיך די יידן, וואָס זענען געווען באַשעפטיקט אין די וואַרשטאַטן פון לאַגער, צעבונטעוועט. עטלעכע פון זיי איז געלונגען צו אַנטלויפן.

[28] בעלזשעץ — פאַרניכטונגס־לאַגער אין דער געגנט פון לובלין אויפן וועג צו לעמבערג. מ׳שאַצט אַפּ אויף איבער 600 טויזנט די צאָל דאָרט אומגעבראַכטע יידן, דער עיקר יידן פון לובלין, זאַמאָשטש, טאָמאַשאָוו און טיילווייז אויך פון מזרח־ און מערב־גאַליציע. דאָרט איז קיין קרעמאַטאָריע נישט געווען. די גופים פלעגן פאַרברענט ווערן אויף שייטערס.

די פּעסימיסטן האָבן געזאָגט: „דריי יאָר היטלעריסטישע הערשאַפט האָט פולשטענדיק דעמאָראַליזירט דאָס יידישע לעבן. אין דער צייט ווען איין טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג אין וואַרשעווער געטאָ גייט אויס ממש פאַר אַ ביסן ברויט, לעבט דער אַנדערער טייל אַ גוטן טאָג. די גאַסן זענען באַדעקט מיט מתים, וואָס זענען אומגעקומען פון הונגער. אין די גאַסן דרייען זיך אַרום טויזנטער מענטשלעכע שאָטנס, באָרוועסע, נאַקעטע און געשוואָלענע פון הונגער. אין דער זעלבער צייט שימלען אין די רייכע הייזער מלבושים און שוכוואַרג, די שווי־פּעצנטער זענען אָנגעפּאַקט מיט כל־טוב. נאַכט־לאָקאַלן זענען דאָס פאַרוויילונגס־מיטל פאַר די יידישע גבירים אין וואַרשעווער געטאָ. יידישע פּאָליציי, ס׳דרייצעטל[29] און געשטאַפּאָ־אַגענטן האָבן אומעטום זייער אויג, און ס׳איז נישטאָ קיינער, וואָס זאָל אַ סוף מאַכן צו דער דאָזיקער לאַגע. און די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען? די בעסטע טיילן זענען אַוועק, ס׳זענען איבערגעבליבן צווייט־ אָדער דריטראַנגיקע פירער, וואָס די מלחמה האָט ליידער אויך אויף זיי איבערגעלאָזט געוויסע שפּורן. רעדן וועגן פאַרטיידיקן איז זייער לייכט. מיר פרעגן: מיט וואָס און מיט וועמען? די גבירים און די שמוגלער וועלן נישט קעמפן. אויף דער יידישער פּאָליציי קען מען נישט רעכענען, שוין אָפּגערעדט פון די יידישע געשטאַפּאָ־אַגענטן, וועלכע האָבן זיך פאַרקויפט מיט לייב און לעבן דעם בלוטיקן אָקופּאַנט. שטיצן זיך קען מען נאָר אויף דער אָרעמקייט! ביי דער אָרעמקייט הערשט אַפּאַטיע און פאַרצווייפלונג. כדי אַרויספירן די אָרעמקייט פון דער אַפּאַטיע און פירן זיי אין קאַמף, דאַרף זי האָבן אַ ציל און מכשירים צום קאַמף (געווער). דער ציל איז דאָ: קאַמף קעגן דער פאַרניכטונג. קיין געווער צום קאַמף איז נישטאָ. מיט פיר רעוואָלווערן (1 אָדער 2 צעבראָכענע), מיט אַן אייזן, אָדער מעסער, מיט אַ האַק, אָדער אַ שטעקן, קען מען קעגן אַ שונא, וואָס איז באַוואָפנט פון קאָפּ ביז די פיס, נישט קעמפן. און דער עיקר, מיט די מכשירים וועט מען די אָרעמקייט פאַרן קאַמף נישט געווינען.

די אָפּטימיסטן האָבן געזאָגט (צו וועלכע איך האָב אויך געהערט): „פון דער פאַרגאַנגענהייט דאַרפן מיר לערנען וואָס צו טאָן אין דער צוקונפט. ווען אַפילו די אויסזידלונג (אָדער אומזידלונג) זאָל נישט פירן צום באַלדיקן אומקום, האָט די פּראַקטיק פון שטעט און שטעטלעך באַוויזן, אַז די פּליטים און גולים, קומענדיק

[29] דאָס דרייצנטל — אַ געשטאַפּאָ־אַגענטור, אויפגעשטעלט אין געטאָ אין יאַנואַר 1941 דורך אברהם גאַנצווייך אויף לעשנאָ 13 (פון דאַנען דער נאָמען „דאָס דרייצנטל" — „טזשינאַסטקאַ"). אונטער דעם שילדל פון „אַמט צו באַקעמפן שפּעקולאַציע אין יידישן פּערטל אין וואַרשע", האָט דאָס דרייצנטל צוגעשטעלט יעדע וואָך ראַפּאָרטן דער געשטאַפּאָ וועגן אַלעם, וואָס קומט פאַר אין געטאָ, געהאַט צו זיין דינסט אַן אייגענע פּאָליציי פון 300 יידישע פּאָליציאַנטן.

אַפילו אין אַזאַ שטאָט ווי וואַרשע (ווו מ׳האָט נאָך געקענט באַקומען אַ טעלער זופּ מיט אַ פּונקט צום שלאָפן אומזיסט), האָט מיט דער צייט דער גרעסטער טייל געמוזט אונטערגיין (פּשוט געגרעדט אויסשטאַרבן). אין די אַרבעטס־לאַגערן זענען די יידן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות. געזונטע, קרעפטיקע מענער זענען במשך געציילטע וואָכן געוואָרן שקעלעטן. אויב מ׳וועט די אויסגעזידלטע יידן באַשעפטיקן אין אַרבעט־לאַגערן מיט דער דערנערונג, וועלן נאָר יחידים אויסהאַלטן. 99% וועט אויסשטאַרבן. אין דער אָדער אין יענער היגזיכט איז אומקום. זאָל מען שטאַרבן ווי מענטשן, און נישט ווי חיות! נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג, ווי קאַמף! זאָל זיין פאַרקריפּלטער קאַמף, ער איז פאָרט בעסער און שענער ווי גיין ווי אַן אייזל צו דער שחיטה. מיר קענען איצט אויף קיינעם נישט האָפן. נישט דער ראַטנפאַרבאַנד, און אוודאי נישט די אַליאַנטן קענען אונדז אין אונדזערע שווערע גורל־שעהען פּראַקטיש העלפן. די אומלעגאַלע פּוילישע רעגירונג אין לאַנד וואָלט פּראַקטיש געקענט אַ ביסל העלפן. זי וועט אָבער נישט העלפן.

מיר ווייסן, (אַז) מיט די מכשירים, וואָס מיר פאַרמאָגן, איז זייער שווער צו געווינען די מאַסן פאַרן קאַמף. מיר גלויבן, און זענען אין דער הינזיכט אָפּטימיס־טיש געשטימט, אויב מ׳וועט די מאַסן אויפקלערן דעם פולן אמת, וועט זיך געפינען עטלעכע טויזנט מענער און פרויען, וואָס וועלן דעם קאַמף אָנהויבן מיט מעסער און העק, מיט אייזן און שטעקן, מיט שוועבל און זאַלץ־זוירע. זאָל מען דעם בלוטיקן שונא שלאָגן און ברענען. מיר גיבן זיך אָפּ אַ חשבון, דאָס אונדזער באַוואָפנונג אַנטקעגן דעם שונא איז גלייך ווי אַ העלפאַנט צו אַ פליג. נישטאָ קיין אַנדערער אויסוועג. סיי ווי סיי איז אומקום. זאָל מען באַווייזן דער וועלט, אַז מיר האָבן זיך פאַרטיידיקט, אַז מיר זענען נישט געגאַנגען פרייוויליק צו דער שחיטה, זאָל אונ־דזער פאַרצווייפלטער טאַט זיין אַ פּראָטעסט קעגן דער וועלט, וואָס האָט נישט ווי געהעריק רעאַגירט אויף דער נבלה פון די היטלעריסטישע באַנדיטן, וואָס ברענ־גען אויף אַזאַ שענדלעכן אופן אום הונדערטער טויזנטער יידן.

די קאָנפערענץ אויף אָרלע 2

ענדע מערץ 1942, 5 נ. מ. איז פאַרגעקומען אין דער פאָלקס־קיך אויף אָרלע 2 אַ קאָנפערענץ פון די פּראָלעטאַרישע פּאַרטייען אין וואַרשעווער געטאָ.
אַנוועזנדע:

לינקע פּועלי־ציון — הערש בערלינסקי, מלך עסדעק.[30]

„בונד" — אָזשעך, אַבראַשאַ בלום.

[30] מלך פיינקינד.

רעכטע פועלי־ציון — לייזער לעווין, מאָרגענשטערן.[31]
החלוץ — יצחק צוקערמאַן.
טאָג־אָרדנונג:
1) די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. 2) פאַרשידנס.

חבר יצחק רעפערירט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן, וועגן דער לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ, און לייגט פאָר צו שאַפן אַן אָנפירונג, וואָס זאָל צוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. וועגן די פאָרמען און מיטלען דאַרף די אָנפירונג באַשטימען.

דאָס ערשטע וואָרט אין דער דיסקוסיע נעמט ח׳ אָזשעך פון „בונד״ (מיט אַ הויכער שטימע און חוצפּהדיקן טאָן, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מענטש, ווי אָזשעך, אין וועמענס פאַנטאַזיע ס׳האָט נאָך געשוועבט, העכסט וואַרשיינלעך, די גרויסע צאָל בונדישע ראַטמענער אין וואַרשעווער שטאָטראַט): „דער „בונד״ איז שטענדיק געווען פאַר פאַרטיידיקונג. די געשיכטע פון „בונד״ איז עדות דערויף. וואָלטן מיר זיך נישט געפונען אין די פאַרשאָלטענע געטאָ־באַדינגונגען, וואָלטן מיר מיט דעם פּאָליטישן צוזאַמענשטעל נישט געזעסן ביי איין טיש. נאָר אין געטאָ איז מעגלעך דאָס, וואָס קומט פאָר! דער געטאָ איז נישט בלויז אַ וועלטל פאַר זיך. דאָס אָפּשאַפן פון געטאָ איז אָפּהענגיק פון אויסערלעכע פּאָליטישע פאַקטאָרן. דער „בונד״ איז געקניפּט און געבונדן מיט אינטערנאַציאָנאַלע פּאָליטישע פאַקטאָרן. יענע באַשלוסן זענען פאַר אים גילטיק און בינדיק. דעריבער וועט דער „בונד״ נישט געהערן אין אַ אינסטאַנץ, וואָס איר טאַקטיק און האַנדלונג קען זיי אין קעגנזאַץ צו דער אַלגעמיינער טאַקטיק. דער „בונד״ האָט זיך זיינע קאַמפּס־גרופּן. אויך אַנדערע פּאַרטייען האָבן זיך זייערע קאַמפּס־גרופּן (געמיינט אַנטי־פאַשיסטן־בלאָק[32] — ה. ב.) פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט איז שעדלעך, און ס׳קען אַלץ דעקאָנספּירירט ווערן, ווען ס׳׳זאָל געשאַפן ווערן אַן איינהייטלעכע אָרגאַניזאַציע. די בונדישע קאַמפּס־גרופּן וועלן נישט איבערגעבן דער אַלגעמיינער

---

[31] זעט אויס אַ טעות. אין דער זיצונג האָט זיך פון די רעכטע פּ.צ. באַטייליקט אַחוץ לייזער לעווינען שלום גראַיעק (באַריכט וועגן דער אַנטשטייונג פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַרעפנטלעכט ביי מ. ניישטאַט „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע״, ת״א 1948, זייט 131).

[32] „יידישער אַנטיפאַשיסטישער בלאָק״ — אַנטשטאַנען אין יענער צייט. אַרומגענומען פּ.פּ.ר., לינקע פּ.צ., פּ.צ.צ.ס., החלוץ, השומר הצעיר, דרור. זיינע אויפגאַבן — קאַמף קעגן אָקופּאַנט, אָרגאַניזירן יוגנט צו דער פּאַרטיזאַנקע, הילף פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע. די טעטיקייט פון „ייד. אַנטיפ. בלאָק״ האָט אויפגעהערט אין יוני 1942 צוליבן דורכפאַלן פון פּ.פּ.ר. און צוליב דעם, וואָס ס׳איז נישט געווען קיין געוועהר. נישט געקוקט אויף זיין קורצער עקזיסטענץ האָט דאָך דער „ייד אַנטיפ. בלאָק״ געשפּילט אַ פּאָזיטיווע ראָלע אין דער צעמענטירונג פון דער יידישער אונטערערדישער באַוועגונג אין געטאָ.

קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע איר אָרגאַניזאַציע־פאָרם און אירע „קאַמפּס־צילן“, ווייל דאָס זענען מיליטערישע געהיימענישן, וואָס מוזן געהאַלטן ווערן בסוד. צוליב די אויסגערעכנטע אַרגומענטן וועט דער „בונד“ אין דער אַלגעמיינער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע נישט אָנטיילנעמען“.

ס׳וואָרט באַקומט ח׳ בלום. פיל מענטשלעכער און טאַקטישער ווי אַזשעך פאָרמולירט ער דעם בונדישן שטאַנדפּונקט. דער אויספיר דער זעלבער ווי ביי אַזשעכן: „דער „בונד“ וועט אין דער אַלגעמיינער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע נישט אָנטיילנעמען“.

די רעכטע פּועלי־ציון זאָגן זיך אַרויס פאַר דער שטעלונג, וואָס איז רעפּעריירט געוואָרן דורך יצחקן.

אין נאָמען פון לינקע פּועלי־ציון נעמט אַ וואָרט ח׳ מלך. ער פּאָלעמיזירט אין זייער אַ געלונגענער פאָרם מיט אַזשעכס „אַרגומענטן“, און צום סוף גיט ער אָפּ פאָלגנדע דערקלערונג: „מיר, לינקע פּועלי־ציון, דערקלערן: „דער געבאָט פון דער צייט דאַרף זיין דאָס שאַפן אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט. ליידער, צוליב דער שטעלונג פון „בונד“, קען דער קאָמיטעט נישט געשאַפן ווערן. מיר דערקלערן, אויב ס׳וועט געשאַפן ווערן אַ פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט אין וואַרשעווער געטאָ, וועלן מיר אָן פאַרבעהאַלט אָנטיילנעמען אין אים“.

די טעראָר־אַקציע

פרייטיק ביינאַכט, דעם 17טן אַפּריל 1942 האָט די געשטאַפּאָ אָנגעהויבן אַ געוואַלטיקע טעראָר־אַקציע. עטלעכע צענדליק יידן פון פאַרשידענע סעקטאָרן (ד. ה. פּאָליטישע טוער, קולטור־טוער, און סתם גבירים) זענען אַרויסגעשלעפּט געוואָרן ביינאַכט אויפן גאַס, און מ׳האָט זיי דערשאָסן. שבת איז אין געטאָ געווען אַן אומגעהויערע פּאַניק. קיינער האָט נישט געקענט אויפקלערן, וואָס דאָס באַדייט. איינס איז געווען פאַרשטענלעך, דאָס די פאַרשידענע, פּאָליטישע און קולטור־טוער דאַרפן נישט שלאָפן דאָ, ווו זיי זענען געמאָלדן. ווי ס׳׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט די געשטאַפּאָ דורכן טעראָר פון מאָרדן כמעט יעדן טאָג יידישע טוער געצילט צו דעזאָריענטירן און אַנטוואָפנען די יידישע באַפעלקערונג און דורך דעם צוגרייטן דעם באָדן פאַר דער פאַרניכטונגס־אַקציע אין וואַרשעווער געטאָ.

דער פּלאַן איז די היטלעריסטן געלונגען. זיי האָבן זייער ציל דערגרייכט.

דעם 20סטן יולי. אין געטאָ פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן אַרויסשיקן. די גמינע באַרויקט. מ׳פאַרמויערט אַ גאַנצע ריי „ווילאָטן“.[33]

דעם 21/7. די שטימונג איז אַ געדריקטע. עפּעס הענגט אין דער לופט. די

[33] לעבער אין דער געטאָ־וואַנט.

יידישע געשטאַפּאָווצעס שיקן אַרויס זייערע משפּחה־מיטגלידער קיין אָטוואָצק.

דער 22/7. די מויער פון געטאָ איז אַרומגערינגלט מיט אוקראַינער. אין גאַס ווערט אויסגעקלעבט אַן אַפיש, וואָס מעלדעט וועגן אַרויסשיקן די נישט פּראָדוקטיווע יידן אויף די מזרח־געביטן. 15 קילאָ געפּעק, געלט, גאָלד, בריליאַנטן קען יעדער ייד מיטנעמען מיט זיך. דער טייוולאָנים־שפּיל האָט זיך אָנגעהויבן!

12 בייטאָג. כ׳בין עדות פון דער ערשטער בלאָקאַדע אויף עלעקטאָראַלנע 14. די יידישע פּאָליציי אונטער דער אָנפירונג פון אַ פאַרשוין, שיקער (אַ קאָמבאַטאַנט, געדינט אין דער פוילישער זשאַנדאַרמעריע אין לאָדזש) רינגלט אַרום אַ פּליטים־פּונקט פון קאַלישער יידן און מ׳שלעפּט זיי מיט גבורה אַרויס אויפן הויף. אויפן ערשטן פייער נעמט מען די שוואַכע, די פּליטים, די שוין צום ווייפלטן מאָל געיאָגטע און געוודפּטע. די יידישע פּאָליציי פירט טריי אויס די מיסיע, וואָס דער אָקופּאַנט האָט איר אָנפאַרטרויט.

די יידישע פּאָליציי, די צונויפגעקליבענע דעגענערירטע באַנדע בורזשואַזע אינטעליגענטלעך, האָבן באַוויזן צו וואָס זיי זענען פעיק: ברוטאַליטעט, גזילה, גניבה אויפן חשבון פון דער יידישער באַפעלקערונג. דאָס איז זייער מאָראַל: פאַרן פרייז פון פרעסן, זויפן, און קענען לעבן אַ ביסל לענגער האָבן זיי זיך פאַרקויפט דעם בלוטיקסטן אָקופּאַנט פון דער וועלט־געשיכטע און טרייבן מיט גאווה צענדליקער טויזנטער פאָלקס־ברידער אין די אָרעמס פון טויט. די היטלעריסטישע באַנדיטן מעגן באמת שטאָלצירן, דאָס אין יידישן פאָלק זענען דאָ עטלעכע טויזנט פרייוויליקע אויסוואורפן, וואָס העלפן אַדורכפירן דעם פאַרניכטונגס־פּלאַן לגבי דעם אייגענעם פאָלק.

די געזעלשאַפטלעכע קאָנפערענץ אין זשיטאָס[34] אויף נאָוואָליפּקי

אָנוועזנדע:

זאַגאַן, אָזשעך, בלום, יוסף לעוואַרטאָווסקי,[35] (פּפּר), רינגעלבלום, גיטערמאַן,[36] אַלעקס לאַנדאַו,[37] קירשענבוים,[38] שיפּער,[39] זישע פרידמאַן,[40] אַ לובלינער ייד פון דער „אגודה" און אַנדערע.

ט אָ ג ־ אָ ר ד נ ו נ ג:

די געשאַפענע לאַגע אין וואַרשעווער געטאָ...

[34] — „יידישע סאָציאַלע Żydowskie Towarzystwo Opieki Społecznej — Ż.T.O.S. „אַליינהילף" — געשאַפן אין סעפּטעמבער 1939. געפירט אַ הילפס־טעטיקייט אין געטאָ. נאָך דער גרויסער אַקציע פון זומער 1942 איז זיך די אָרגאַניזאַציע צעפאַלן.

[35] לעוואַרטאָווסקי יוסף (פינקעלשטיין) — מיטגליד פון צ.ק. פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פאַרטיי ביז איר ליקווידאַציע אין יאָר 1938 (פון 1918 ביז 1920 חבר פון פּועלי־ציון). אין יאָר 1942 קומט ער אַריין אין געטאָ. שטעלט דאָרט אויף אַ פּ.פּ.ר.־אָרגאַניזאַציע.

די קאָנפערענץ האָט זיך געפונען אונטער איינדרוק פון זישע פרידמאַנס און שיפּערס רעדעס. זישע פרידמאַן האַלט פון בטחון. „איך גלויב אין גאָט און אין אַ נס. גאָט וועט נישט לאָזן פאַרניכטן זיין פאָלק ישראל. מיר דאַרפן וואַרטן און אַ נס וועט געשען. קאַמף קעגן די דייטשן איז זינלאָז! די דייטשן קענען אין געציילטע טעג אַ סוף מאַכן מיט אונדז (צ. ב. לובלין). און אויב ס׳וועט אַזוי גיין, קען עס דויערן זייער לאַנג. און אַ נס וועט געשען. מיינע פריינט, איר, וואָס אָריענטירט זיך אויף די אַליאַנטן, פאַרוואָס זענט איר פאַרצווייפלט? איר גלויבט דאָך, אַז די אַליאַנטן וועלן זיגן. צי גלויבט איר נישט, דאָס די אַליאַנטן וועלן אייך פרייהייט ברענגען... די פריינט, וואָס אָריענטירן זיך אויף דער רעוואָלוציע און ראַטן־פאַרבאַנד, איר האַלט דאָך, אַז ס׳איז געענדיקט מיטן קאַפּיטאַליזם, דאָס נאָר די רויטע אַרמיי וועט אייך פרייהייט ברענגען. דעריבער גלויבט שוין אין אייער רויטער אַרמיי... טייערע פריינט, אויסדויער און בטחון און מיר וועלן פרייהייט האָבן!"

שיפּער האַלט נישט פון דער פאַרטיידיקונג. פאַרטיידיקונג הייסט פאַרניכטן דעם גאַנצן וואַרשעווער געטאָ!!! „איך גלויב, דאָס ס׳וועט געלינגען צו דערהאַלטן דעם קערן פון וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז מלחמה, יעדעס פאָלק ברענגט קרבנות, אויך מיר מוזן געבן קרבנות, כדי צו דערהאַלטן דעם קערן פון פאָלק. וואָלט איך געווען איבערצייגט, אַז ס׳וועט נישט געלינגען צו דערהאַלטן דעם קערן פון פאָלק, וואָלט איך געמאַכט אַנדערע אויספירן...

די קאָנפערענץ איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיטן ציל זיך צו טרעפן אַ

טעטיק אין „ייד. אַנטיפ. קאָמ." אין אויגוסט 1942 ווערט ער פאַרשיקט קיין טרעבלינקע. קומט דאָרט אום אין עלטער פון 47 יאָר.

[36] גיטערמאַן יצחק — פון די אָנפירער פון „דזשאָינט" אין פוילן. אין געטאָ געווען פון די אָנפירער פון „עונג שבת" (זע וויטער באַמ. 47). געשטיצט די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דערהרגעט געוואָרן דעם 18טן יאַנואַר 1942.

[37] אַלעקסאַנדער לאַנדאַו — אינזשיניער, סימפּאַטיקער פון פּ.צ. אַנגעפירט מיט א.ב.וו.־שאָפּ (זע באַמער. 2).

[38] קירשענבוים מנחם — פון לובלין. חבר פון צ.ק. פון דער ציונ. אָרג. אין פוילן. אַלגעמיינער ציוניסט — גרופּע „על המשמר". אין געטאָ געהערט צו די אָנגעזעענסטע עסקנים. איינער פון די אָנפירער פון „זשיטאָס". דערהרגעט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ צוזאַמען מיט זיין פרוי און טאָכטער, זומער 1943.

[39] ד״ר יצחק שיפּער — באַקאַנטער היסטאָריקער. אין געטאָ פאַרגעזעצט זיין וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. געווען פאַרבונדן מיט די חלוצישע אָרגאַניזאַציעס. אין דער צייט פון אויפשטאַנד אַוועקגעשיקט געוואָרן קיין מאַידאַנעק און דאָרט אומגעקומען אין עלטער פון 59 יאָר.

[40] הרב אלכסנדר זישע פרידמאַן — פון די אָנפירער פון דער „אגודה". אָנגעזעענער עסקן אין וואַרשעווער געטאָ. נאָכן אויפשטאַנד פאַרשיקט געוואָרן אין אַ לאַגער ביי לובלין און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן.

צווייט מאָל. די אַנטוויקלונג פון די געשעענישן האָבן אוממעגלעך געמאַכט וועלכע ס'איז ווייטערדיקע קאָנפערענצן.

* * *

28/7.1942, 6 אָוונט. אין דער פאָלקס־קיך עלעקטאָראַלנע 14 איז פאָרגעקומען די זיצונג פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „לינקע פועלי־ציון”. אָנוועזנדע ח"ח: זאַגאַן, פאָלע, בערלינסקי, יוכטמאַן,[41] מלך, שוואַרצבאַרד,[42] ליפער,[43] וואַסער. געפעלט: לענט.[44]

...טאָג־אָרדנונג: 1) באַריכט, 2) ווייטערדיקע אויפגאַבן. א) פאַרטיידיקונג. ב) לעגאַליזירן[45] חברים אין די שאָפּן. ג) פינאַנסן.

ח' זאַגאַן גיט אָפּ אַ באַריכט וועגן דער אַקציע פון זשיטאָס. דאָס לעגאַליזירן נאָך עטלעכע טויזנט מענטשן און ידיעות פון דער גמינע. צווישן אַנדערע, ווי 2 כ.ס.־אָפיצירן האָבן געגעבן אין דער גמינע זייער אָפיצירישׂ וואָרט, דאָס קיין איין ייד פון די אַרויסגעשיקטע ווערט נישט אומגעבראַכט; אַלע פאָרן אויף אַרבעט. אַרום פונקט „פאַרטיידיקונג” אַנטוויקלט זיך אַ ליידנשאַפטלעכע דיסקוסיע. צום סוף ווערט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף. דער פּראָיעקט פון אויסאַרבעטן דעם אויפרוף ווערט איבערגעגעבן דעם ח' זאַגאַן... ביים פונקט „לעגאַליזירן די חברים אין די שאָפּן”, קומט פאָר אַ שאַרפע דיסקוסיע. ה' זאַגאַן האַלט, דאָס די שאָפּן אַרבעטן פאַר די דייטשן. קיין פיקציעס זענען נישט מעגלעך. באַוווסטזיניקע אַרבעטער דאַרפן שטערן די אַרבעט אין די שאָפּן; די שאָפּן זענען אַ טייל פון דער דייטשער קריגס־אינדוסטרי. מיטן לעגאַליזירן דאָרט חברים העלפן מיר צו דער דייטשער קריגס־אינדוסטרי. די גמינע האָט צוגעזאָגט צו לעגאַליזירן עטלעכע

---

[41] יוכטמאַן יחיאל — איינער פון די אַקטיווסטע חברים אין דער וואַרשעווער פּ.צ.־אָרגאַניזאַציע. אין געטאָ טעטיק געווען ספּעציעל ביים אָרגאַניזירן פאָלקס־קיכן, הויז־קאָמיטעטן. געפאַלן אין געטאָ, אין עלטער פון 45 יאָר.

[42] שוואַרצבאַרד מרדכי — פון לאָדזש. אַקטיווער פּ.צ.־חבר. געקומען קיין וואַרשע אין געטאָ אַריין און דאָרט טעטיק געווען אויפן געביט פון סאָציאַלער און פּאָליטישער טעטיקייט. געפאַלן אין געטאָ, אין עלטער פון 47 יאָר.

[43] ליפער שלמה — פון שטעטל באַצק. מיטגליד פון צ.ק. פון דער „יוגנט” אין וואַרשע. מיטאַרבעטער פון „פרייע יוגנט”. געפאַלן אין געטאָ.

[44] לענט הירש — לאַנגיאָריקער אַקטיווער חבר פון פּ.צ. געווען אַ צייט אין ארץ־ישראל, אין די יאָרן 1925—1926. אין געטאָ געווען קאָמאַנדיר פון איינער פון די קאַמף־גרופּעס פון „ייד. אַנטיפ. בלאָק”. נאָכן אויפשטאַנד פאַרשיקט קיין מאַידאַנעק און דאָרט אומגעקומען אין נאָוועמבער 1943, אין עלטער פון 45 יאָר. זיין זון שאַנן לענט (געבוירן אין ארץ־ישראל) געפאַלן אין עלטער פון 17 יאָר אין די געטאָ־שלאַכטן דעם 3טן מאַי 1943, נאָכדעם ווי ער האָט דערהרגעט דריי ס.ס.־לייט.

[45] ד. ה. לעגאַל מאַכן מענטשן דערמיט, וואָס מ'האָט פאַר זיי פאַרשאַפט אַרבעט־צייגענישן פון „שאָפּן”, וואָס האָבן זיי געקענט ראַטעווען פון דער „אויסזידלונג” (זע באַמערקונג 16).

הונדערט געזעלשאַפטלעכע טוער ביי איר אין די ביוראָען. די מערהייט פון קאָמי־טעט ווייזט אָן, דאָס דער „זשיטאָס“ שטייט אויף היגערנע פיסלעך. לויט אַלע סימנים וועלן די שאָפּן־אַרבעטער פאַרבלייבן אין וואַרשע. די איבעריקע וועט מען אַרויסטרייבן. ס׳קען זיין, אַז אונדז וועט געלינגען, זייענדיק אין די שאָפּן, די אַר־בעט צו סאַבאָטירן. מיר דאַרפן געווינען צייט. מיר טאָרן נישט אונדזער אַקטיוו לאָזן אויף הפקר. מ׳קען זיך נישט פאַרלאָזן אויף דער גמינע מיט איר צוזאָג צו לעגאַליזירן עטלעכע הונדערט געזעלשאַפטלעכע טוער. אויב אַלץ ווערט געבויט אויף שאָפּן, צו וואָס דאַרף מען האָבן אַ גמינע? די דייטשן וועלן זיכער די גמינע פאַנאַנדערלאָזן. אויב די גמינע וועט נישט ווערן פאַנאַנדערגעלאָזט, און זי וועט לעגאַליזירן אַ געוויסע טייל געזעלשאַפטלעכע טוער, איז אַ גרויסער פראַגע־צייכן צי פון קאָנספּיראַטיוון שטאַנדפּונקט דאַרפן מיר אויף דעם וועג גיין. אין דער גמינע אַרבעטן אַ גרויסע צאָל באַהאַלטענע און אָפענע קנעכט פון דייטשן אָקופּאַנט און ס׳איז זייער לייכט, דאָס די ליסטע זאָל אַריינפאַלן אין די הענט פון דער געשטאַפּאָ. דער קאָמיטעט באַשליסט אָנצונעמען די געהעריקע מיטלען, כדי צו לעגאַליזירן חברים אין די שאָפּן. ביים פונקט „פינאַנסן“ ווערן אָנגענומען געוויסע פּראָיעקטן. אַדורכצופירן די פּראָיעקטן ווערט איבערגעגעבן די חברים בערלינסקי און יוכטמאַן.

*

פון 28/7 — 1/8. די אַקציע אין געטאָ איז אין פולן גאַנג. די יידישע פּאָליציי אַרבעט „פּרעכטיק“. אירע האַנדלונגען האָבן איבערגעשטיגן אַלע דערוואַרטונגען פון אָקופּאַנט. די ס.ס.־לייט האָבן זיך אויסגעדריקט וועגן דער יידישער פּאָליציי: „זי זינט טאַפּפערע יונגען! אַבער עטוואַס צו ברוטאַל“. די גמינע האָט געוואָלט אַריינ־ציען אין דער אַקציע די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. די אַרבעטער פון די געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציס האָבן לויט דעם גמינע־פּלאַן געדאַרפט צוהעלפן דער יידישער פּאָליציי אין איר ברודיקער אַרבעט. די געזעלשאַפטלעכע אינסטי־טוציעס האָבן געענטפערט לא מיט אַן אלף. די גמינע האָט געדראָט מיט באַזייטיקן פון דער אַרבעט. ס׳האָט גאָרנישט געהאָלפן. דער געזעלשאַפטלעכער סעקטאָר האָט צוריקגעוואָרפן די ברודיקע הענטשקע, וואָס די גמינע האָט אים געוואָרפן.

*

דעם 1/8, 5.30 נ.מ. קום איך אויף נאָוואָליפּקי 20 צום פּאָליטישן טריבון פון וואַרשעווער געטאָ, ח׳ זאַגאַן, כדי צו באַקומען פון אים דעם פּראָיעקטירטן אויפרוף וועגן דער שטעלונג פון לינקע פועלי־ציון צו דער אַקציע. אַ מידער און פאַרמאַ־טערטער בעט ער מיך כ׳זאָל קומען 7.30 אָוונט, ווייל ער דאַרף נאָך מאַכן געוויסע קאָרעקטורן אין אויפרוף. אין צווישנצייט בין איך ביים ח׳ וואַסער אין שטוב אויף נאָוואָליפּקי 29, און פּלוצים אַ שיסעריי. ס׳לויפן מענטשן איבער די דעכער,

וואָס האָט פּאַסירט? מ׳טרייבט אַרויס די איינוווינער פון נאָוואָליפּיע־גאַס. שולץ נעמט צו די גאַס פאַר זיין ווערק. כ׳וויל זיך דורכרייסן צום ח׳ זאַגאַן. אַלע דורכ־גענג זענען בלאָקירט דורך דייטשן, אוקראַינער און יידישער פּאָליציי. כ׳פּרוביר דורכן פּאַרקאַן, אויפן הויף שטייען אוקראַינער. אַ דענערוווירטער קער איך זיך צוריק. ס׳עגבערט מיר אין מוח: „וואָס וועט זיין מיטן אויפרוף?" די טעכניק וואַרט. מ׳דאַרף זיי מעלדן וועגן דעם צופאַל. כ׳״קום אין דער קיך אויף נאָוואָליפּקי 96 צום ח׳ לויפער. די ידיעות פון די חברים פון נאָוואָליפּיע זענען פאַרגע־פלטע. כ׳באַשליס זיך אַדורכרייסן אויף עלעקטאָראַלנע 14, כדי דורכצור־שמועסן מיט דער ח׳טע פאַלע וועגן דער געשאַפענער לאַגע. דורך וואָלגאַשטש, זשעלאַזנע לעשנע און דורכן פּאַרקאַן קום איך אויף עלעקטאָראַלנע. מיר טיילן זיך מיט די מיינונגען. ס׳איז נאָך דער פּאָליציי־שעה. גענוי וועגן נאָוואָליפּיע ווייס מען נישט, מ׳לייגט זיך שלאָפן אויף דער פּאַדלאָגע...

דעם 2/8, 6 פרי. די יידישע פּאָליציי אַרבעט מיט אַ נייעם סיסטעם. זי בלאָקירט קוואַדראַטן, כדי די קרבנות זאָלן נישט קענען אַנטלויפן. דער פאַנג אויף דעם אופן איז אַ בעסערער. מיר גייען (איך און ח׳טע פאַלע) אויף אַ באַזוך צום ח׳ זאַגאַן. אַריינקומענדיק אין שטוב, האָט אונדז ווי אַ דונער געטראָפן די פינצטערע בשורה, אַז די דייטשן האָבן נעכטן צוגערויבט דעם ח׳ זאַגאַן מיט זיין משפחה. מיר הייבן אָן אַלאַרמירן אומעטום. ח׳ בערמאַן לויפט אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. אויפן אומשלאַג־פּלאַץ און אין „זשיטאָס" האָט ווער געלאָזט אַ קלאַנג, אַז זאַגאַן איז פריי. חברים פרעגן: אויב פריי, ווו איז ער? אין שטוב איז ער נישטאָ, אין „זשיטאָס" נישטאָ, ביי פריינט אויך נישט. ווו דען? נאָך מיטאָג באַזוך איך דעם פריינט קירשענבוים, כדי זיך מיט אים דורכשמועסן וועגן די מעגלעכקייטן צו ראַטעווען דעם ח׳ זאַגאַן מיט דער משפחה. זיצנדיק ביי אים אין שטוב אויף לעשנאָ 52, קומט אַריין קירשענבוים אַ דענערווירטער. וואָס האָט פּאַסירט? פרעגן מיר ביי אים. אויפן גאַס איז נישט אין אָרדענונג. וואָס, בלאָקאַדע? מ׳זאָגט דייטשן. אויגן בליק לויף איך אַרויס אויפן גאַס און כ׳זע ווי היטלער־יונגען, צוזאַמען מיט אוקראַינער, בלאָקירן די לעשנאָ־גאַס. די דייטשן אַכטן נישט די „זשיטאָס"־לעגיטימאַציעס. קיין אַנדערע פּאַרמאָג איך נישט. ס׳בלייבט איין אויסוועג — באַהאַלטן זיך. כ׳פאַרבייס די ליפּן און באַשליס: אַ לעבעדיקן וועלן זיי מיך נישט נעמען! איך טראַכט בעסער דערשיסן זיך אויפן אָרט, איידער גיין אין וואַגאָן. כ׳באַשליס זיך צו באַהאַלטן אויפן דאַך. כ׳לויף צוריק אויף לעשנאָ 52. נישט לאַנג געטראַכט און אַריין אין דער רעכטער אָפיצינע, 1שטער איינגאַנג, לעצטער שטאָק און ווי צו להכעיס איז נישטאָ קיין אַרויסגאַנג אויפן דאַך. ס׳עפנט זיך אַ טיר און כ׳שפּרינג אַריין אין שטוב. וואָס איז? פרעגט מיך אַ צעשראָקענער דער באַלעבאָס. אַ

דייטשע בלאָקאָדע, באַקומט ער פון מיר אָן ענטפער. וואָס ווילט איר דאָ? פרעגט ער מיך. אין אייער שטוב זיך באַהאַלטן. ביי מיר נישט! שרייט דער באַלעבאָס. כ׳באַרואיק אים: ר׳ ייד, שלאָגט זיך אַרויס פון קאָפּ, דאָס די שטוב איז אייערע. די שטוב, פונקט ווי אַלע אַנדערע שטובן, געהערן לײדער צו די דייטשן. איר האָט נאָר איין אויסוועג: צו מעלדן די דייטשן, דאָס איך האָב זיך דאָ באַהאַלטן, און זיי קענען מיך דאָ דערשיסן, ווייל אַ לעבעדיקער וועל איך מיט זיי נישט גיין. דערהערנדיק פון מיר אַזעלכע דיבורים, כאַפּט דער באַלעבאָס ס׳ווייב מיט די קינדער און לויפט אויפן גאַס זיך שטעלן אין דער ריי. כ׳הויב אָן זיך אַרומקוקן אין שטוב, כדי צו געפינען אַ ווינקל זיך צו באַהאַלטן. די שאַנק, דער טאַפּטשאַן, די בעטן, ס׳איז קיין באַהעלטעניש. ס׳דערהערן זיך שוין שטימען פון אוקראַינער. די טיר עפנט זיך. ס׳לויפט אַריין אַן אַלטיטשקע. וואָס ווילט איר, באַבעשי?, זיך באַהאַלטן, ענטפערט זי אַ דערשראָקענע. כ׳ווייז איר אָן אָרט און באַפעל איר שטרענג: דאָ אונטערן קינדער־בעטל מוזט איר ליגן, פונקט ווי אַ טויטע. אויב וועלן די דייטשן אייך כאַפּן, זאָלט איר נישט וואָגן אַ פּיפּס צו טאָן, דאָס אין צימער איז נאָך ווער דאָ. אויב איר וועט מיך פאַראַטן, וועל איך אייך אויף דער גאַס דערשיסן, (האָב איך איר אַ סטראַשע געטאָן) אויב כאַפּט מען מיך, וועל איך אייך נישט אויסגעבן. פון קאָרידאָר דערהערן זיך שווערע טריט. די באַנדיטן זענען שוין דאָ. נישטאָ קיין צייט צו טראַכטן. ביי דער טיר פון באַלקאָן ליגן איינגעפּאַקטע פּלעצאַקעס. כ׳שפּרינג אַריין צווישן די פּלעצאַקעס און דעק זיך צו מיט אַ שוואַרץ זיידן קלייד. דאָס קלייד איז באַפּוצט מיט רויט־ווייסע בלימעלעך. אין צימער באַווייזט זיך אַן אוקראַינער מיט אַ ביקס. ער זוכט אומעטום: אויפן באַלקאָן, אונטער דער טיר פון באַלקאָן, אין די שענק, אין די קעשענעס פון די מלבו־שים און געפינט אַ פּייג. אויפן טיש שטייט אַ שעכטל פון זיסקייט. דער חברה־מאַן עפנט עס אויף, ס׳איז ליידיק. שעלטנדיק, וואַרפט ער דאָס שעכטל אויף מיר. כ׳טראַכט: דער באַנדיט האָט מיך באַמערקט, באַלד וועט ער אַ צי טאָן ביים צינגל און ס׳איז געענדיקט מיט מיר. ער דרייט זיך אויס און באַקוקט די ווענט, ס׳קומט אַריין זיינס אַ קאָלעגע. ביידע שטייען לעבן מיר און פירן אַ געשפּרעך: נו, דאָ האָט זיך קיינער נישט באַהאַלטן, נישטאָ קיינער, ענט־פערט דער ערשטער. איך ליג און טראַכט: צי זענען זיי בלינד, די אידיאָטן: 20 צענטימעטער פון זיי ליגט אַ ייד. זיי פאַרלאָזן דעם צימער. אַ פאַרשוויצ־טער, אַ פאַרמאַטערטער, דעק איך אָפּ דאָס פּנים און אָטעם איין פרישע לופט. דערווייל זיך געראַטעוועט פון טויט. פון גאַס דערהערן זיך ווילדע קולות. צווישן דעם גערויש פון אויטאָס דערהערן זיך שאָסן. ס׳ווערט רואיק. די אַר־בעטער פון „טעבענס״ און „שולץ״ — פאַלט אַ באַפעל פון אַ גראַבאָוויטיקן ס.ס.־

אָפּיציר — זאָלן זיך שטעלן אויף דער רעכטער זייט, די פּאָליציי־משפּחות אויף דער רעכטער זייט. ס'ווערן קאָנטראָלירט די דאָקומענטן. די אַרבעטער פון „טעבענס" און „שולץ" און די פּאָליציי־משפּחות ווערן באַפרייט. די איבעריקע ווערן געטריבן אויפן אומשלאַג. אַט אַזוי ווערט די בלוטיקע קאָמעדיע אַדורכ־געפירט. דייטשן, אוקראַינער און יידישע פּאָליציי טרייבן יעדן טאָג טויזנטער און טויזנטער יידישע קרבנות אין די געצעלטן פון טויט. אָפּגענאַרטע און טראַ־ריזירטע, „מאַרשירן" די יידישע מאַסן צו דער טרויעריקער רייזע, צו דער לעצטער רייזע אין זייער לעבן. אין קאָפּ עקבערט נאָר איין געדאַנק: נקמה! בלוטיקע נקמה! פאַר טאַטעס און מאַמעס, פאַר ברידער און שוועסטער, פאַר הברים און פריינט, פאַר קינדער, וואָס ווערן אומגעבראַכט ביי דער מוטערס ברוסט, פאַר די יתומים און אלמנות, פאַר קראַנקע און זקנים, פאַר אַלע.

9 אָוונט קום איך אין קיך אויף עלעקטאָראַלנע און טייל זיך מיט די טרויעריקע איינדרוקן פון היינטיקן טאָג. ווי ס'ווייזט זיך אַרויס, איז די ה'טע פּאָלע געכאַפּט געוואָרן דורך די דייטשן, זי האָט זיך אָבער אַרויסגע־דרייט פון זיי און איז ווייטער דאָ מיט אונדז. ח' קראַמאַזש[46] גיט אַרויס אַ פאַראָרדנונג צו מאַכן פּלעצלעך מיט טיי. מיר עסן אָפּ און לייגן זיך שלאָפן.

דעם 3/8.42. אַלע האָפענונגען צו ראַטעווען דעם ח' זאַגאַן זענען צערונען געוואָרן. מיט אַ ציטערדיק האַרץ פרעגט יעדער פון אונדז: און וואָס ווײ־טער? ווער וועט אין אַ שווערער מינוט געבן אַן עצה? אויב דער פירער פון דער פּוילישער פּאַרטיי, וואָס איז געווען דער פּראָלעטאַרישער פּאָליטישער טריבון פון וואַרשעווער געטאָ, איז אַוועקגערויבט געוואָרן פון אונדז. ס'ווילט זיך נישט גלויבן. לײדער, אַ טרויעריקער פאַקט, נישטאָ מער זאַגאַן. די פּועלי־ציון־מחנה אין פּוילן האָט אין אים פאַרלוירן איר מאַרשאַל, די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן — זייער פירער, די יידישע שול און קולטור — איינעם פון אירע שענסטע געשטאַלטן; דער מאַרקסיזם — איינעם פון זיינע בעסטע קענער, דער וואַרשעווער געטאָ — זיין טריבון, דאָס יידישע פאָלק — איינעם פון זיינע בעסטע זין. מיט געבויגענע קעפּ פון טרויער און הערצער פול מיט ווייטיק באַשליסן מיר, זיינע חברים, ווייטער צו האַלטן דעם רודער פון דער באַוועגונג אין האַנט. דער קאַפּיטאַן איז דערטרונקען געוואָרן, די שיף מוז ווייטער שווימען. מיר וועלן זי פירן און אַרויספירן פון צעבושעוועטן ים!

---

[46] קראַמאַזש מאיר — פון ביאַלע פּאָדלאַסק. חבר פון פּ.צ., סעקרעטאַר פון האָלץ־פאַראיין אין וואַרשע. אין געטאָ טעטיק געווען ביי סאָציאַלער אַרבעט, ספּעציעל אין די פאָלקס־קיכן.

ד ר י י

דער וואַרשעווער אָנפירונג פון דער פּאַרטיי איז געלונגען, אויסנוצנדיק די באַקאַנטשאַפט, אַריינצושטופּן אַ באַדייטנדיקע צאָל חברים אין די שאָפּן, ספּעציעל אין די שאָפּן פון „בערשטער" און „אַ.ב.וו.". „אַ.ב.וו." איז מיט דער צייט געוואָרן דער וויכטיקסטער צענטער פון געזעלשאַפטלעכן לעבן. דאָ איז לעגאַליזירט דער גאַנצער „השומר", די גאַנצע אָנפירונג פון לינקע „פּועלי־ציון", „פּ.פּ.ר." און אַ גאַנצע ריי טוער פון „זשיטאָס". אויך דער „עונג שבת"[47] האָט זיך דאָ געפונען. פאַרוואָס „אַ.ב.וו." און נישט קיין אַנדערער שאָפּ? ווייל אין „אַ.ב.וו." איז איינער פון די הויפּט־דירעקטאָרן געווען אַלעקסאַנדער לאַנדאַו, דער פּאַטראָן פון „השומר", דער מענטש, וואָס האָט זיין פערזענלעך לעבן און פאַרמעגן געשטעלט אין דינסט פון דער געזעלשאַפט, אין דינסט פון צוגרייטן די פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. זיין נאָמען דאַרף פאַרשריבן ווערן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער געשיכטע פון פאַרטיידיקונגס־קאַמף.

אין דער היי־קאָמער פון „אַ.ב.וו." איז געווען טעטיק דער פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט. דאָ זענען פאַרגעקומען די באַראַטונגען פון אונדזערע חברים, דאָ האָט דער פּאַרטיי־קאָמיטעט אָפּגעהאַלטן זיינע זיצונגען. דאָ, אין דער היי־קאָמער, זענען אַרויסגעגעבן געוואָרן אינסטרוקציעס פאַר די חברים אין אַנדערע שאָפּן. פון דאָ האָט די פּאַרטיי געפירט איר הילפס־טעטיקייט פאַר די חברים. מיט דער צייט האָבן מיר באַקומען וווינונגען אויף מילע 54 אין וווין־בלאָק פון „אַ.ב.וו.", און ביי אונדז איז רייף געוואָרן דער געדאַנק וועגן בויען באַהעלטענישן. ס'שאַפן זיך 2 חברים־קאָלעקטיוון: פאָלע, בעלע,[48] בערלינסקי, רובינשטיין,[49] סמאָלאַר,[50] שלאַגער[51] — אויפן 4טן שטאָק. וואָסער, זיין ווייבעלע בלומטשע, גורני,[52] און דער רעוויזיאָניסט געלבלום — אויפן 3טן שטאָק. די קאָלעקטיוון האָבן אויסגעבויט צוויי פּרעכטיקע באַהעלטע־

---

47 „עונג שבת" — פאַרשטעלטער נאָמען פון געהיימען געטאָ־אַרכיוו אין וואַרשע, וואָס ד"ר עמנואל רינגעלבלום האָט אויפגעשטעלט און אָנגעפירט מיט אים.

48 בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ) — די שוועסטער פון פאָלאַ עלסטער.

49 רובינשטיין שמואל — אַ חבר פון דער וואַרשעווער „יוגנט".

50 סמאָלאַר נתן — פון זאַמבראָוו. מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּ.צ., לייטער פון אַ באַראַכאָוו־שול אין וואַרשע. אין געטאָ אָנגעפירט מיט אַ געהיימער שול אויפן נאָמען פון באָראָכאָוו. אומגעקומען.

51 חבר פון פּועלי־ציון.

52 גורני יחיאל — חבר פון פּ.צ. מיטגליד פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. אין אויפשטאַנד געקעמפט אויפן געביט פון די בערשטער אין דער גרופּע פון בערלינסקין. אומגעקומען דעם 10טן מאַי צוזאַמען מיט אַ טייל פון די קעמפער, וואָס האָבן געפּרוווט אַרויסגיין דורך די קאַנאַלן.

נישן, וואָס האָבן אָפּגעראַטעוועט אַ סך חברים און פריינט פון די הענט פון די מערדער.

אין דער ערשטער העלפט פון חודש אויגוסט איז פאָרגעקומען אין „אַ.ב.וו." אַ קאָנפערענץ. אָנוועזנדע: פּאָלע, לעוואַרטאָווסקי און קאַפּלאַן.[53] די קאָנפערענץ האָט באַטראַכט דאָס אַרויסשיקן חברים אין דער פּאַרטיזאַנקע. די קאָנפערענץ איז געקומען צום אויספיר, אַז די קאַנדידאַטן דאַרפן האָבן אַן אַרישן אויסזען, קענען גוט די פּוילישע שפּראַך. די אָנפירונג פון דער פּאַרטיזאַנקע ווינטשט זיך, אַז די קאַנדידאַטן זאָלן זיין מענער. קיין גענויע פּרטים וועגן דער אויסבילדונג, מעלינעס, דעם אופן פון טראַנספּאָרט זענען נאָך נישט באַקאַנט. די קאָנפערענץ באַשליסט צוצוגרייטן קאַדרען פאַר דער פּאַרטיזאַנקע.

אין חודש אויגוסט הויבט אָן אַדאָלף[54] צו שפּינען אַ געדאַנק וועגן אַריבערגיין אויף דער אַרישער זייט. די מערהייט פון דער פּאַרטיי איז קעגן דער איינשטעלונג. די חברים אַדאָלף און באַשע[55] מעלדן, אַז זיי האָבן בדעה זיך איינצואָרדנען אויף דער אַרישער זייט. זיי באַקומען פרייע הענט, און די אויבן דערמאָנטע 2 חברים זענען פאַרן גרויסן אומשלאַג־פּלאַץ[56] אַריבער אויף דער אַרישער זייט.

שבת, דעם 5טן סעפּטעמבער. אין געטאָ אָן אַן ענדערונג. נישטאָ קיין סימן פון עפּעס ספּעציעלעס. אין מיטן דער נאַכט וועקט אונדז אויף פּאָלע פון שלאָף: „חברים, אויפן גאַס קומט עפּעס פאָר, ס'רודערט זיך, מענטשן גייען. ס'איז עפּעס נישט „אין אָרדענונג. מיר וויצלען זיך און לייגן זיך צוריק שלאָפן. דער טומל הערט נישט אויף. די חברטע בעלע וויל אַרויסווייזן איר נישט־פּוילקייט, שפּרינגט אַראָפּ פון בעט און לויפט אויפן גאַס, כדי צו דער־גיין וואָס ס'האָט פּאַסירט. איך און שמואל[57] נעמען זיך שטאַרק נישט איבער מיטן טומל. אין דער פרי ווערט אַ ביסל קלאָרער די לאַגע. מ'רעדט פאַר־שידן: אַלגעמיינע אויסזידלונג, איבעררעגיסטראַציע פון די שאָפּן. מיר לויפן אין אונדזער שאָפּ, כדי עפּעס צו דערגייך. אַ נעכטיקער טאָג. קיינער ווייס

[53] קאַפּלאַן יוסף — פון „השומר הצעיר". איינער פון די גרינדער פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. געכאַפּט געוואָרן דורך דער געשטאַפּאָ אין סעפּטעמבער 1942. פאַרשפּאַרט געוואָרן אין פּאַוויאַק און דערמאָרדעט געוואָרן.

[54] אַדאָלף בערמאַן.

[55] באַשע בערמאַן.

[56] דער גרויסער אומשלאַג־פּלאַץ — אַזוי האָט מען אין געטאָ אָנגערופן די לעצטע טעג פון דער אַקציע, פון 5טן ביזן 12טן סעפּט. 1942, ווען די צאָל קרבנות האָט דערגרייכט די העכסטע ציפערן.

[57] שמואל רובינשטיין.

גאָרנישט. צו אונדז קומען די חברים ליכטענשטיין[58] און גזשיוואַטש[59] און לייגן אונדז פאָר מיר זאָלן זיך צוזאַמען מיט זיי באַהאַלטן, זיי האָבן אַ גוט באַהעלטעניש. אין אויפטראַג פון אונדזער אָנפירונג באַזוך איך דעם „השומר", כדי צו באַטראַכטן געמיינזאַם די געשאַפענע לאַגע. דאָס געשפרעך איז פאָרגעקומען צווישן מיר און יהודהן[60] (פון „השומר"). מ׳רעדט זיך דורך וועגן די מעגלעכקייטן פון אַ געמיינזאַמען אַרויסטריט. ווי האַלט עס מיט אונדזערע „קאַמפס־מכשירים". מיר פאַרמאָגן אַ פאָר צענדליק ליטער נאַפט. שוועבעלעך פעלן אויך נישט אויס, און דאָס איז אַלץ. צוריקקומענדיק צו אונדזערע חברים און איבערגעבנדיק ווי די לאַגע זעט אויס: זאָל מען זיך בעסער נישט מאַכן צו נאַר, און בעסער גיין זיך באַהאַלטן; אָן קיין פולווער קען מען קיין מלחמה נישט פירן. און מיר זענען אַרויס פון קעסל,[61] און זיך באַהאַלטן אויף נאָוואָליפקי 68 אין אונדזער געוועזענער שול און איצטיקער קיך פון „האַלמאַנען".[62] אויך דער „השומר" האָט זיך באַהאַלטן אין אַ פּרעכטיקער באַהעלטעניש אויף מילע 61. אַ גרופּע פון 13 חברים און חברטעס צונויפגעדריקט אין אַ קאָרידאָר פּראָוויזאָריש פאַרמאַסקירט, פאַרזאָרגט מיט עלעקטרי, וואַסער און עסן, האָבן מיר איבערגעהאַלטן און אויסגעמיטן דעם „גרויסן אומשלאַג־פּלאַץ". אויסגעמיטן דעם קעסל פון אומבאַשרייבלעכע פּיין און ליידן, אויסגעמיטן דעם גרויסן עקזעקוציע־פּלאַץ פון די יידישע מאַסן.

אָנגעלערנט פון די געשעענישן פון 6טן סעפּטעמבער 1942, ווו מיר האָבן פאַרלוירן אַ באַדייטנדן טייל פון אונדזער אַקטיוו, האָבן מיר אַרויסגעגעבן אַ אינסטרוקציע צו אונדזערע חברים וועגן בויען באַהעלטענישן. די באַהעלטענישן האָבן אין די שפּעטערדיקע אַקציעס געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָל.

*

אין אָקטאָבער 1942 קומט פאָר אַ קאָנפערענץ צווישן אונדז מיטן

---

[58] ליכטענשטיין ישראל — פון ראַדזין פּאָדלאַסקי. מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון פּ.צ., לייטער פון דער באָראָכאָוו־שול אין פּראַגע. מיטגעאַרבעט אין צענטראַלן געטאָ־אַרכיוו. ער האָט מיטגעהאָלפן באַגראָבן דעם אַרכיוו. אין איינעם פון די אויפגעגראָבענע קאַסטנס פון אַרכיוו איז אָפּגעפונען געוואָרן זיין צוואה.

[59] גזשיוואַטש נחומקע — אַ חבר פון פּ.צ.

[60] יהודה וועגנראָווער.

[61] דער קעסל — דאָס איז געווען דער שטח צווישן די גאַסן סמאָטשע, גענשע, שטשענשליווע, מוראַנאָווער פּלאַץ, ווו די יידן האָבן זיך געדאַרפט פאַרזאַמלען אין די טעג פון 5טן ביזן 12טן סעפּטעמבער 1942, כדי רעגיסטרירט צו ווערן. פון דאָרטן האָט מען אין די 8 טעג אַרויסגעשיקט 65,000 טויזנט יידן קיין טרעבלינקע.

[62] האַלמאַן — שאָפּ פאַר סטאָלעריי.

„השומר". אַנוועזנד: לינקע פּועלי־ציון — פּאַלע עלסטער און בערלינסקי. „השומר" — אריה ווילנער.[63] 1) אַריה אינפאָרמירט אונדז, אַז ס'איז אים געלונגען אָנצוקניפּן אַ קאָנטאַקט מיט די מיליטערישע קרייזן פון דער פּוילישער רעגירונג און מיר וועלן העכסט וואַרשיינלעך באַקומען אונטערשטיצונג אין קאַמף קעגן אָקופּאַנט. 2) ס'איז דאָ אַ קאָנטאַקט מיטן וואַלד, מ'וועט קעגן אַרויסשיקן חברים אין די וועלדער. 3) ס'ווערט באַשלאָסן עפּעטער זיך צונויפצוקומען און מיט געמיינזאַמע כוחות אַ ריר טאָן דעם שטיין פון אָרט.

ענדע אָקטאָבער 1942 איז אין לאָקאַל פון „השומר", מילע 61, פּאַרגעקומען אַ קאָנפערענץ. אָנוועזנד: „השומר" — מרדכי,[64] „החלוץ" — יצחק,[65] „לינקע פּועלי־ציון" — פּאַלע, בערלינסקי און וואַסער. טאָג־אָרדנונג: די פּאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ.

נאָך אַן אַלזייטיקער דיסקוסיע, ווו ס'האָבן אָנטייל גענומען די חברים פּאַלע, בערלינסקי, וואַסער, מרדכי און יצחק, קומען מיר צום געמיינזאַמען אויספיר: 1) אַז ס'ווערט געשאַפן די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, כדי צוצוגרייטן די פּאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. 2) אָנלערנען די יידישע פּאָליציי, ווערקשוץ, שאָפּ־דירעקטאָרן און פאַרשידענע מינים פּראָוואָקאַטאָרן פאַר זייער אַרבעט. ווען ס'קומט צום אויסבילדן אַן אָנפירונג, אַנטוויקלט זיך אַ לײדנשאַפטלעכע דיסקוסיע. איין אינסטאַנץ אָדער צוויי אינסטאַנצן; מיליטערישע, אָדער מיליטערישע און פּאָליטישע. די חברים פון השומר און החלוץ טרעטן שאַרף אַרויס קעגן 2 אינסטאַנצן. צוויי אינסטאַנצן וועלן דערפירן צו דיסקוסיעס, וואָס וועט שטערן אין דער אַרבעט. ס'וועט זיך אָנהויבן די צייט פון ערב דעם חורבן, ווו די פּאַרטייען האָבן דיסקוטירט און גאָרנישט געטאָן. מיט חוזק און ביטול דריקן זיך אויס די חברים פון „השומר" און „החלוץ" וועגן די פּאָליטישע פּאַרטייען: די פּאַרטייען האָבן נישט קיין רעכט אונדז צו זאָגן דעות. אויסער דער יוגנט וועלן זיי גאָרנישט טאָן, זיי וועלן נאָר שטערן. מ'דאַרף שאַפן איין מיליטערישע אָנפירונג און צוטרעטן צו דער אַרבעט.

---

[63] ישראל חיים ווילנער (צונאָמען א"יה, יורעק) פון וואַרשע. געווען צווישן די גרינדער פון דער י"יד. קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. פאַרטרעטן אויף דער אַרישער זייט די י"יד. קאַמפּס־אָרג. ביי דער פּוילישער אונטערערד. אין אויגוסט 1942 געבראַכט דאָס ערשטע געווער אין געטאָ אַריין. אין יאַנואַר 1943 אָנגעפירט מיט אַ קאַמף־גרופּע. טעטיק געווען אין אַפּריל־אויפשטאַנד. דעם 8טן מאַי 1943, ווען די דייטשן האָבן אַרומגערינגלט דעם בונקער אויף מילע 18, האָט ער גערופן די חברים צו באַגיין זעלבסטמאָרד און נאָכטאָן זיין ביישפּיל.

[64] מרדכי אַנילעוויטש.

[65] יצחק צוקערמאַן.

דריי

די חברים פון די „לינקע פועלי־ציון" ווייזן אָן די פאַלשע איינשטעלונג פון השומר און החלוץ וועגן בכבודיקן שטאַרבן. „מיר קעמפן, כדי צו לעבן. אויב וועלן טיילן פון אונדז פאַלן אין קאַמף, וועלן מיר דערפון קיין טראַגעדיע נישט מאַכן. יעדער קאַמף פאַדערט קרבנות. אויב די פאָליטישע פאַרטייען האָבן געמאַכט געוויסע פעלערן, זענט איר נישט די, וואָס האָבן אַ רעכט זיי צו משפטן. נישט איר האָט און נישט איר וועט פירן דעם פאָליטישן קאַמף. געפירט האָט אים און פירן וועלן אים די פאָליטישע פאַרטייען, פאַלש, אָדער ריכטיק, אָבער פירן וועלן זיי אים. איר וועט נישט פאַלש און נישט ריכטיק פירן דעם פאָליטישן קאַמף. די יידישע מאַסן האָבן אייך זייער פאַר־טרויען נישט געשענקט און וועלן אייך אין דער צוקונפט זייער פאַרטרויען נישט שענקען. נאָר די פאָליטישע פאַרטייען האָבן אויף די עפנטלעכע טריבונעס אויסגעשריען דעם פיין און ווייטיק פון די מאַסן און נישט איר. אין דער צוקונפטיקער געשטאַלטונג פון דער יידישער וועלט וועלן די פאָליטישע פאַרטייען זאָגן זייער וואָרט און נישט איר. מיינט נישט, חברים, אויב מען פאַרמאָגט 2 צעבראָכענע רעוואָלווערן, דאַרף מען פון זיך אַזוי בלאָזן און מיט קיינעם זיך נישט רעכענען. איין אינסטאַנץ, אָדער צוויי אינסטאַנצן. מיר, „לינקע פועלי־ציון" האַלטן, דאָס יעדער באַוואָפנטער אַרויסטריט אין געטאָ מוז ווערן געמאָסטן און געוויגן, מען טאָר נישט דערלאָזן צו קיין לייכטזיניקע שריט, וואָס קענען ברענגען צו אַ פריצייטיקער ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. אַ גרופּע, אָדער אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס איבט מיט וואָפן, שאַפט זיך ביי (איר) די שטרעבונג און וואָרט שוין אויפן „גליקלעכן" מאָמענט צו מאַכן אַ געברויך פון דעם וואָפן. מיר האַלטן פאַר אַן אומבאַדינגטן תנאי דאָס שאַפן פון נאָך איין אינסטאַנץ, וואָס זאָל פּאָליטיש. ניכטער אָפּשאַצן ווען ס׳איז די פּאַסיקע צייט באַוואָפנט אַרויסצוטרעטן. וואָס שרעקט איר זיך אַזוי שטאַרק, וואָס האָט איר אַזוי מורא? די גערעכטיקייט מוז שטענדיק זיגן. ווען אפילו מיר זאָלן אַרויסגיין פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די געטאָ וועט אונטערגיין און מ׳וועט נישט דאַרפן אָפּגעבן פאַר קיינעם קיין חשבון פאַר די טאַטן, דער־קלערן מיר, אַלס פּאָליטישע פּאַרטיי, אַז מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אונדזערע טאַטן פאַר די יידישע מאַסן אין דער וועלט און לגבי אונדזערע חברים אין אויסלאַנד. מיר ווילן נישט, אַז צוליב לייכטזיניקע שריט זאָל ווער וואַרפן שטיינער אין אונדזער קבר. אויב זענט איר נישט מסכים, דאָס די פּאָלי־טישע פּאַרטייען זאָלן קאָנטראָלירן די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, שאַפט איר פאַר אונדז אַן אוממעגלעכן באַדינג אין אים אָנטיילצונעמען".ביידע צדדים האַלטן זיך פעסט ביי זייערע מיינונגען ...

אונדזער פּראָפּאָזיציע: אַזוי ווי ביידע צדדים האַלטן זיך פעסט ביי זייערע

מיינונגען און דאָס דראַט, אַז די קאָנפערענץ זאָל זיך פאַנאַנדערגיין, און קיין קאַמפּס־פראָנט זאָל נישט אויסגעבילדעט ווערן, לייגן מיר פאָר אָפּצולייגן די קאָנפערענץ ביז נאָך מיטאָג, כדי מיר זאָלן זיך קענען פאַרשטענדיקן מיטן פּאַרטיי־קאָמיטעט פון לינקע פּועלי־ציון און באַקומען די ענדגילטיקע אינסטרוקציע.

מאָמענטאַל האָבן מיר צונויפגערופן אַ זיצונג פון פּאַרטיי־קאָמיטעט. אָנווענזנד: פּאָלע, בערלינסקי, וואַסער, מלך,[66] לענט, בלומשטיין.[67] די זיצונג האָט פולשטענדיק אָקצעפּטירט די האַנדלונג פון דער דעלעגאַציע. נאָך מיטאָג בין איך באַאויפטראַגט געוואָרן פון פּאַרטיי־קאָמיטעט אָפּצוגעבן אויף דער קאָנפערענץ פאָלגנדע דערקלערונג: „דער פּאַרטיי־קאָמיטעט פון לינקע פּועלי־ציון אַפּראָבירט פולשטענדיק די אַרויסגעזאָגטע מיינונגען און די שטעלונג פון דער דעלעגאַציע. מיר אַפּעלירן צו די חברים פון השומר און החלוץ, פאַרעקשנט אייך נישט. זייט מסכים מיט אונדזער גערעכטער שטעלונג און דאָס וועט דערמעגלעכן דאָס אויסבילדן פון אַ געמיינזאַמען קאַמפּס־אַפּאַראַט". איך האָלט שוין ביים געזעגענען זיך, און פּלוצים האָב איך באַקומען דעם הסכם. מיט פרייד האָב איך געאײַלט איבערצוגעבן די חברים די ידיעה.

מיטן מאָמענט ווען ס'איז געקומען צום הסכם וועגן 2 אינסטאַנצן: מיליטערישע און פּאָליטישע איז געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער געמיינזאַמער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.[68] מיר האָבן באַשלאָסן אויסצוברייטערן אונדזער טעטיקייט און צוציען דעם „בונד".

---

[66] מלך פיינקינד.

[67] בלומשטיין אברהם — פּ.צ.־חבר פון לאָדזש. אין וואַרשעווער געטאָ זיך באַטייליקט אין דער סאָציאַלער אַרבעט און אויך אין אונטערערדישער טעטיקייט. געפאַלן אין קאַמף אין געטאָ.

[68] יצחק צוקערמאַן גיט איבער אין זיין באַריכט, געשריבן אין מערץ 1944 און אַרויסגעשיקט דורך די קאַנאַלן פון פּוילישן אונטערערד קיין לאָנדאָן דעם 24סטן מאַי 1944, אַז דעם 28סטן יולי 1942 איז צווישן די יוגנט־אָרגאַניזאַציעס: השומר הצעיר, דרור און עקיבא, באַשלאָסן געוואָרן צו שאַפן אַ יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע, יי.ק.אָ. די אויפרופן אין פּויליש זענען געווען אונטערגעשריבן מיט די איניציאַלן ŻOB — זשידאָווסקאָ אָרגאַניזאַציאַ באָיאָוואַ — יידישע קאַמף־אָרגאַניזאַציע... אָבער די באַוואָפענונג פון גאַנצן געטאָ איז באַשטאַנען פון איין רעוואָלווער (זע מלך ניישטאַט: „חורבן און אויפשטאַנד פון די אידן אין וואַרשע", תל אביב 1948, זייט 138). מיטן הסכם, וואָס איז דערגרייכט געוואָרן אין אָקטאָבער 1942 איז, ווי בערלינסקי דריקט זיך אויס, „געלייגט געוואָרן דער גרונטשטיין פאַר דער געמיינזאַמער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע", וואָס האָט איצט אַחוץ די יוגנט־באַוועגונגען אַרומגענומען אויך די פּאָליטישע פּאַרטייען — פריער די לינקע פּועלי־ציון און דערנאָך (אין נאָוועמבער) דעם „בונד" און די פּועלי־ציון צ.ס.

*

אין נאָוועמבער 1942 איז פאָרגעקומען אַ קאָנפערענץ מיטן אָנטייל פון „בונד”. מיר גיבן איבער דעם „בונד” וועגן דער געשאַפענער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, אירע אויפגאַבן און צילן, און לייגן פאָר דעם „בונד” אָנטיילצונעמען אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשעווער געטאָ. נאָך אַ לאַנגדויערנדיקער און אַלזייטיקער דיסקוסיע, ווו ס'האָבן אָנטיילגענומען די חברים: השומר — מרדכי, החלוץ — יצחק, לינקע פועלי־ציון — בערלינסקי, „רעכטע פועלי־ציון” — מאָרגענשטערן, „בונד” — בלום און בערעק.[69] ס'ווערט באַשלאָסן: אַזוי ווי דער „בונד” וויל נישט רעזיגנירן פון זיין פאָרשטייער אין דער רעגירונג און די קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פון איר פאָרשטייער, צו דעלעגירן 2 פאָרשטייער, וואָס זאָלן זיך באַמיען האַרמאָניש צוזאַמענאַרבעטן, כדי עס זאָל האָבן אַן אויסזען. פאַר אויסן פאַרטרעט אין פאָרשטייער דעם „בונד”, דער צווייטער — דעם „יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט” און די יידישע קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. ס'ווערט געשאַפן די קאָאָרדיניר־קאָמיסיע. די פּאָליטישע פאָרשטייערשאַפט פון אַלע פאַרטייען, וואָס האָט וועטאָ־רעכט אויף די באַשלוסן פון דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע.

פאַר אויסן פיגורירן דריי אינסטאַנצן:

„Żyd. Kom. Nar.", „Komisja Koordynacyjna i Bund", Żydowska Organizacja Bojowa" (Ż.O.B.).

אין דער הויפּט־קאָמענדאַנטור פון דער „יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע” ווערן באַשטימט פאָלגנדע ח"ח: השומר — מרדכי, החלוץ — יצחק, „לינקע פועלי־ציון” — בערלינסקי (Jeleń), „רעכטע פועלי־ציון” — מאָרגענשטערן, „בונד” — בערעק. אין דער קאָאָרדינאַציע־קאָמיסיע: „בונד” — בלום, „לינקע פועלי־ציון” — מלך עסדעק, „רעכטע פועלי־ציון” — מאָרגענשטערן, „השומר” — מרדכי, „החלוץ” — יצחק, „דרור” — צביה,[70] ציוניסטן[71] — קירשענבוים. דער יידישער נאַציאָנאַלער קאָמיטעט איז נישט מער ווי אַ שילד, וואָס די הויפּט־קאָמענדאַנטור נוצט אויס פאַר איר טאַקטישע[72] (שריט) לגבי דער רעגירונג. די ערשטע זיצונג פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור באַשטימט פאָלגנדע רעסאָרטן:

הויפּט־קאָמענדאַנט — מרדכי (Anielewicz)

---

[69] בערקע שניידמיל — פון „בונד”.

[70] צביה לובעטקין.

[71] אַלגעמיינע ציוניסטן.

[72] דאָס וואָרט „שריט” פעלט אין טעקסט.

מאַגאַזין פון געווער — יצחק.
פלאַנירונג — יעלען.
אויסשפּיר — בערעק.
פינאַנסן — מאָרגענשטערן.

ס'ווערן אויסגעטיילט קאָמענדאַנטן פאַר ראַיאָנען: בערשטער: ה. ק.[73] — בערעק, פאַרטרעטער — בלומשטיין. „אָ.ב.וו.", הויפּט — העלער[74], פאַרטרעטער — שמואל רובינשטיין, „האַלמאַן: הויפּט־קאָמ. — שלאַמאַ,[75] פאַרטרעטער — ליכטענשטיין, „קורט רעריך,[76] ה.ק. — לענט. פאַרטר. — ראַזאָווסקי.[77] וועגן קאָמענדאַנטן פאַרן „געטאָ, שולץ, טעבענס, וועט מען באַשליסן אויף אַ צווייטער זיצונג.

די אָרגאַניזאַציע און דער כאַראַקטער פון די גרופּן

די קאַמפּס־גרופּן ווערן אָרגאַניזירט פון מיטגלידער פון פּאָליטישע פּאַרטייען און יוגנט־אָרגאַניזאַציעס. יעדע פּאַרטיי און יוגנט־אָרגאַניזאַציע איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן אָפּקליוב פון אירע מיטגלידער. ס'ווערן אָרגאַניזירט פּאָלגנדע גרופּן צו 5 פּערזאָן:

אָ.ב.וו. — לינקע פּועלי־ציון: 2 גרופּן.
אָ.ב.וו. — השומר: 4 גרופּן.
בערשטער — לינקע פּ.צ.: 3 גרופּן.
בערשטער — בונד: 2 גרופּן.
האַלמאַן — לינקע פּ.צ.: 2 גרופּן.
האַלמאַן — השומר: 1 גרופּע.
קורט רעריך — לינקע פּועלי־ציון און בונד: 1 גרופּע.
„שולץ" — השומר: 1 גרופּע.
געטאָ — החלוץ: 3 גרופּן.

זייער טרויעריק האָט אויסגעזען די באַוואָפענונג פון די גרופּן. שטעקנס, מעסערס, אייזערנע הענטשקעס, זאַלץ־ און שוועבל־זוירע, נאַפט, בענזין, זאַפּאַל־קעס און 2 רעוואָלווערן פאַר דער גאַנצער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. דאָס זענען געווען אונדזערע קאַמפּס־מכשירים.

---

[73] ה. ק. — הויפּט־קאָמענדאַנט.
[74] שמעון העלער פון „השומר הצעיר".
[75] יוסף יהושע ווינאָגראַן (פּסעוודאָנים שלמה, סאַלאָמאַן) — פון „השומר הצעיר".
[76] „קורט רעריך" — שאָפּ אויף נאַוואָליפּיע.
[77] ראַזאָווסקי וואָלף — חבר פון „בונד".

אַט מיט די דאָזיקע מיטלען האָבן זיך די ענטוזיאַסטן גענומען בויען אַ קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. וויפל גלויבן, אידעאַליזם, מוט און אויסדויער האָבן די חברים פון דער אָנפירונג באַדאַרפט פאַרמאָגן, כדי צו קענען זיך און אַנדערע באַגייסטערן פאַרן קאַמף. נישט בעסער איז געווען מיט די פינאַנסן. מיר האָבן נישט געהאַט קיין געלט אויף איינקויפן נאַפט און אַנדערע ברענשטאָפן. עס איז געשאַפן געוואָרן אַ פינאַנס־קאָמיסיע פון די ח״ח: גיטערמאַן, רינגעלבלום, בלאָך, קאָן, לאַנדאַו, קירשענבוים און מאָרגענשטערן.

די פינאַנס־קאָמיסיע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געווינען די „הערצער״ פון די יידישע גבירים פאַר דעם הייליקן ציל. די יידישע געלט־זעק זענען געבליבן טויב און בלינד אויף אונדזער רוף וועגן געלט, כדי צו קענען קויפן געווער. גבירים, וואָס האָבן פאַרמאָגט מיליאָנען זלאָטעס האָבן געטאָן אַ טובה, ווען זיי האָבן זיך באַשטייערט אויף דעם צוועק מיט אַ טויזנט זלאָטעס. נאָך לאַנגע באַמיאונגען איז צונויפגעזאַמלט געוואָרן עטלעכע צענדליק טויזנט, וואָס איז געווען ווי אַ טראָפּן אין ים.

אין די שאָפּן ווילדעווען יידישע מאַכערס. דער דייטשער מת לעבט נאָך און די יידישע מאַכערס האָבן שוין איבערגענומען בירושה זיינע מעטאָדן. די הויפּט־קאָמענדאַנטור האָט באַשלאָסן אויף איינער פון אירע זיצונגען צו מאַכן אַ סוף צו דער דאָזיקער לאַגע און צוימען די אַפּעטיטן פון די יידישע ווערק־שוץ[78] און שאָפּ־דירעקטאָרן, וואָס טעראָריזירן און באַגנבענען די אַר־בעטער אין די שאָפּן. ספּעציעל אויסגעצייכנט ביים טעראָריזירן און מסרן האָבן זיך: ביי „בערשטער״ — אייבושיץ, ביי „שולץ״ — זינגער און ביי „האַל־מאַן״ — בעכער.

ס'ווערן באַשטימט גרופּן, וואָס דאַרפן אויספירן די אַרבעט. די אויסוואורפן דאַרף מען נישט טויטן, נאָר אָנבויקערן גוט די ביינער און באַגיסן מיט זאַלץ־זוירע זייערע קערפּער. די גרופּן זענען צוגעטרעטן אַדורכצופירן די אויפגאַבן. ביי שולץ גייט זייער גוט, ביי האַלמאַנען און די בערשטער רירט זיך נישט פון אָרט. דער קאָמענדאַנט פון די בערשטער, אַ בונדיסט, שלעפּט אָפּ פון אויספירן דעם באַשלוס. ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגע־וויזן, איז דער בונד געווען פאַראינטערעסירט, דאָס אויפן געביט פון די בערשטער זאָל קיין אַקציע נישט פאָרקומען, ווייל דאָרטן האָט זיך געפונען זיין גאַנצער אַפּאַראַט. די מענטשן האָט מען טיילוויז געקענט און זיי האָבן מורא געהאַט, אַז ס'קען פאַלן אַ חשד, דאָס זיי האָבן די אַרבעט אויסגעפירט. און דעריבער האָט דער מנובל אייבעשיץ ווייטער געווילדעוועט.

[78] ווערקשוץ — ספּעציעלע אָפּטיילונגען, וואָס האָבן אָפּגעהיט די שאָפּן.

ביי „האַלמאַנעך" איז דער אַטענטאַט נישט געלונגען. דער ווערקשוצלער איז לייכט פאַרוואונדעט. איינער פון די גרופּן איז אַרעסטירט. ער געפינט זיך אין דער וואַך־שטוב. מ׳דאַרף אים אָפּשלאָגן איידער מ׳שיקט אים אויף דער בעפעל שטעלע.[79] ס׳ווערט צונויפגעשטעלט אַ גרופּע, וואָס דאַרף דעם חבר אָפּשלאָגן. צו דער באַשטימטער צייט איז די גרופּע באַפאַלן די וואַך־שטוב, דעמאָלירט דעם לאָקאַל, צעשלאָגן דעם ווערק־שוץ, באַפרייט דעם חבר און קאָנפיסקירט אַלע דאָקומענטן. די אַרבעט איז געלונגען. חברה רייבן די הענט פאַר פרייד.

„שולץ". די גרופּע איז פאַנאַנדערגעטיילט אין די טויערן. יעדער באַיאַ־וויעץ אויף זיין אָרט. ס׳איז 7, ס׳איז שוין 7.30 אָוונט. דער חברהמאַן איז נאָך נישטאָ. פּלוצים — אַ פייפערייַ. מ׳לויפט. די ווערק־שוץ יאָגט אונדזערס אַ חבר. דער חבר איז מכבד דעם ווערקשוץ מיט זיין מכשיר און אַנטלויפט. די ווערק־שוץ זוכט אין אַלע טויערן. ס׳ווערט אַרעסטירט דעם דיכטער קאַצענעלסאָנס זון, מ׳געפינט ביי אים אַן אייזערנע הענטשקע. אין דער וואַך־שטוב ברענגט די ווערק־שוץ ספּרענזשינעס, שטיקער אייזן — די „קאַמפּס"־מכשירים פון די באַ־יאָוצעס. די אויספאָרשונג גיט נישט קיין רעזולטאַטן. דער יאָט האַלט זיך פעסט. ער דערקלערט, אַז די הענטשקע האָט ער געפונען. אַ דאַנק דעם, וואָס קאַצענעלסאָן איז אַן אַנגעזעענער בירגער אין שאָפּ, ווערט צונויפגעשטעלט אַ פּראָטאָקאָל און זיין זון ווערט באַפרייט. דער לאָבוז זינגער אין שולצס שאָפּ לעבט וויטער אַ גוטן טאָג. ס׳איז ממש נישטאָ דער טאָג, ער זאָל נישט צע־שלאָגן ווען פון די אַרבעטער. די הויפּט־קאָמענדאַנטור באַשליסט פאַר יעדן פרייז אַן ענדע מאַכן מיט דעם באַנדיט. ס׳ווערט אויסגעטיילט אַ ספּעציעלע גרופּע. כדי די דייטשן און די ווערקשוץ זאָלן נישט פאַלן אויף אונדזערע שפּורן, ווערט דער יונגער קאַצענעלסאָן אַראָפּגעבראַכט אין געטאָ. אין אַ ווינטער־אָוונט, זיצן די חברה ביים טיש. דער טיש איז סערווירט: מיט אַ האַק, אַ האַמער, אַן אייזערנעם דראָנג, אַ פלאַש זאַלץ־זוירע און אַ רע־וואָלווער פאַרן קאָמענדאַנט. דאָס זענען די טשאַסטעס, מיט וועלכע מ׳וועט מקבל־פּנים זיין דעם גאַסט. דער קאָמענדאַנט גיט איבער דעם פּלאַן פון דער אַקציע. אין אַ פּאָר הארציקע ווערטער גרוזגנט ער די חברה און ווינטשט דערפאָלג אין דער אַרבעט. די חברה מאַרשירן אָפּ אויף זייערע פּאָזיציעס. די נערוון זענען אָנגעצויגן ווי סטרונעס. דער אָבסערוואַטאָר פאַרנעמט זיין פּאָסטן. דורכן פאַרנעפּלטן אָוונט באַווייזן זיך די ליכט־סיגנאַלן פון אָבסער־וואַציע־פּונקט. אַכטונג! ער קומט אָן. די חברה נעמען אים אין אַ קרענצל. ס׳דער־

---

79 זע באַמערקונג 9.

הערט זיך אַ טעמפּער קלאַפּ. די חיה פאַלט אום. ווער באַגיסט אים מיט „קאָ־לאָנסקע וואַסער" (זאַלץ־זוירע). די האָר זיינע פּראָטעסטירן און פאַרלאָזן זיין קאָפּ. אַ ווילד חיהש געשריי שניידט דורך די לופט. ס'ווערט אַ לויפעניש, אַ זוכעניש: דאָקטוירים, קראַנקנשוועסטערס. אוי! ראַטעוועט, ברומט די בעסטיע. (דאָס) שטיקל אַרבעט איז געלונגען. צוליב נישט פאָרזיכטיקייט איז איינער פון די באַיאָוּצעס פאַרוואונדעט. שולץ שאַפּ האָט אַ ביסל אָפּגעאָטעמט. „אַ ברכה אויף זייערע הענט!" — האָבן געשעפּטשעט זינגערס קרבנות אין די ווינקעלעך. דער אַקט האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא אויף אַ גאַנצער ריי שאַפּ־מאַ־כערס.

אין חודש נאָוועמבער טוישט דער „בונד" זיין פאָרשטייער אין דער קאָמענדאַנטור. אויפן אָרט פון בערעקן ווערט דעלעגירט מאַרעק.[80] מיט דער אויפקלערונג, אַז בערעק איז פאַרנומען מיט פּאַרטיי־ענינים. ווי נאָר ער וועט דערליידיקן זיין שליחות וועט ער באַלד איבערנעמען זיין אַמט אין דער קאָ־מענדאַנטור. מיר טייטשן אויס דעם דאָזיקן טויש מיט אַ שוואַכן אינטערעס פון „בונד" צו דער אַרבעט.

*

אין מיטן נאָוועמבער 1942 האָבן מיר דערהאַלטן אַ פריילעכע ידיעה, אַז מיר באַקומען אונטערשטיצונג פון דער דעלעגאַטור.[81] אין אַ געשפּרעך מיט אונדזער פאָרשטייער יורעק[82] (Jurek), האָט די רעגירונג־דעלעגאַטור פאַרלאַנגט פאַרן פּרייז פון אונטערשטיצונג אַ דעקלאַראַציע וועגן אונדזער באַציונג צום ראַטן־פאַרבאַנד אין פאַל פון אַ מלחמה צווישן פוילן און ראַטן־פאַרבאַנד, צי מיר וועלן קעמפן קעגן דער רויטער אַרמיי. ענג איז אונדז געוואָרן די וועלט. די „לינקע פּועלי־ציון" און „השומר" קענען זיך קיין אָרט נישט געפינען. אָפּגעבן אַ דעקלאַראַציע — הייסט פאַרשוועכן אונדזערע הייליקסטע אידעאַלן. דער „בונד" שווייגט, די רעכטע שטאַמלען און פאַרנעמען נישט קיין קלאָרע שטעלונג. יצחק[83] איז נישט געוועזן אין וואַרשע. די זיצונג ווערט אָפּגעלייגט. אויפן צווייטן טאָג קומען מיר זיך ווייטער צונויף. דער זעלבער טאָג־אָרדענונג: אונדזער ענטפער דער דעלעגאַטור. ס'ווערט אָנגענומען דער פאָרשלאָג פון

---

[80] מאַרעק עדעלמאַן — פון „בונד". איינער פון די, וואָס האָבן געשאַפן די אונטערערדישע גרופּעס פון „צוקונפט" אין געטאָ־אויפשטאַנד. אָנגעפירט מיט די קאַמפן אויפן בערשטער־געביט. אַרויס דורך די קאַנאַלן דעם 10טן מאַי 1943.

[81] דעלעגאַטור — עקספּאָזיטור אין לאַנד פון דער פוילישער גלות־רעגירונג אין לאָנדאָן.

[82] ווילנער — פון „השומר הצעיר". זע באַמערקונג 63.

[83] יצחק צוקערמאַן.

די לינקע פועלי־ציון: אָפּגעבן אַ דיפּלאָמאַטישן ענטפער אין נאָמען פון „נאַציאָנאַלן קאָמיטעט״: „אַלס בירגער פון פּוילן פאַרפּליכטן אונדז די באַשלוסן פון דער פּוילישער רעגירונג״. דערביי דערקלער איך פאָלגענדעס אין נאָמען פון „לינקע פועלי־ציון״.

„טייערע חברים! אין פאַל פון אַ קאָנפליקט צווישן פּוילן און דעם ראַטן־פאַר־באַנד וועלן מיר אַלץ טאָן, כדי אָפּצושוואַכן די קאַמפסקראַפט פון פּוילן. אונדזער אָרט איז אין די רייען פון דער רויטער אַרמיי און מיר וועלן אַלץ טאָן, כדי צוצוהעלפן איר דעם נצחון. דער נאָוועמבער 1917 לערנט אונדז, דאָס אַ סך פון אונדזערע היינטיקע פריינט וועלן אין אַן אַנטשיידענעם מאָמענט פון קאַמף פאַר דער אַרבעטער־מאַכט ווערן אונדזערע בלוטיקע שונאים. מיר האָבן זיך פאַרייניקט, כדי צו קעמפן קעגן דייטשן אָקופּאַנט, קעגן דער אויסראָטונג פון די יידישע מאַסן אין וואַרשעווער געטאָ. ס׳איז נישט אויסגעשלאָסן, (אַז) דאָס געווער, וואָס מיר וועלן מיט געמיינזאַמע כוחות דערגרייכן, זאָל ביי גרויסע פּאָליטישע אַנטשיידונגען וועגן דער געשטאַלטונג פון דער וועלט, אַנווענדן איינער קעגן דעם צווייטן פון אונדז, אויב דער פּאָליטישער אינטע־רעס פון דעם אַרבעטער־קלאַס און זיין אַוואַנגאַרד וועלן דאָס פאָדערן פון אונדז״. דער „השומר״ איז מסכים מיט אונדז, דער „בונד״ שוויגט.

פון מאָמענט, ווען מיר האָבן באַקומען די ערשטע 10 מאַשינען אין חודש דעצעמבער, איז אונדזער אַרבעט אַרויף אויף נייע רעלסן, די גרופּן איבן פלייסיק. ס׳אָרגאַניזירן זיך נייע גרופּן. מיטן געטאָ איז אַ ביסל ערגער. נישטאָ קיין קאַנדידאַט אויף אַ קאָמענדאַנט, און ס׳איז נישטאָ קיין גענוגנטע צאָל גרופּן. די בעסטע גרופּן זענען אין די שאָפּן. מאַרעק ווערט באַשטימט צייט־ווייליק אַלס קאָמענדאַנט פון געטאָ. די אָרגאַניזירונג רירט זיך נישט פון אָרט, ווייל דער אַקטיוו געפינט זיך אין די שאָפּן. איך באַזוך עטלעכע מאָל „בראַוערן״ [84] רעד זיך אַדורך מיט עטלעכע יאַטן. דעם פּראָיעקטירטן קאָמענ־דאַנט פון שאָפּ קען איך נישט טרעפן, און מוז רעזיגנירן.

אויף די זיצונגען פון דער ה.[85] קאָמענדאַנטור הויבט זיך אָן אַ וויכוח וועגן פאַנאַנדערטיילן ס׳געווער. די שומרים און חלוצים ווילן ס׳געווער נישט פאַנאַנדערטיילן. די רעכטע העלפן זיי אַדורכפירן די קרעמערישע פּאָלי־טיק. אונטער פאַרשידענע תירוצים, צ. ב. קאָנסערוואַציע, קאָנספּיראַציע און אַנדערע באָבע־מעשיות, ווילן זיי ס׳געווער פון האַנט נישט אַרויסגעבן. רעד

---

[84] בראַוער — שאָפּ. זיך געפונען אויף נאַלעווקעס פון נומער 28 ביז מוראַנאָוו.
[85] ה. —— הויפּט.

היינט און רעד מאָרגן, ס׳העלפט נישט קיין אַרגומענטן און קיין לאָגיק. מיט אַ מערהייט ווערט באַשלאָסן, און ס׳בלייבט אַזוי ווי געוועזן.

אין דעצעמבער ווערט באַשטימט אַ קאָמענדאַנט פאַרן שולצס שאָפּ — ישראל.[86] אויך ביי טעבענס ווערט באַשטימט אַ גרופּע: קאָמענדאַנט — טענצער.[87]

דורך דער פאַרמיטלונג פון פריינט לאַנדאַו געלינגט דעם קאָמיטעט אַנצו־בינדן אין דעצעמבער אַ קאָנטאַקט מיטן ה׳ בערמאַן. די באַגעגעניש איז פאָר־געקומען אין מיליטערישן שפּיטאָל אויף פּראַגע. מיר אינפאָרמירן זיך קעגנ־זייטיק. איך אינפאָרמיר דעם ה׳ בערמאַן וועגן דער אַרבעט פון אונדזערע חברים אין געטאָ און אין די שאָפּן, וועגן אונדזער טעטיקייט אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, וועגן די צאָל גרופּן און זייער צוזאַמענשטעל, וועגן אונדזערע פּלענער אין דער נאָענטסטער צייט. ה׳ בערמאַן אינפאָרמירט וועגן דער שאַפונג פון אַ הילפס־קאָמיטעט ביי דער דעלעגאַטור. די אויפגאַבע פון הילפס־קאָמיטעט — טראָגן הילף די יידן אויף דער אַרישער זייט. אין הילפס־קאָמיטעט זענען פאַר־טראָטן וו.ר.נ.,[88] דעמאָקראַטן, פּויערים־פּאַרטיי, אַ ריי אינטעלעקטועלע, און דער ה׳ בערמאַן, אַלס פאַרטרעטער פון די געפּלאָגטע יידישע מאַסן. דער הילפס־קאָמיטעט האָט זיך אין חודש דעצעמבער פאַרוואַנדלט אַלס ראַדע.[89] די חברטע באַשע העלפט צו אין דער טעכנישער אַרבעט. די טרעפונג איז פאָר־געקומען אין דעצעמבער 1942 און האָט, אָן ספק, געהאַט אַ קאָלאָסאַלע ווירקונג אויף אונדזער ווייטערדיקער אַרבעט. אין געטאָ גייט די אַנטוויקלונג „נאָרמאַל". יעדן טאָג ווערן דערשאָסן יידן דורך ס.ס.־לייט פאַר דרייען זיך אין גאַס. פּלאַצוווקאַזשעס[90] מאַרשירן אין געשלאָסענע רייען מיט געזאַנג.

---

[86] ישראל קאַנאַל — פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „עקיבא". פון די ערשטע מיטגלידער פון דער ייד. קאַמפּס־אָרג. ער האָט אויסגעפירט דעם אַטענטאַט איבער דעם קאָמענדאַנט פון דער יידישער פּאָליציי, יוזעף שערינסקי, דעם 10טן אויגוסט 1942. אין אויפשטאַנד — קאָמענדאַנט אין דעם צענטראַלן געטאָ. אַרויס דורך די קאַנאַלן. שפּעטער פאַרשיקט געוואָרן קיין בערגען־בעלזען און פון דאָרט קיין אוישוויץ, וווּ ער איז אומגעקומען אין אָקטאָבער 1943, אין עלטער פון 23 יאָר.

[87] טענצער יחיאל — פון קאַליש. אַקטיווער חבר פון פּ.צ., פּרנס און ראַטמאַן. בעת דער מלחמה געקומען קיין וואַרשע. אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דער אונטערערדישער באַוועגונג. פאַרשיקט געוואָרן קיין פּאָניאַטאָוו און דאָרט דערמאָרדעט געוואָרן.

[88] W.R.N. (Wolność, Równość, Niepodległość) – רעכטער אָפּצווייג פון פּ.פּ.ס. בעת דער מלחמה.

[89] ראָט.

[90] די, וואָס האָבן געאַרבעט אויף פּלאַצוווקעס, ד. ה. אין די פאַרשידענע שאָפּן אָדער אין דער „ווערטערפאַסונג" (זע באַמערקונג 11).

מ׳זינגט פוילישע און יידישע לידלעך — צווישן אַנדערע „גאָט! גאָט! טייערער פֿאָטער, ווי ווערט מען זייערע פּטור!״. אונטערוועלט־חברה גרייטן זיך צו עפֿענען נאַכט־לאָקאַלן (מיר, די באַיאָווצעס, וואַרטן, זאָלן זיי נאָר וואַגן). פֿון צייט צו צייט פֿירן די דייטשן אַדורך אַן אַקציעלע אונטערן נאָמען „לובלין״, „סמאָלענסק״, ווערן אַרויסגעריסן טויזנטער יידן פֿון געטאָ און די שאָפּן, און ווערן פֿאַרניכטעט. אויפֿן אומשלאַג־פּלאַץ זיצן הונדערטער אין אומ־מענטשלעכע באַדינגונגען, צווישן זיי אונדזער ח׳ בעלע, און וואַרטן אויף דער ריי. די באַציונג פֿון דער יידישער פּאָליציי צו די געפֿאַנגענע איז אַן אומדערהערטע, אַ סאַדיסטישע. זיי האָבן זיך אויסגעלערנט די מלאכה. ספּע־ציעל האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאַדיזם פֿירסטענבערג און בזשע־זשינסקי.[91] באַפֿרייען אַ געפֿאַנגענעם פֿון אומשלאַג־פּלאַץ קאָסט פֿון 6.000 ביז 8.000 זלאָטעס.

לויט דער פֿאַראָדענונג פֿון דער דייטשער מאַכט (דער באַנדיט בראַנד[92] האָט מאָטיווירט: „קינדער זענען די צוקונפֿט פֿון יעדן פֿאָלק. דעריבער מוזן יידן זיך פֿאַרנעמען אויך מיט דערציען די קינדער״), האָט די יידישע גמינע געשאַפֿן אינטערנאַטן און קינדערהיימען.

די יידישע פּאָליציי הויבט אויף דעם קאָפּ, ס׳דאַכט זיך איר, אַז זי לעבט.

אין געטאָ ווערט אַדורכגעפֿירט אַ ריינקייט־וואָך. ס׳לויפֿן דאָקטוירים מיט פּאָליציאַנטן און קאָנטראָלירן די ריינקייט פֿון די הייזער, בוידעמער און קע־לערס.

אויף דער יידישער פּאָסט זענען אָנגעקומען סערטיפֿיקאַטן נאָמענטלעכע פּאָר עטלעכע צענדליק פּערזאָן. ליידער האָבן די גליקלעכע שוין לאַנג אויסגע־הויכט זייערע נשמות אין טרעבלינקע.

אין יידישן וועלטל ווערט לעבעדיק. ס׳איז דאָ וועגן וואָס צו טראַכטן. „כלל־טוער״ און קהילהשע קאָכלעפֿל שאַפֿן שוין מנחם־מענדלשע פּלענער: ליסטעס, קאַנדידאַטן, מ׳העט, מ׳וועט אַאַז״וו. מיט איין וואָרט. ס׳איז לעבעדיק. די מתים זענען אויפֿגעשטאַנען תחית־המתים. אין דעם דאָזיקן

---

[91] פֿירסטענבערג און בזשעזשינסקי —ביידע אָפֿיצירן פֿון דער יידישער פּאָליציי אין געטאָ. ביידע פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך דער יי.ק.אָרג. און דערשאָסן.

[92] בראַנדט — אָבערשטורמפֿירער פֿון די ס.ס. פֿון דער יידישער אָפּטיילונג ביי דער געשטאַפּאָ אין וואַרשע.

כּאָס און ווירוואַר האָט זיך געגרייט די יידישע קאַמפּס אָרגאַניזאַציע אַדורכ־צופירן אַ דעמאָנסטראַציע אונטערן לאָזונג:

„כּבוד די געפאַלענע!",

„א האלב יאָר אויסראַטונג!" 22/VII 1942 — 22/I 1943.

דער פּלאַן פון דער אקציע:

קאָמענדאַנט — מרדכי, פאַרטרעטער — יעלען און מאַרעק.

די אַקציע הויבט זיך אָן פרייטיק דעם 22/I 6 אָוונט און דויערט ביז 7 אָוונט. דער פאַרקאַן פון מוראַנאָוו־פּלאַץ ווערט דעקאָרירט מיט קרענץ און לאָזונגען. אין מיטן פּלאַץ ווערט אָנגעצונדן אַ גרויס פייער. קאָמענ־דאַנט פון מוראַנאָוו־פּלאַץ — מאַרעק. די גאַסן מוראַנאָווסקע און מילע ווערן באַהערשט דורך יעלעניען מיט זיינע גרופּן. די גאַסן נאַלעווקי, גענשע און זאַמענהאָף — דורך מרדכי מיט זיינע גרופּן. יעדער יידישער פּאָליציאַנט, וואָס ווערט באַגעגנט דורך די באַיאָוצעס ווערט פאַרהאַלטן. ס'ווערט אים דערציילט דער ציל פון דער אַקציע. די אויסצייכענונג, וואָס ער באַקומט פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע פאַר צוהעלפן די דייטשן אַדורכפירן זייערע מאָרד־פּלענער לגבי די יידישע מאַסן: 1. זיין פּאָליציי־אוניפאָרם ווערט קאָנפיסקירט, 2. ער באַקומט אָנגעבויקערט דיביינער און דאַן אָפּגעלאָזט אַהיים.

ביי אונדז אַנטשטייט אַ פראַגע: וואָס טוט מען מיט אונדזערע דריי יאָטן, וואָס זענען אין דער פּאָליציי: גזשיבאָווסקי, ענגעלמאַן און לוקסענבורג. זיי ברענגען אונדז ווערטפולע אינפאָרמאַציעס. על פּי טעות קענען זיי אַריינפאַלן אין אונדזערע הענט. צוליב קאָנספּיראַציע־טעמים קענען זיי פערזענלעך נאָר געציילטע יחידים. מעלדן זיי וועגן דער אַקציע טאָר מען נישט, ווייל וויסן מעגן נאָר די גרופּן, וואָס נעמען אָנטייל אין איר. איין איבעריק וואָרט און די אַקציע קען אַדורכפאַלן. ס'ווערט באַשלאָסן די דריי צו רופן, דערקלערן זיי וועגן וואָס ס'האַנדלט זיך און זיי אַרעסטירן ביז נאָך דער אַקציע.

זונטיק, דעם 17טן יאַנואַר. אין געטאָ באַמערקט זיך נישט קיין שום דענערווירונג. קיינער חלומט אַפילו נישט, אַז מאָרגן הויבט זיך אָן דער 2 אַקט פון דער בלוטיקער דראַמע. 5 אָוונט דאַרף פאַרקומען די זיצונג פון דער קאָמענדאַנטור... טאָג־אָרדנונג: באַשטימען דעם פאַרטיידיקונגס־פּלאַן פון וואַרשעווער געטאָ. די זיצונג איז ליידער נישט פאָרגעקומען, ווייל יצחק איז געווען פאַרנומען אויף אַן עקסטראַ־זיצונג פון די רעכטע פּועלי־ציון (פון מאָרגנשטערנען האָב איך אַ געוויסע צייט שפּעטער אַרויסבאַקומען, דאָס די עקסטראַ־זיצונג פון די רעכטע דעם 17/I/42 איז געווען אין צו־

זאַמענהאַנג מיט די סערטיפיקאַטן [93] און די ליסטעס פון די קאַנדידאַטן). די זיצונג פון דער קאָמענדאַנטור איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף דינסטיק דעם 19/I, 5 נ. מ.

מאָנטיק, דעם 18טן יאַנואַר 1943. פאַרטאָג קלאַפּט ח׳ גורני ביי אונדז אין טיר און דערקלערט אונדז, דאָס אַ פּרוי איז געקומען צו זיי און האָט איבערגע־געבן, אַז אין די גאַסן דרייען זיך זשאַנדאַרן. אין בלאָק פון אָ.ב.וו. האָט אַריינ־מאַרשירט אַן אָפּטיילונג זשאַנדאַרמעריע. כ׳לויף אַראָפּ אויף דער גאַס. די גאַס איז באַשטעלט מיט זשאַנדאַרמעריע פון אַלע זייטן. כ׳פרעג זיך נאָך ביי מענטשן, וואָס קומען פון זאַמענהאָף, וואָס הערט זיך דאָרט. זשאַנדאַרמעריע פון אַלע זייטן, ענטפערן דערדריקטע שטימען. כ׳זוך מרדכין. קיינער ווייס נישט ווו ער געפינט זיך. ס׳לויפט מאַרגאַליט [94] און פרעגט זיך ביי מיר, צי כ׳ווייס

---

[93] צוקערמאַן האָט דערקלערט, אַז ער האָט זיך קיינמאָל נישט באַטייליקט אין קיין שום זיצונג וואָס שייך סערטיפיקאַטן. איבעריקנס, איז ער דאַן געלעגן אין בעט מיט אַ דורכגע־שאָסענעם פוס,זינט ער איז פאַרוואונדערט געוואָרן אין קראָקע אין דעצעמבער 1942 (אגב, איז אויך דער פאַקט געהאַלטן געוואָרן שטרענג קאָנספּיראַטיוו און כמעט קיין איין מיטגליד פון דער ייִד. קאַמפס־אָרגאַניזאַציע האָט עס נישט געוווּסט).

אין זיין פּאָעמע „דאָס ליד פונם אויסגעהרג׳טן יידישן פאָלק”, אין קאַפּיטל י”ג „מיט חלוצים”, דערציילט דער דיכטער־קדוש יצחק קאַצענעלסאָן ווי ער האָט געזען יצחקן דעם 17טן יאַנואַר 1943 ליגן אין בעט מיטן דורכגעשאָסענעם פוס:

יצחק, ר׳האָט יענע וואָך געבראַכט אַ גרוס פון קראָקוי מיר: לאַבאַן! לאַבאַן
דער חלוץ האָט
אַ באַריכט אים אָפּגעגעבן וויפל אָפּיצירן, אויסוווּרפן פון דער עס־עס מען
האָט אָוועקגעלייגט... אַ גרוס
און ביים באַריכט: „הענט הויך!” לאַבאַן אין אָפיצירן־מאַנטל ז׳אַרעסטירט.
יצחק אַנטלויפט, דרייט פרעמד אין שטאָט
אַרום זיך, מיט אַ פוס אַדורכגעשאָסן, ס׳בלוט רינט אין שטיוול...
יצחק! ליגט, ליגט! וואָס מאַכט דער פוס?
דאָס איז געווען דער זיבעצנטער יאַנוואַר, יאָר דריי און פערציק, איך בין
געבליבן דאָרט די נאַכט,
און אַז ס׳האָט אָנגעהויבן קוים צו טאָגן — בעסער ווען עס וואָלט ניט ווערן
שוין, ניט קיינמאָל טאָג!
איך בין אַרויס אין גאַס, געגרייט אין וועג זיך, פון זאַמענהאָף אויף נאַוואָ־
ליפּיע — דער געטאָ איז פאַרמאַכט!
עס־עס צעיאָגט אונדז: צריק! ס׳קומען אַן זשאַנדאַרמען, הויך די ביקסן,
צעשטעלן זיך אין יעדן ראָג.

[94] מרגלית לאַנדאַו — פון „השומר הצעיר”. די טאָכטער פון אינזש. אַלעקסאַנדער לאַנדאַו פון אָ.ב.וו.

נישט ווו מרדכי [95] געפינט זיך. איך זוך אים אויך. אונדזערע חברים פון די קאַמפּס־גרופּן ווענדן זיך צו מיר מיט שטעכווערטלעך: זעסט, מ׳האָט דיך געפֿירט אין באָד אַריין, די אַקציע איז אויסגעבראָכן און דאָ האָבן נישט די גרופּן מיט וואָס צו קעמפן. דו האָסט זיך געלאָזט פּאַרפירן פון שיינע ווערטער, ביסט געווען נאַיוו, האָט פּרעטענסיעס בעלע.[96] אַ דערשלאָגענער און טיף באַליידיקטער, וואָס איך און מיינע חברים האָבן נישט דאָס גליק צו קעמפן מיטן שונא אויג אויף אויג, באַשליסן מיר זיך צו באַהאַלטן ביז אין אָוונט. און אין אָוונט וועל איך זיך פאַרשטענדיקן מיט דער אָנפירונג וועגן ווייטערדיקע האַנדלונגען.. וואָס שייך די שטעכווערטלעך פון די חברים, קלער איך זיי שפּעטער אויף, אַז די חברים פּאָלע און וואַסער זענען געווען גענוי באַקאַנט מיט אַלע איינצלהייטן פון דער קאָמענדאַנטור, און זיי קענען זיין עדות, דאָס נישט צוליב מיין שולד האָבן אונדזערע גרופּן אַפילו נישט קיין איין מאַשין, נאָר אַ דאַנק דער קרעמערישער פּאָליטיק פון השומר און החלוץ געפינען מיר זיך אָט אין דער לאַגע. ווי כ׳האָב שוין פריער דעמאָנט, איז מיט דער הילף פון דער פּאַרטיי־קאַסע אויפגעבויט געוואָרן 2 סכראָנען אויף מילע 54, איינער — אויפן דריטן שטאָק, ווו ס׳האָט זיך געפונען וואַסער, זיין פרוי, גורני און וואַסערס שכנים. דער צווייטער — אויפן פערטן שטאָק, ווו ס׳האָבן זיך געפונען די ח״ח פּאָלע, בעלע, בערלינסקי, סמאָלאַר, רובינשטיין און אונדזערס אַ סימפּאַטיקער, שלאַגער, מיט זיין טאָכטער.

אונדזער קאָלעקטיוו אין 18טן יאַנואַר 1943

פּאָלע, נאָך אַ חדשים־לאַנגן בויך־טיפוס און לונגען־אָנצינדונג, שלעפּט זיך קוים אויף די פיס. בעלע, נישט קוקנדיק, וואָס זי איז אויסגעמאַטערט פון אומשלאַג־פּלאַץ, האָט זי דורך איר לעצטן העלדנטאַט באַוויזן (דאָס אָנפירן און אַנטלויפן מיט אַ גרופּע פון אומשלאַג־פּלאַץ), דאָס מ׳קען אויף איר רעכענען. רובינשטיין איז נישט געקומען שלאָפן. מ׳ווייסט נישט, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט. סמאָלאַר איז נישטאָ. אויף זיין דירה הענגט אַ שלאָס. שלאַגער מיט זיין טאָכטער זענען אויך נישטאָ. אַ דערשראָקענע קומט אַרויף צו לויפן צו אונדז די חברטע הערצליך [97] מיט אירע 2 קינדער (זי איז געווען צו

[95] מרדכי אַנילעוויטש.

[96] בעלאַ עלסטער (וואַנדאַ).

[97] הערצליך־בליט פייגע, פרוי פון בונדישן פירער לוציאַן בליט. טעטיקע חברטע פון פ.צ. לייטערין פון דער באָראָכאָוו־שול, נאַוואָליפּקי 68. אין געטאָ געווען זייער אַקטיוו אויפן סאָציאַלן און פּאָליטישן געביט. דערמאָרדעט געוואָרן אין מאַידאַנעק.

גאַסט ביי דער דאָקטאָרין פּאָלמאַן)[98] און מיט איר די דאָקטאָרין פּאָלמאַן מיט איר מיידעלע. חבר בערלינסקי, וואָס טוט מען? שרייען זיי היסטעריש, די קינדער, די קינדער! שטיל, רואיק, חברטעס, ס'איז אַלץ אין בעסטן אָרדנונג. ווו איז וואסער? פרעגן זיי דערשראָקן. ביי זיך אין שטוב. ענטפער איך זיי. טאָ פאַרוואָס איז די טיר פאַרמאַכט? ביי אונדז וועט באַלד די טיר אויך זיין פאַרמאַכט. ווו איז פּאָלע? איר מיט די קינדער וועט זיין דאָרטן ווו פּאָלע, צופרידן? ווו? מיר זעען דאָך גאָרנישט. דאָ שטעקט דער סוד. קומט מיט מיר. דורך דער אוביקאַציע עפנט זיך אַ טירעלע, פון אינעווייניק אַ פענצטערל, עלעקטרי, אַן עלעקטריש אייוועלע, אַ זלעוו, וואַסער־לייטונג, אויף דער וואַנט פולקעס. די ווענט באַ־קלאַפּט מיט טעפּיכער. די טיר ווערט פאַרמאַכט, דאָס טירעלע פאַרמאַכט, די שטאַבעס פאַרלייגט, די קינדער אויף די פולקעס, הערצליך און פּאָלמאַן אויף אַ בענקל, פּאָלע אויף דער פּאָדלאָגע אַרומגעהילט מיט קאָלדרעס, בעלע לעבן איר, איך ביים טירעלע. די חברטע הערצליך הויבט אָן באַוואונדערן דעם סכראָן. זע נאָר, זע נאָר, זאָגט זי צו דער פּאָלמאַן, ווען וואָלט דאָס איינגעפאַלן, דאָס דאָ געפינט זיך אַזאַ גן־עדן. שטיל, חברטעס; די דייטשן קומען. אָן. אויסלעשן די עלעקטרי, אויסשאַלטן ס'אייוועלע, נישט רעדן, נישט הוסטן, זייט פולשטענדיק רואיק, ווי קיינער וואָלט דאָ נישט געוועזן. יעדע באַוועגונג קען דערפירן אַלע צום טויט. אין סכראָן ווערט שטיל ווי אין אַ קבר. מ'האַקט אויף די טיר ביים ח' סמאָלאַר. אין שטוב הערן זיך פוילישע שטימען: „ניך פּאַנו ניע פּאָמאָזשע, סכאָדזש פּאַן!"[99] די רייע קומט אויף אונדזער טיר. „אָטוואָזשיטש!"[100] שרייט אַ דייטשער קנעכט אין אַ יידיש פּאָליצייאיש היטל: אָטוואָזשיטש, באָ ראָזוואַלען דזשווי![101] טראַך! טראַך! די טיר פּלאַצט. הער שאַרפירער,[102] ביטע. זיי זוכן אין קאָרידאָר, אין דער קיך, אין דער אוביקאַציע. קיינער איז נישטאָ. אין שלאָפצימער אַ פעסטע דעמבאָווע טיר. דאָ האָב איך ספּעציעל פאַרלייגט אַ ריזן־שלאָס. זאָלן זיי זיך אַ ביסל מאַטערן און געפינען אַ קרענק. איבער אַ האַלבער שעה האָט געדויערט דער שדים־טאַנץ אַרום דער טיר. די טיר האָט קאַפּיטולירט, נישט אויסגעהאַלטן דעם אָנגריף. די „זיגער" זענען אַריין אין צימער, אויפגעהאַקט די שאַנק, איבערגעדרייט די בעטן און אַרויס מיט

---

[98] ד"ר פּאָלמאַן פּאָלאַ — קינדער־דאָקטערין אין די „צישאָ"־שולן און אין די „טאָז"־אַנ־שטאַלטן. סימפּאַטיקערין פון פועלי־ציון.

[99] „ס'וועט אייך גאָרנישט העלפן, גייט אַרונטער!".

[100] „עפענען".

[101] „עפענען, ווייל כ'וועל צעלייגן די טיר!"

[102] טיטל פון אונטעראָפיציר ביי די עס־עס.

גאַרנישט. נאָך אַ 2 שעה זיך איינהערן, קריך איך אַרויס פון סכראַן, כדי עפּעס צו דערגיין. דער פראָסט דערגייט ביז 18 גראַד. אויפן גאָס ליגן טויטע. פון די שטובן הויבן אָן אַרויסקריכן מענטשן. שאַבראָווניקעס [103] אַרבעטן שוין פלייסיק. איך קער זיך אום צו אונדזער שטוב. פון בוידעם קריכן אַראָפּ עטלעכע מענטשן, צווישן זיי מירקע פון השומר.[104] מירקע וויינט: ווו זענען די דייטשן? זאָלן זיי מיך דערשיסן, ס'איז מיר אַלץ איינס. „ניין, טייערינקע, איצט וועט איר נישט גיין, דאָ וועט איר זיין ביז אין אָוונט. אין אָוונט וועל איך זיך אויך פאַרשטענדיקן מיט די חברים, וואָס ווייטער צו טאָן". כ'אָרדן זי איין אין אַ סכראַן ביים שכן, ווו זי באַקומט עסן און פאַרברענגט ביזן אָוונט. פון אונטן קומט אָן ח' סמאָלאַר. „ווו זענט איר געווען?" „זיי האָבן מיך געפּאַקט. ח' שלאַגער איז אַוועק צו דער אַרבעט און מיך פאַרשלאָסן און די אַקציע האָט מיך געטראָפן אין בעט. אַראָפּגייענדיק, בין איך אַריין אין אַ שטוב און זיך באַהאַלטן, ניצול געוואָרן פון טויט". מיר גייען אין אונדזער באַהעלטעניש. מ'צינדט אָן די עלעקטרי, מ'שאַלטעט איין דאָס עלעקטרישע אייוועלע, מ'נעמט עפּעס אין מויל אַריין און מ'וואַרט ביזן אָוונט. אין אָוונט בין איך און ח' וואַסער אַוועק אויף מילע 64 און 61, כדי דערוויסן זיך וואָס ס'הערט זיך. מילע 64 די דירעקציע פון שאָפּ צוגענומען. די אַרבעטער פון די סאָנדעס [105] צוגענומען. אַלע, וואָס האָבן זיך באַהאַלטן, זענען דאָ. די איבעריקע — אויפן אומשלאַג־פּלאַץ. דער שאָפּ איז אויפגעלעזט. מ'מאַכט באַמיאונגען, זאָגט אַלעקסאַנדער לאַנדאַו, אָבער ווער ווייס... ס'האָט נישט געהאָלפן בראַנדאָווסקעס [106] פּזשעפּוסטקעס, דירעקטאָרסקע פּאַטעלן. די טרעבלינקע־מאַשין שלינגט אַלע איין.

מילע 61 — אַ צעפּאַרעניש. קיינער ווייס נישט. ס'זענען דאָ עטלעכע קרבנות. מ'פּרוווט דערגיין פּרטים. יהודהס [107] מאַשין האָט זיך פאַרהאַקט, יורעקס [108] מאַשין פאַרהאַקט. עלעק [109] האָט פאַרוווּנדעט אַ דייטש. עלעק געפינט זיך אין גסיסה־צושטאַנד. מ'ווייס נישט ווו מרדכי געפינט זיך. פון

---

[103] „שאַבראָווניקעס" — די, וואָס פלעגן אויספּלינדערן די פאַרלאָזענע יידישע הייזער נאָך די אויסזידלונגען.

[104] מירה פוכרער — פון „השומר הצעיר", העלדין פון געטאָ־אויפשטאַנד, געפאַלן צוזאַמען מיט איר חבר מרדכי אַניעלעוויטש, דעם 8טן מאַי 1943 אין בונקער אויף מילע 18.

[105] פון די געריכטן. דאָרט האָט געאַרבעט אַ גרופּע אַרבעטער פון אָ.ב.וו. ביי פאַרשידענע בוי־אַרבעטן.

[106] די צייגענישן פון געשטאַפּאָ, פון בראַנדטן (זע באַמערקונג 92).

[107] יהודה װענגראָוװער.

[108] אריה ווילנער.

[109] אליהו רוזשאַנסקי — פון „השומר הצעיר". געפאַלן אין די יאַנואַר־קאַמפן אין געטאָ.

החלוץ איז נישטאָ קיין שום ידיעה. איך ווענדע זיך צו יורעקן מ׳זאָל זיך אַדורכ־רעדן וואָס ווייטער צו טאָן. נישטאָ וואָס צו רעדן. אַלץ איז פאַרלוירן — ענטפערט ער נערוועז.

דינסטיק דעם 19/I פאַרטאָג, אויף מילע 61. מרדכי איז דאָ. ער בעט מיך כ׳זאָל קומען אין אָוונט, וועלן מיר זיך דורכרעדן. ער איז פאַרמאַ־טערט. די חברה זענען הונגעריק, נישטאָ וואָס צו עסן, די חברה וועלן היינט רוען. מיר גייען צוריק אין אונדזער באַהעלטעניש.

דינסטיק דעם 19/1 אָוונט. כ׳פאַרלאַנג צונויפצורופן אַ זיצונג, באַשטימען די ווייטערדיקע טאַקטיק. די גרופן וואַרטן אויף באַפעלן. די גרופן אין די שאָפּן קוקן זיך צו מיט ווייטאָג ווי די דייטשן רייסן אַרויס טויזנטער מענטשן, און זיי, די גרופן, האָבן נישט מיט וואָס צו קעמפן. אונטער פאַרשידענע תירוצים וויל מען נישט צונויפרופן קיין זיצונג. די תירוצים פון מרדכין און יצחקן זענען: ס׳איז ענג, ס׳איז שפעט, מ׳איז פאַרמאַטערט. כ׳לייג פאָר אַ נאַכט־זיצונג. די חברים זענען נישט מסכים. איך פּראָפּאָניר אונדזערס אַ לאָקאַל מיט אַ סכראַן אין זעלבן וווין־בלאָק, וווּ ס׳האָט זיך געפונען דער השומר. מ׳קען נישט אַוועקגיין פון די גרופן — באַקום איך אַן ענטפער.

מיטוואָך, דעם 20/1. בייטאָג בין איך ווייטער ביים השומר. מרדכי ווייזט מיר דאָס דערגרייכטע געווער: אַ ביקס און אַ פאַראַבעלום. מיר האָבן אַנטוואָפנט אַ דייטשן זשאַנדאַרם און צוגענומען ביי אים די מאַשין און מיר קענען זיך שוין מיט איר באַנוצן. מרדכי גיט מיר איבער וועגן דעם קאַמף אויף ראָג זאַמענהאָף און ניזקע, ווי ער, גייענדיק אין דער רייע צוזאַמען מיט אַ גרופּע פון די געכאַפּטע, האָט אויפגעהויבן און אָנגעפירט מיטן קאַמף. איין טייל פון די עס.עס. זענען פאַרוווּנדעט אָדער טויט. די איבעריקע זענען אַנטלאָפן, איבערלאָזנדיק די היטלען און אַ טייל — ס׳געווער. דאַן האָבן די דייטשן דאָס הויז, וווּ ער, מרדכי, מיט זיין גרופּע האָבן זיך פאַרבאַריקאַדירט, אונ־טערגעצונדן. ער האָט זיך אַרויסבאַקומען. כ׳באַגריס אים צו זיין נצחון מיט אַ חברישן האַנט־דרוק.

דאָנערשטיק, דעם 21/I. אַ נעפּלדיקער טאָג. עס ציען זיך קאָלומנעסווייז עס.עס. וואָפן. די געטאָ זעט אויס ווי אַ שלאַכטפעלד. פאַרשידענע פאַרמאַציעס באַזעצן די גאַסן. צווישן זיי ספּעציעלע פּיאָנערן־אָפּטיילונגען מיט אויפרייס־מאַטעריאַל. אויף מוראַנאָוו־פּלאַץ זיצט דער שטאַב ביי טישן מיט אָפּעראַציאָנס־מאַפּעס. מאָטאָציקלען פאָרן אַהין און אַהער מיט אינסטרוק־ציעס. פעלד־קיכן קאָכן עסן פאַר די „קולטור־טרעגער פון הערן־פאָלק״. היינט פירן זיי אַדורך דעם נקמה־אַקט דערפאַר, וואָס די געטאָ האָט זיך פאַרטיידיקט קעגן דער פאַרניכטונג.

היינט איז אַנדערש ווי אַמאָל. היינט קען נישט בלויז מיט אַ געשריי צווינגען די יידן צו גיין אויפן אומשלאַג. היינט איז ווייניק אַ טופּע מיטן פוס אויפן ערשטן שטאָק, כדי מענטשן זאָלן פאַר פּחד אַראָפּלויפן פון דריטן שטאָק און שטעלן זיך אין דער רייע. היינט מוז מען זוכן און זוכן פאָרזיכטיק, ווייל פון ערגעץ פון אַ באַהעלטעניש קען אַרויסשפּרינגען אַ באַיאָוויעץ און שיסן. פאַרווונדעט ווערן אָדער אומקומען פון אַ יידישער קויל איז גאָרנישט אַזוי בכבודיק. פאַר דעם באַקומט מען נישט קיין אויסצייכענונג, און דערפאַר ווערט יעדעס הויז איינגענומען אויף אַ מיליטערישן אופן. צוערשט גייט מאַשין־געווער, דאַן האַנט־גראַנאַטן, דערנאָך פּיאָנער, עס.עס. וואָפן. און צום סוף עס.עס. פּאַוואָלינקע, שטיגעלע ביי שטיגעלע, פון קעלער ביזן בוידעם, און ס׳הויז ווערט באַזעצט. אַזוי אַרום ווערט דאָס געטאָ „דעראָבערט״.

אין אָוונט האָבן די היטלער־יונגען געפייערט זייער נצחון.

דער צווייטער אַקט איז פאַרענדיקט. דער געטאָ איז באַדעקט מיט טויטע. דער שניי איז רויטפון פאַרגאָסענעם בלוט. דער שניי האָט פאַרלוירן זיין ווייסע קאָליר צוליב דער היטלער־מאַראַל. די בורזשואַזע ציוויליזאַציע פון 20סטן יאָרהונ־דערט מעג זיין שטאָלץ מיט איר דערגרייכונג — דעם היטלעריזם.

אַנאַליזירנדיק די קאַמפּן פון 18טן יאַנואַר 1943, שטעל איך פעסט: די יאַנואַר־אַקציע האָט געטראָפן די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַ נישט צוגע־גרייטע. די, וואָס האָבן אַ פול מויל מיט „מאָראַל״ („דרור״ און „החלוץ״) און וואַרפן שמוץ אויף די פּאָליטישע פּאַרטייען, האָבן געהאַלטן פאַר וויכטיקער אַ זיצונג וועגן אַ נישט רעאַל סערטיפיקאַט[110] איידער אַ זיצונג וועגן אויס־אַרבעטן אַ פאַרטיידיקונגס־פּלאַן פון וואַרשעווער געטאָ. די קרעמערישע פּאָלי־טיק ביים פאַנאַנדערטיילן ס׳געווער האָט געבראַכט דערצו, אַז שלאַגפאַרטיקע גרופּן האָבן נישט געקעמפט, למשל, די „לינקע פּועלי־ציון״־גרופּן אין „אָ.ב.וו.״, די גרופּן פון „לינקע פּועלי־ציון״ און „בונד״ ביי די בערשטער; אַ טייל פון געווער האָבן באַקומען גרופּן, וואָס האָבן נישט געהערט צו דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, צ.ב. „גאָרדאָניאַ״ (נאָך דער יאַנואַר־אַקציע איז „גאָר־דאָניאַ״ אָנגענומען געוואָרן אין דער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע), אָדער חברים, סיי פיזיש, סיי פּסיכאָלאָגיש זענען זיי נישט פעיק צום קאַמף מיט געווער אין האַנט, צ.ב. דער חבר יהודה פון „השומר״. אויף מילע איז די השומר־גרופּע אַרויס אין קאַמף כאַאָטיש. איין חבר עלעק האָט פאַרווונדעט אַ דייטש. די איבעריקע האָבן גאָרנישט געטאָן. דעם „החלוץ״ האָט די אַקציע געטראָפן אין די בעטן, און זיי צוגענומען אין טרעבלינקע, צווישן זיי אַ גאַנצע רייע ווערט־

---

[110] זע באַמערקונג 93.

פולע מענטשן, אַ טייל פון זיי זענען געשפּרונגען פון די וואַגאָנען, צ. ב. בע־רעלע [111] און מאַרעק.[112] יצחק, ווי ער האָט דערציילט, האָט עפּעס יאָ געשאָסן צו אַ דייטש פון אַ קליין עפּענקעלע און אים פאַרוווּנדעט. די גאַרדאַביאַ־גרופּע האָט נישט שלעכט געקעמפט און אַפילו דעראָבערט געווער אין קאַמף. דער פינאַל פון קאַמף איז פאָרגעקומען אויף ראָג זאַמענהאָף־ניזקע, ווו מרדכי מיט נאָך צוויי חברים האָבן אויף אַ העלדישן אופן געקעמפט מיט די דייטשן. פאַר־באַריקאַדירט אין אַ ברעטער־סקלאַד, האָט ער אומצייליקע מאָל געצוווּנגען די עס.עס. צום ריקצוג, צונעמענדיק ביי די דייטשע פאַרוווּנדעטע ס׳געווער, וואָס האָט ווייטער אים געדינט אין קאַמף. נאָכן אונטערצינדן דעם ברעטער־סקלאַד דורך די עס.עס. איז ער געצוווּנגען געווען צו פאַרלאָזן זיין פּאָזיציע. די אַנדערע צוויי חברים זענען אומגעקומען אין די פלאַמען.

דינסטיק, מיטוואָך, דאָנערשטיק, ד. ה. דעם 19/I, 20/I, 21/I 1943, האָבן זיי נישט געקעמפט און זענען געווען באַהאַלטן אין די באַהעלטעניש, (סכראָנען). די שלימזלדיקייט פון דער אָפּראָווּיזאַציע איז געווען אַזוי גרויס, אַז די גרופּן האָבן געהונגערט אין פּשוטן זין פון וואָרט אין דער צייט פון דער אַקציע. אויף מיינע פאָרוווּרפן וועגן דער קרעמערישער פּאָליטיק פון נישט פאַנאַנדערטיילן ס׳געווער, וואָס האָט אוממעגלעך געמאַכט אונדזערע גרופּן אָנטיילצונעמען אין קאַמף, באַקום איך פון מרדכין אַן ענטפער: „ס׳איז נישט קיין אונטערשיד ווער פון די ריכטונגען ס׳האָט געקעמפט. געפירט דעם קאַמף האָט די יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע אַלס גאַנצע, דער קאַמף און די רעזול־טאַטן געהערן אַלעמען גלייך״. אויף מיין פאָדערונג וועגן אַ יושרדיקער פונאַנ־דערטיילונג פון געווער, באַקום איך אַן ענטפער: מ׳קען נישט צונעמען ביי די חברים ס׳געווער, וואָס זיי האָבן דערמיט געקעמפט. אין דער ווייטערדיקער ארבעט וועלן די עוולהס אויסגעגליכן ווערן.

באַמערקונג. די זכרונות זענען געשריבן אַ יאָר און מער נאָך די געשעע־נישן און דערפאַר זענען זיי זייער קורץ. געשעענישן, אַקציעס, מיינונגען, דערקלערונגען, וועלכע זענען נישט געבליבן 100% אין מיין זכרון, האָב איך אין גאַנצן נישט באַשריבן. דערמיט איז דער ערשטער טייל פאַרענדיקט. דער צווייטער טייל פון מיינע זכרונות זענען פאַרן צייט־אָפּשניט פון 22.I.1943 ביז 10.V.1943. דער דריטער טייל — „דאָס לעבן פון די יידישע חיות אין די פּוילישע וועלדער״ 10.V.1943. — 1.IX.1943.

---

[111] בערל ברוידע פון „דרור״.

[112] מאַרעק עדעלמאַן.

דריי

אַ פראַגמענט

דער עקס[113] אין דער באַנק נאַלעווקי 37, פעברואַר 1943

לאַנגע וואָכן האָט מען געדאַרפט קנעלן מיט דער מערהייט פון דער „זשאָב"[114] ־קאָמענדאַנטור, אַז ס׳מוז אַ סוף געמאַכט ווערן צו דער פינאַנסיעלער לאַגע פון דער יידישער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע. ס׳קען נישט דערלאָזט ווערן אַזאַ צושטאַנד, דאָס די באַיאָוצעס, וועלכע האָבן נישט קיין פּריוואַטע איינקונפטן, און גיבן זיך אָפּ 24 שעה אין מעת־לעת דעם הייליקן ציל, זאָלן הונגערן אין פּשוטן זין פון וואָרט (אַ ½ קלג. שוואַרץ ברויט מיט אַ זופּ האָט יעדער באַיאָוויעץ באַקומען אַ טאָג). די פינאַנס־קאָמיסיע, וואָס איז באַשטאַנען פון געזעלשאַפטלעכע זקנים, און אַלטע, אָפּגעקלאַפּטע הושענות, האָט נישט גע־קענט ווירקן אויף די יידישע גבירים, וועמענס גאָט און גלויבן ס׳איז געלט, דאָס זיי זאָלן געבן געלט אויף דעם צוועק. זיי, די יידישע גבירים, האָבן געגלויבט, דאָס דאָס גאָלד, די דאָלאַרן און בריליאַנטן וועלן זיי ראַטעווען פון טויט. צו זיי האָט געמוזט אָנגעוואָנדן ווערן אַן אַנדערע שפּראַך, די שפּראַך פון רעוואָל־ווער, כדי אַרויסצובאַקומען פון זייערע טייסטערס געלט אויף געווער פאַר דער קאַמפס־אָרגאַניזאַציע.

יעדעס פאָלק און יעדעס לאַנד האָט זיך זיין מיליטער, וואָס ווערט דורך אים אויסגעהאַלטן. דאָס געטאָ־מיליטער האָט קיינער נישט געוואָלט אויס־האַלטן.

באַפליגלט דורך דער היסטאָרישער שליחות, וואָס לאַסטעט אויף אונדז, און מיט דער הסכמה פון די פּראָלעטאַרישע פּאָליטישע פּאַרטייען, האָט זיך די הויפּט־קאָמענדאַנטור, נאָך לאַנגע וואַקלענישן, דעצידירט אַדורכצופירן עקסן ביי די אָפיציעלע אינסטיטוציעס און פּריוואַט פּערזאָנען, כדי צו האָבן מיטלען איינצוקויפן געווער, אויפרייס־מאַטעריאַל, ברענשטאָף און אַנ־דערע נויטיקע מיטלען, וואָס זענען פאַרבונדן מיט די קאַמפס־צילן און אויפ־גאַבן פון דער יידישער קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע. איצט האָט זיך אָנגעהויבן דער וויכוח, אונטער וועלכן שילד מיר זאָלן אַרויסטרעטן אויף די עקסן. איך האָב פאַרטיידיקט עקשנותדיק דעם שטאַנדפּונקט: אונטערן נאָמען „זשאָב". די מערהייט האָט געהאַלטן, אונטער קיין שום נאָמען. דער נאָמען קען אונדז דעקאָנ־ספּירירן.

---

[113] עקספּריאָפּריאַציע.

[114] יידישע קאַמפס־אָרגאַניזאַציע (ראשי תיבות אין פויליש) זע באַמערקונג 68.

אין געטאָ האָבן גראַסירט יידישע באַנדיטן, וואָס האָבן באַרויבט די באַפעלקערונג. אויסער דעם האָבן די רעוויזיאָניסטן פון איין זייט, און פּ.פּ.ר. פון דער צווייטער זייט, אַדורכגעפירט עקסן פאַר זייערע צילן. דעריבער האָב איך געהאַלטן, דורכן אַרויסטרעטן אונטער אונדזער נאָמען, גרענעצן מיר זיך אָפּ פון די אַקטן, וואָס האָבן קיין שום שייכות צו אונדז. דער אַרגומענט דעקאָנספּיראַציע איז אַן איבערגעטריבענער; מיר דאַרפן אָנהויבן דעם קאַמף פּאַראַלעל קעגן דער יידישער פינאַנסעריע און די פּריוואַטע באַנדעס. הגם די חברים פון דער הויפּט־קאָמענדאַנטור זענען מסכים געווען מיט מיר וועגן קאַמף קעגן די יידישע גבירים און פּריוואַט־באַנדעס, האָבן זיי אָפּגעוואָרפן דעם געדאַנק וועגן אַרויסטרעטן אונטערן אייגענעם נאָמען.

דער ערשטער עקס איז פאָרגעקומען אויף דער גמינע־קאַסע אין פעברואַר 1943, פאַרטאָג... אַלע נויטיקע אינפאָרמאַציעס: דער צושטאַנד פון דער קאַסע, ווער ס'האָט די שליסלען, און ווו ער וווינט, האָט געגעבן אַ גמינע־אָנגעשטעלטער, מאַיופּעס, וואָס האָט דערפאַר געפאָדערט און באַקומען 30%, דער עקס האָט געגעבן ביז אַ הונדערט טויזנט זל. ברוטאָ, אַראָפּרעכענענדיק 30% פאַר מאַיופּעסן, האָבן מיר אַריינבאַקומען אין דער „זשאַב״־קאַסע 70 טויזנט זל. אין געטאָ האָט זיך בליץ־שנעל פאַרשפּרייט די ידיעה וועגן איבערפאַל אויף דער גמינע־קאַסע. די אויספאָרשונג האָט קיין שום קאָנקרעטע רעזולטאַטן נישט געגעבן. לויט די סימנים און האַלטונג פון די איבערפאַלער, צווייפלט די אויספאָרשונג, צי דאָס זענען באַנדיטן. ס'איז נאָך נישט פאַרשטומט געוואָרן אין געטאָ דער אָפּקלאַנג פון גמינע־אַקט, און באַלד ווערט די געטאָ עלעקטריזירט דורך אַ צווייטן דרייסטן אַקט.

...דער עקס אויף דער יידישער באַנק, פעברואַר 1943...

אָנטייל גענומען אין עקס האָבן 10 חברים: ישראל,[115] יעלען,[116] דוד,[117] מערדעק,[118] פאַרבער,[119] זאַכאַריאַש,[120] פּאַוועל,[121] סטאַך,[122] טאָווא,[123]

---

[115] ישראל קאַנאַל — „עקיבא״.

[116] הערש בערלינסקי.

[117] דוד נאָוואָדוואָרסקי — „השומר הצעיר״.

[118] גראַוואַס מרדכי — „השומר הצעיר״.

[119] פאַרבער יוסף — „השומר הצעיר״.

[120] אַרטשטיין זכריה — „דרור״.

[121] ברוסקין אהרון — „פּפּר״.

[122] אומבאַקאַנט.

[123] דאַווידאָוויטש טובה — „צוקונפט״.

און מירקאָ.[124] דער פירער פון עקס איז ישראל, זיין פּאַרטנערטער — יעלען. דער פּלאַן ווערט אויסגעאַרבעט מיט אַלע פּינקטלעכקייטן. פאַר דער אַקציע אונטערזוך איך געניו דעם געביט, אַלע דורכגענג, חורבות, און בוידעמער. די אַקציע פאָדערט אויסערגעוויינלעכע פּינקטלעכקייט, רואיקייט און אַנטשלאָסנ־קייט.

די באַנק געפינט זיך אויף נאַלעווקי 37, וואָס איז פאַרבונדן מיט די הייף נאַלעווקי 35, 33, גענשע און מייזעלסאַ 9. אין דער באַנק איז דאָ טעלעפאָן, קעגן איבער דער באַנק געפינט זיך דער שאָפּ פון „בראָוער", וועלכער האָט טעלעפאָן, ווערק־שוץ און דייטשן. וועגן פינאַנסיעלן צושטאַנד פון דער קאַסע און דער ראָל פון די אָנגעשטעלטע האָט געגעבן אינפאָרמאַציעס מאַיופּעס, וועלכער האָט באַקומען דערפאַר זיינע 30%.

צוריקוועגס האָב איך איינגעקויפט באַנדאַזשן און לייקע־פּלאַסטער, כדי צו כאַראַקטעריזירן די חברה. ס'ווערן געמאַכט געוויסע אויסבעסערונגען אין פּלאַן, די חברה ווערן כאַראַקטעריזירט, ס'ווערט איבערגעגעבן געווער, גראַ־נאַטן און אינסטרוקציעס פאַר יעדן באַזונדער. אונדזער זאַמלפּונקט איז ניזקע 7, אין בלאָק פון „ווערטערפאַסונג".[125] דער אַריינגאַנג דורך מוראַנאָוו, ווינונג 29. אויף דער טיר הענגט אַ בלעטל: „די אַרבעטער פון עס.עס. און פּאָליציי־פירער". אין דער ווינונג געפינט זיך: אַ בעט, עטלעכע מאַטראַצן, אַ טיש און אַ פּאָר צעבראָכענע שטולן. אין חודש פעברואַר (טאָג ?), מיטאָג־צייט, מאַרשירן מיר אָפּ צו דער אַקציע דורך פאַרשידענע וועגן און דורכגענג. דאָס טויער ווערט באַשטעלט דורך צוויי פאַרקליידעטע יידישע פּאָליציאַנטן. זיי אינפאָרמירן די אינטערעסאַנטן, וואָס ווילן אַרויפגיין אין באַנק, אַז אין באַנק זענען דאָ דייטשן. אויף דער גאַס שפּאַצירט זיך טאַוואַ און אָבסערווירט צי ס'קומען נישט אָן קיין דייטשן. אויף די שטיגן שטייט מירקאָ מיט צוויי קעסלען פון עסן. פון אינעווייניק — זעק אויפן געלט. זעקס חברים זענען מיר אַריין אין באַנק. דוד שיסט אויס אין דער לופטן. דער עולם — עטלעכע צענדליק מאַן — הויבן אויף די הענט און לייגן זיך אַוועק אויף דער פּאָדלאָגע. אַלע שליסלען ווערן צוגענומען. דער טעלעפאָן אויפגעשאַלטעט. דער קאַסירער און באַנק־דירעקטאָר ווערן אויפגעפאָדערט אויפצושליסן די קאַסע. ס'גלוסט זיך זיי נישט עפענען די קאַסע. מיטן מאָמענט ווען ס'האָבן אַ בלישטשע געטאָן אונדזערע נייע מאַשינדלעך, האָבן זיי באַלד די קאַסע געעפנט. ביים באַוואַכן דעם גרויסן זאַל, הער איך ווי איין באַנק־אָנגעשטעלטער זאָגט צום צווייטן:

---

[124] פוכרער מירה — „השומר הצעיר".

[125] זע באַמערקונג 11.

„אווואַ, אַ באַנדיטן־אָנפאַל אין מיטן העלן טאָג". און דאָ האָב איך נישט אויס־געהאַלטן און אויפגעדעקט די קאָרטן: מיינע הערן, מיר זענען נישט קיין באַנדיטן, מיר פירן אַ קאַמף קעגן די דייטשן. דעם קאַמף מוז מען פירן מיט געווער אין האַנט. מיר דאַרפן האָבן געלט אויף געווער. און דעריבער פירן מיר אַדורך עקסן, קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט. מיר פאַרלאַנגען פון אייך נאָר רואיק זיך פאַרהאַלטן. דאָס פאָדערט סיי אייער פערזענלעכער און סיי דער אַלגעמיינער אינטערעס. קיינעם וועט קיין האָר פון קאָפּ נישט גערירט ווערן. אַחוץ די באַנק־קאַסע וועלן מיר גאָרנישט רירן. נאָך אונדזער פאַרלאָזן מוזט איר נאָך 10 מינוט רואיק זיך פאַרהאַלטן...

מיר הויבן אָן פאַרלאָזן די באַנק. אויף נאַלעווקעס גייען צוויי חברטעס, ווי גאָט די נשמה שולדיק, און טראָגן אַ קעסל עסן (פון אינעוויינק, אין קעסל, אָנשטאָט עסן — אַ הונדערט טויזנט זל.); הינטער זיי 3 חברים, וואָס היטן, ס'עסן זאָל זיך נישט אויסגיסן. מיר דריי (איך, פּאַוועל און סטאַך) ציען זיך צוריק די לעצטע דורך די לאַנגע הייף אויף נאַלעווקעס. אין די ווינקעלעך שטייען מענטשן און פרעגן: מ'קען גיין? פאַרוואָס נישט? — באַקומען זיי אָן ענטפער. מ'זאָגט דאָך, אַז אין באַנק זענען דאָ דייטשן. מעגלעך, מיר האָבן קיין דייטשן נישט געזען.

אין אָוונט האָבן מיר זיך צונויפגעקליבן אויף אַ ביבקעלע, ווו ס'איז גלייכצייטיק אַרומגערעדט געוואָרן דער פאַרלויף פון דער אַקציע, און דאַן זענען די חברים צוריקגעגאַנגען צו זייערע גרופּן.

צום אָנדענק פון אַ קעמפער

פאַרגעקומען איז עס דעם 20־טן אַפּריל 1943, 3 נ. מ. די מינע האָט אויפגעע־ריסן און דערמיט געגעבן דעם סיגנאַל צום קאַמף. אויף שוו. יערסקע 32 וואַכט אויף זיין קאַמפס־פּאָסטן, פאַרמאַסקירט דורך מאַטראַצן, אברהם דיאַ־מאַנט,[126] אַן עלטערער אַרבעטער, וואָס האָט זיין דערציונג באַקומען אין וואַר־שטאַט און אין דער פּאַרטיי.[127]

אַ טייל פון דער „זשאַב"־אָנפירונג האָבן געהאַלטן, דאָס ער איז צו אַלט צום קאַמף. מיר, זיינע אידייען־חברים, האָבן אים געקענט און געוווסט, אַז

[126] אברהם דיאַמאַנט פון שעראַדז. איינער פון די אַקטיווסטע חברים פון פּ.צ. אין קאַליש. אָנהויב מלחמה אַריבער קיין וואַרשע. איינער פון די מוטיקסטע קעמפער אין דער קאַמף־גרופּע פון פועלי־ציון אין געטאָ.

[127] פועלי־ציון.

אין קאַמף וועט ער זיין קאָנקורענצלאָז און וועט איבערשטייגן צען ייִנגערע חברים. מיר האָבן זיין פלאַם־פייערדיקן ווילן צום קאַמף דערפילט דורך יעדן וואָרט, דורך יעדער באַוועגונג זיינע. „זאָל נאָר קומען דער מאָמענט, ווען ס'וועט דאַרפן רעדן די ביקס און נישט דאָס מויל, דאַן וועלן מיר זען ווער עס איז אַלט און ווער יונג." — האָט ער געזאָגט.

און דער מאָמענט איז געקומען. כ'שטיי און באַיאונדער זיין מוסטערהאַפטע האַלטונג און מייסטערהאַפטע באַנעמונג פון דער קאַמפּס־טאַקטיק.

אַנטקעגן אַ שווערן מאַשין־געווער און פעלד־אַרמאַטקע, וואָ ספּייערן אומ־אויפהערלעך אויף זיין באַריקאַדע, שטייט ער מיט זיין ביקס איינער אַליין אין קאַמף. די באַריקאַדע איז צעשטערט. ווי אַ טיגער וואַרפט ער זיך מיט זיינע ברענענדיקע אויגן פון איין אָרט אויפן צווייטן און פייערט צו די דייטשן. 6 האָט ער שוין דערשאָסן. "אָט אַזוי", ברומט ער אונטער, „פּילט, דייטשלעך, דעם יידישן טעם! מיר גיבן זיי פּולווער צו שמעקן!" — זאָגט ער מיט צופרי־דנקייט.

די קאַמפּס־פּאָזיציע איז צעשטערט. די דייטשן האָבן פאַרנומען דעם אונ־טערשטן שטאָק. די גרופּע ציט זיך צוריק. דיאַמאַנט נעמט דעקונג און בעט: „דערלויבט מיר נאָך דעם, ביי דער מאַשין־ביקס. כ'האָב אים אויף דער מושקע (ציל)". ער שיסט אויס און „דער מעכטיקער ס.ס., גבור פון הערן־פאָלק" שפּרינגט־אויף און פאַלט אַנידער. דאָס מאַשין־געווער האָט אויפגעהערט צו בילן. דיאַ־מאַנט מיט זיין גרופּע פאַרלאָזן זייערע שטעלונגען און ציען זיך צוריק.

דעם 21־טן אַפּריל 1943. דער בערשטער־שאָפּ ברענט. די דייטשן באַשיסן די ברענענדיקע יידן, אונדזערע קאַמפּס־באַזעס זענען פאַרניכטעט. ביינאַכט רייסט זיך דיאַמאַנט מיט זיינע קאַמפּס־חברים אַדורך צו די הויפּט־כוחות אין געטאָ. מיר פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אין פאַרזאָרגונגס־אַנשטאַלט, פראַנטשישקאַנער 30. נאַכט־ביי־נאַכט, צווישן חורבות און ברענענדיקע הייזער, מיט דער ביקס אויף די פּלייצעס, אויסגעשטעלט אויף לעבנס־געפאַרן פון אַלע זייטן, זאָרגט דיאַמאַנט פאַר וואַרעם עסן פאַר זיינע חברים.

ביז ס'איז געקומען דער טאָג פון 1־טן מאַי, דער טאָג פון אָנזאָג פון אַלע אונטערדריקטע, אַז אויף די חורבות פון שקר וועט געבויט ווערן אַ ניי לעבן, אַ לעבן פון פרייד און גליק פאַר אַלע אונטערדריקטע, פאַרשקלאַפטע און גע־רודפטע.

די דייטשן האָבן אַנטדעקט אונדזער בונקער. „די דייטשן זענען אין אונדזער בונקער", מעלדעט ווער פון ערשטן איינגאַנג. ח' סטאַלאַק מיט עטלעכע באַיאָוו־צעס לויפן צום איינגאַנג, ס'וועט אַ שיסעריי. די דייטשן ענטפערן מיט

גראַנאַטן. דער וואָלאַ ווערט פאַרשיט. „אַרויס, דורכן צווייטן וואָלאַ[128] און פירן דעם קאַמף אויפן הויף!" פאַלט אַ באַפעל.

דיאַמאַנט איז צווישן די ערשטע דריי, וואָס שפּרינגען אַרויס אויפן הויף. אויג אויף אויג. מאַשין נעבן מאַשין הויבן מיר אָן דעם קאַמף. צוויי דייטשן ווערן פאַרוווּנדעט, דער דריטער אַנטלויפט. מיר (יעלען, דיאַמאַנט, אַבראַמעק[129]) פאַרנעמען אַ פּאָזיציע אויף די חורבות מיטן ציל נישט צו דערלאָזן די דייטשן זיך צו רייסן צום צווייטן איינגאַנג. דער ציל איז טיילווייז דערגרייכט. די גרעסטע טייל קעמפער זענען אויפן הויף, און דער קאַמף קומט פאָר. ח׳ דיאַמאַנט באַקומט אַ קויל און כאַפּט זיך ביים האַרץ. ער וויל מיר איבערגעבן די ביקס און באַווייזט נישט. צוזאַמען מיט דער ביקס פאַלט ער אין ברענענדיקן קעלער אַריין און קומט אום צווישן פלאַמען און רויך. אין אָוונט, ווען מיר האָבן באַגראָבן אונדזערע געפאַלענע, האָט אין ברודער־קבר געפעלט זיין קערפּער.

זיין קערפער פעלט. זיין נאָמען לעבט און וועט בלייבן אַ סימבאָל פון קעמפערישקייט און אָפּפערווילִיקייט.

זיין קאַמפּס־חבר

דער קאַנאַל

נאָכן פאַרלאָזן דעם בונקער אין זאַקלאַד[130] האָבן מיר זיך איינגעאָרדנט ביי די מיסט־פירער, פראַנטשישקאַנער 22. ווי אַ קרעט דאַרפן מיר זיך גראָבן דורך דער ערד צום בונקער. דער בונקער איז ערגער איינגעאָרדנט, ווי אין זאַקלאַד: דאָ איז שרעקלעך שמוציק און דושנע. אַ צונויפקלייב פון פאַרשידענע טיפּן מענטשן: שמוקלער, פורמאַנעס, אונטערוועלט און מיטלשטאַנד. דער קאָמענדאַנט פון בונקער גזשענדאַ[131] איז נישט קיין שלעכטער בחור. דער בונקער האָט אַ גרויסע מעלה — אַ פאַרבינדונג מיט די שטאָטישע קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן. דער בונקער פאַרמאָגט 5 צימערן. אין ערשטן צימער, ווו ס׳געפינט זיך דער ברונעם מיט דער אוביקאַציע, איז איינקוואַרטירט די אַריסטאָקראַטיע פון די מיסט־פירער. אין צוויי צימערן ביים קאַנאַל, — די נידעריקערע טיילן פון די מיסט־פירער. מיר, ביז 50 חברים פון דער יידישער

---

[128] אַרויסגאַנג.

[129] אברהם סטאָלאַק — אַ חבר פון לינקע פּ.צ. געקעמפט אויף דעם בערשטער־געביט און שפּעטער אין צענטראַלן געטאָ. אַרויס דורך די קאַנאַלן. געווען פּאַרטיזאַן אין די ווישקאָווער וועלדער. דערטרונקען געוואָרן אין בוג, אין עלטער פון 25 יאָר.

[130] בונקער פון דעם באַזאָרגונג־אַנשטאַלט (zakład zaopatrzenia).

[131] אומבאַקאַנט.

קאַמפּס־אָרגאַניזאַציע, האָבן זיך איינגעאָרדנט אין ערשטן און אין צווייטן צימער,ביים איינגאַנג. הונגער, שמוץ און דאָס פעלן לופט צום אָטעמען, האָט קאָלאָסאַל געווירקט אויף אונדזער פיזישן צושטאַנד. הגם פיזיש אָפּגע־שוואַכט, זענען מיר גייסטיק געוועזן געשטאָלט אין אונדזער גלויבן. נאַכט נאָך נאַכט שפּאַנען „זשאַב"־פּאַטראָלן צווישן חורבות און ברענענדיקע הייזער, זוכנ־דיק וועגן אַרויסצובאַקומען זיך פון ברענענדיקן גיהנום. פון צייט צו צייט אַ צוזאַמענשטויס, אַ שיסעריי. מיר שפּאַנען ווייטער מיט אַ גרעסערער צאָל גרופּן. אויף אונדזער דאָרנדיקן וועג, וואָס איז מיט מתים געפּלאַס־טערט, טרעפן מיר מענטשן מיט אויסגעלאָשענע אויגן, קאַכנדיק זיך ביים פייער פון די ברענענדיקע הייזער אַ ביסל עסן. העלפט, בעטן זיי מיט אַ צעבראָ־כענער שטימע, אַ ביסל פּראָדוקטן, אַ ליכט, אַ פודלקעלע שוועבעלעך, אָרדנט אונדז איין אין אַ בונקער. מיר קומען אַנטקעגן זייערע פאַרלאַנגען לויט אונ־דזערע מעגלעכקייטן.

אין אַ פינצטערן אָוונט, פּאַטראָלירנדיק אונדזער געגנט, דערהערן מיר אַ פאַרדעכטיק געריויש. בליץ־שנעל פאַרנעמען מיר אַ פּאָזיציע, האַלטנדיק די מאַ־שינען גרייט צום קאַמף. דער געריויש ווערט דייטלעכער און דערנענטערט זיך אין אונדזער ריכטונג. מיר זעען שוין שאָטנס, וואָס גייען אין אַ מיליטע־רישער אָרדנונג. מיר הויבן זיך אָן פאַרטראַכטן: ווער קען דאָס זיין, יידן? גייען נישט ביינאַכט אין אַזאַ גרויסער צאָל. ס'איז העכסט וואַרשיינלעך דייטשן. כ'נעם אַ גראַנאַט אין דער רעכטער האַנט און פרעג: ווער גייט? שטיין בלייבן! יעלען,[132] דאָס זענען מיר! ווייזט אויס, אייגענע. פּאַראָל! די גרופּע ענטפערט דעם זשאַב־פּאַראָל. זאָלן צוויי קומען נענטער! ס'דערנענטערן זיך צו אונדז צוויי חברים. וואָס האָט פּאַסירט? דער בונקער אויף מילע איז פאַרגאַ־זעוועט געוואָרן דורך די דייטשן. דער גרעסטער טייל זענען טויט. אָט דאָס ביסל איז געבליבן.

פינצטער איז אונדז געוואָרן אין די אויגן אָנקוקנדיק די חברים. צעשע־דיקטע און פאַרבלוטיקטע פון גראַנאַטן־שפּליטערס, אויסגעקרומטע פּני־מער פון גאַז, צעריסענע מלבושים — לעבעדיקע מתים. מיר האָבן די חברים איינגעאָרדנט אין אונדזער בונקער, באַנדאַזשירט די ווונדן און געגעבן עסן. באַלד דערנענטערט זיך אַ צווייטע גרופּע. צוויי פון פראָנט, אַלס אויסשפּירער. זיי גייען גלייך אויף אונדזער וואַך־פּאָסטן. מיר לאָזן זיי צו אויף אַ מהלך פון אַ 5 מעטער און שפּרינגען אַרויס פון אונדזער פאַרמאַסקירונג.

---

[132] הערש בערלינסקי.

ע, חברה, איר זענט נישט פּאַרזיכטיק! די צוויי חברים פּאַרטיידיקן זיך: ס'איז פינצטער, ס'איז שווער צו באַמערקן. זיי מעלדן, דאָס מערדעקס[133] גרופּע קומט אָן. די חברים דערציילן, דאָס ביינאַכט, דעם 7טן מאַי, האָט די גרופּע געדאַרפט אַרויס דורכן קאַנאַל אויף מילע 69; די לובעצקעגאָ און וואַלינסקע זענען אַ גאַנצע נאַכט באַשאָסן געוואָרן דורך דייטשן פון מאַשין־געווער און ס'איז געווען נישט מעגלעך זיך אַדורכצורייסן. אַ גאַנצן טאָג זענען מיר געווען אין די חורבות. היינט אוונט, ווען מיר זענען צוגעקומען צו מילע 69 צום בונקער, איז דער בונקער צעשטערט און דער איינגאַנג צום קאַנאַל — פאַרשיט. יידן, וואָס מיר האָבן דאָרט אָנגעטראָפן האָבן איבערגעגעבן, דאָס אַ יידישער קאַפּוש[134] האָט היינט אויסגעגעבן דעם בונקער. אויף צוריקוועגס האָבן מיר געטראָפן אויפן חורבן פון מילע 18. ביינאַכט גיבן חברים איבער איינצלהייטן פון מילע 18.

די זעלבע נאַכט, דעם 8טן מאַי, שיקן מיר אַ געמישטע גרופּע מיט פּאַוועלן[135] אַלס קאָמענדאַנט דורכן קאַנאַל טלאָמאַצקע 5. יעדער פון דער גרופּע באַקומט צו צוויי טויזנט זל., אַדרעסן און טעלעפאָנען. מיט דער גרופּע גייען מיט צוויי חברים־אָבסערוואַטאָרן, וואָס דאַרפן זיך צוריק־קערן און אָפּגעבן אַ באַריכט פון דער אַקציע. מיט שפּאַנונג וואַרטן מיר אויף די רעזולטאַטן פון דער אַקציע. די אָבסערוואַטאָרן קומען צוריק און גיבן איבער: „די גרופּע איז אַרויס אויף טלאָמאַצקע. זיי האָבן אָנגעטראָפן אויף פייערלעשער; מיר האָבן געהערט אַ געשפּרעך און דאַן איינצלנע שאָסן. די גרופּע איז פאַנאַנדערגעלאָפן. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט. די קלאַפּע איז גע־בליבן אָפן".

דעם צווייטן אָוונט האָבן מיר געשיקט אַ צווייטע גרופּע דורך טלאָמאַצקע. די גרופּע איז צוריקגעקומען און איבערגעגעבן: „מיר האָבן געפּרוווט עפענען די קלאַפּע, האָבן מיר געהערט דייטשע שטימען און די קלאַפּע איז באַשאָסן געוואָרן דורך מאַשין־פּיסטאָלעטן".

מיר שטעלן צונויף אַ דריטע גרופּע און שיקן אין קאַנאַל זוכן אַ פרישן וועג, כדי זיך אַרויסצובאַקומען. קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ. ס'דויערט אַ געוויסע צייט און די גרופּע קומט צוריק מיט אַ פריילעכער בשורה אויף די ליפּן: „מיר האָבן געטראָפן אין די קאַנאַלן אונדזערע חברים פון דער אַרישער זייט מיט קאַנאַ־

---

133 מרדכי גראָוואַס פון „השומר הצעיר".

134 אַ „קאַפּאָ".

135 אהרון בריסקין פון פ.פ.ר.

ליזאַטאָרן.[136] זיי וואַרטן אויף אונדז: מיר מוזן שוין גיין, ס'איז דאָ אַ וועג זיך אַרויסצובאַקומען". און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן דער דראַמאַטישער אַקט.

ביים אַריינשפּרינגען אין קאַנאַל האָט זיך איינגעבראָכן טאָשע;[137] זי איז פאַרוואונדעט אין קאָפּ. זי בעט: „לאָזט מיך איבער, כ'קאָן נישט, כ'וועל נישט אויסהאַלטן". זי באַקומט פון מיר אַ שטרענגע אויפפאָדערונג. זי באַקומט צוריק די גלייכגעוויכט און האַלט זיך שפּעטער נישט שלעכט. ערגער איז געווען מיט מיכאַלן[138] און יהודה'ן.[139] פאַרטשאַדעט פון גאַז, דערשעפּט פיזיש, לייגן זיי זיך אַלע ווילע אין שטינקענדיקן וואַסער. זיי בעטן: „לאָזט אונדז איבער, מיר ווילן דאָ שטאַרבן, מיר ווילן אייך נישט שטערן דעם וועג". „אייערע ווערטער ווערן נישט גענומען אין באַטראַכט, ווי לאַנג דאָס האַרץ קלאַפּט ביי אייך מוזט איר גיין! אַפּעלירט נישט צו אונדזער געוויסן, עס וועט אייך גאָרנישט העלפן, קיין אַנדערן אויסוועג האָבן מיר נישט. טראָגן, אָדער פירן אייך קענען מיר נישט צוליב דעם געבוי פון די קאַנאַלן, איבערלאָזן אייך הייסט; טויט. פאָרויס, חברים! מיט די לעצטע כוחות, פאָרויס! נישט פאַלן פון מוט, און אויך איר וועט דעם ציל דער־גרייכן"! 6 קאָסטקעס צוקער, וואָס כ'האָב געפונען ביי מיר אין קעשענע האָבן געראַטעוועט די 2 חברים. נאָר מענטשן מיט אייזערנע הערצער און שטאָלענע ווילנס האָבן געקענט ווירקן, דאָס מ'זאָל יענעם אונטערהאַלטן און אַליין זיך נישט איינברעכן. ביז אַ פּופציק באַיאָוצעס זענען מיר געווען אין קאַנאַל, ביז איבער די קני אין שמוציקן וואַסער. מיט ליכט אין די הענט, איינגעבויגן אין דרייען, אויסגעשמירט פון טינוף זענען מיר געקראָכן פון גרויסע קאַנאַלן אין מיטעלע, פון מיטעלע אין קליינע; פון צייט צו צייט אַן אָפּרו. מיר זיצן ביזן ברוסטקאַסטן אין וואַסער. „אָפּגערוט, אויסגעבאָדן" אין שמוץ און אין טינופת; מיר קריכן ווייטער און אַזוי האָט עס זיך געצויגן אָן אַ סוף און אַן עק. יעדע מינוט — אַ שעה. יעדע שעה — אַ טאָג, יעדער טאָג — אַ יאָר. ביז מיר זענען דערקראָכן צום וולאַז.[140]

מיר וואַרטן. ביינאַכט קומען די באַפרייער און ברענגען אַ קעסעלע זופּ. יעדער באַקומט עטלעכענע לעפל עסן. „פון 5—6 דאַרפט איר זיין גרייט" — ווערט אונדז געמאָלדן — „ס'וועט קומען אַן אויטאָ און איר פאָרט אין וואַלד". מיר וואַרטן אומגעדולדיק. דער זייגער ווייזט שוין מיט מזל 5, 5.30 און פּלוצים אין

---

[136] דאָס איז געווען דער יידישער פאַרבינדלער „קאַזשיק" ראָטהייזער מיט צוויי פּוילישע קאַנאַל־פירער.

[137] אַלטמאַן — פון „השומר הצעיר. אַ פאַרגאַזטע איז זי אַרויס פון בונקער אויף מילע 18.

[138] ראָזענפעלד — פפר־פאָרשטייער אין שטאַב פון דער יי.ק.אָ.

[139] וועגראָווער — פון „השומר הצעיר".

[140] אַריינגאַנג אין קאַנאַל.

גאַס אַ שיסעריי. ס׳איז 7, ס׳איז שוין 8 אַ זייגער. ניט דאָ קיין עכאָד פויגל. (וואָר־שיינלעך „קיין איין פויגל״ — רעדאַקציע) די חברה בונטעווען זיך. „אַרויס אין גאַס״ הערן זיך שטימען. „30 שעה קריכן מיר און שטייען אין טינופת. מיר ווען אומקומען דאָ אין קאַנאַל. אַרויס אין גאַס און אָנהויבן דעם קאַמף״. די אָנפירונג איז געווען איבערצייגט, דאָס אַרויס אין גאַס בייטאָג אליין הייסט 100% טויט פאַר אַלע. דער פיזישער צושטאַנד פון די חברים איז אַזוי שרעקלעך, דאָס די גרעסטע טייל וועט נישט קענען קעמפן. די אָנפירונג האָט באַשלאָסן איבערצושיקן אַ טייל חברים אין אַ צווייטן וולאַז און איבערוואַרטן ביז אין אָוונט. אין אָוונט אַרויס פון קאַנאַל און אונטער די פליגל פון דער נאַכט דורכרייסן זיך דורך וואַרשע. נאָכן איבערשיקן אַ טייל חברים אין אַ צווייטן וולאַז איז געקומען דאָס גליק און גלייכצייטיק דאָס אומגליק (דאָס גליק, וואָס אַ טייל חברים זענען אַרויס פון קאַנאַל און ווייטער פאַרגעזעצט דעם קאַמף. דער אומגליק — דורכן אַרויס פון אַ טייל חברים איז דער וולאַז באַקאַנט געוואָרן דער זשאַנדאַרמעריע און די אַנדערע טייל האָט נישט געקענט אַרויס און איז אומגע־קומען).

פלוצים דערהערן מיר אַ קלאַפּ אין דער קלאַפּע. מיר רעכענען: דייטשן. מיר ציען זיך צוריק און גרייטן דאָס געווער. די קלאַפּע עפנט זיך און מיר הערן אַ גע־שריי: „אַרויס!״ ס׳איז דאָ אַן אויטאָ. מיר הויבן אָן אַרויסצוקריכן. די גאַס פון פּראָסטע איז באַשטעלט פון פּ.פּ.ר. און עטלעכע חברים פון „זשאָב״. דער שאָפער ווערט געהאַלטן אונטער געווער. הונדערטער מענטשן קוקן מיט פאַר־וווּנדערונג דורך די פענצטער און פאַרמאַכטע טויערן וועגן די געוואַגטקייט פון די יידישע קעמפער. מיר, עטלעכע דרייסיק חברים, זיצן אויף דעם אויטאָ. פון דערוויטנס זעען מיר אויס ווי איין קופּע מיסט. צוליב אָביעקטיווע סיבות, מוז דער אויטאָ אָפּפאָרן און קען נישט וואַרטן אויף די איבעריקע חברים. נישט דאָ קיין אויסוועג. אָדער מיר וואַרטן און אַלע גייען פאַרלוירן, אָדער מ׳פאָרט און מ׳רייסט אַרויס דעם טייל פון אונטער די נעגל פון טויט. קזשאַק [141] גיט אַ באַפעל און דער אויטאָ רירט פון אָרט.

[141] קזשאַטשעק — וולאַדיסלאַוו גאַיק, אַן אָפיציר פון דער פאָלקס־גוואַרדיע (Gwardia Ludowa), וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער אַקציע פון אַרויספירן די געטאָ־קעמפער דורך די קאַנאַלן.

JELEŃ

אין טראַגישן יאָרטאָג

מיט געבויגענע קעפּ פון טרויער, און צעפלאַקערטע נשמות, צום וויטערדיקן קאַמף דערמאָנען מיר היינט די מענטשלעכע געזעלשאַפט וועגן טראַגישן אומקום און ליקווידאַציע פון וואַרשעווער געטאָ. נישט דורך תעניתים און יאָרצייט־ליכטלעך וועלן מיר די נעמען פון די געפאַלענע ערן, נאָר דורכן צוהעלפן דעם קאַמף צו פאַרטיליקן דעם היטלעריזם וועלן מיר אויפשטעלן דעם שענסטן דענקמאָל די אומגעקומענע.

אין דער צייט, ווען די יידן האָבן זיך געגרייט אַדורכצופירן דעם יום־טוב פסח, וואָס סימבאָליזירט די באַפרייונג פון עגיפּטישער קנעכטשאַפט, האָבן די היטלעריסטן צוגעגרייט דעם פינצטערן אַקט, וואָס וועט בלייבן אַ שאַנד־פלעק אין דער געשיכטע פון דייטשן פאָלק.

נאָכן אַרומשטעלן די געטאָ־מויערן ביינאַכט פון דעם 18־טן אַפּריל 1943 דורך ס. ס., אוקראַינער און פּוילישער פּאָליציי, האָבן דעם 19טן אַפּריל אין די פרימאָרגן־שעהן טויזנטער און טויזנטער ס. ס.־לייט, באַוואָפנט מיט זייערע מאָרד־מכשירים, אַריינמאַרשירט אין געטאָ, כדי צו דעמאָנסטרירן זייער גבורה קעגן זקנים, קראַנקע, שוצלאָזע פרויען און קינדער. די געטאָ־יידן האָבן זיך געפונען אין אונטערערדישן געטאָ. בלויז דער „זשאָב“ איז געווען אויף זיין קאַמפס־פּאָסטן (דער Ż. O. B. האָט זיך רעקרוטירט פון פּ.פּ.ר., השומר, החלוץ, לינקע פּועלי־ציון און בונד).

אויף דער אויפפאָדערונג פון די ס.ס. „דאָס די יידישע באַפעלקערונג זאָל פאַר־לאָזן די באַהעלטענישן און זיך שטעלן אויפן אומשלאַג־פּלאַץ“, ד. ה. פרייוויליק צו דער שחיטה, האָבן די באַיאָוועס פון זשאָב געענטפערט מיט אַ האָגל פון גראַנאַטן, „מאָלאָטאָוו־פלעשער“, שעדיטוווקעס [142] און ביקסן־שאָסן. דער איינ־

[142] אויפרייס־מאַטעריאַל געמאַכט פון שעדיט.

ציקער מאַשין־געווער, וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט, האָט אונדז אויך נישט פאַר־שעמט. די היטלעריסטישע באַנדיטן זענען אַנטלאָפן. ווי מייז פון אַ טרינקענדיקער שיף, איבערלאָזנדיק זייערע עטלעכע הונדערט פאַרווונדעטע און געהרגעטע. מיטאָג־צייט, אונטערן שוץ פון פאַנצער־אויטאָס, טאַנקעטקעס, און פעלד־אַרמאַטקעס, האָבן זיי באַנייט זייער פּרווו. אָבער אויך דאָס מאָל אָן דערפאָלג. דערשפּירנדיק דעם טעם פון די מאָלאָטאָוו־פלעשער, האָבן די פאַנצער־אויטאָס און טאַנקעט־קעס פאַרלאָזט ברענענדיק דעם געטאָ. נאָך עטלעכע שעה אָפּוואַרטן האָבן די היטלעריסטן באַנוצט אַ פריש מיטל: „ברענען דעם געטאָ”! און דאָס מיטל האָט זיך זיי טיילווייז איינגעגעבן.

ב ע ר ש ט ע ר. דעם 20־טן אַפּריל. 1943 ׳3 נ.מ.

צוליב סטראַטעגישע טעמים געפינען זיך די באַיאָוצעס פון געטאָ אין די אונטערערדישע בונקערס. די היטלעריסטן רעכענען, דאָס דער ווידערשטאַנד איז געבראָכן.

מיט פאַריסענע קעפּ מאַרשירן הונדערטער און הונדערטער ס.ס.־לייט צום טויער פון די בערשטער. זיי קלאַפּן, „עפענען!!” — פאַלט אַ באַפעל. די באַיאָוצעס שאַלטערן איין דעם קאָנטאַקט. די מינע רייסט אויף. שטיינער, ערד און צערי־סענע פון שעדיט ס.ס.־לייט האָבן זיך צונויפגעמישט און בילדן איין מאַסע, אַ פּרעכטיק בילד. די לעבן געבליבענע אַנטלויפן. מיט ווילדע אויגן גלאָצן זיי אין דער ריכטונג פון דער מינע און שרייען: „יאָ, דאָס האָבן יודן געמאַכט”. נישט יעדעס אויג האָט געהאַט דאָס גליק דאָס צו זען. די ערשטע דאַגיע האָבן זיי באַקומען. חברה גרייטן זיך צו דער צווייטער. נאָך עטלעכע שעה באַשיסן דעם געביט פון פעלד־אַרמאַטקעס און שווערע מאַשין־געווערן גרייפט די ס.ס. ווייטער אָן און דאָ האָבן זיי ווייטער באַקומען זייער פינצטערע מפּלה און ציען זיך מיט גרויסע פאַרלוסטן צוריק.

אויפן קאַמפּס־פעלד באַווייזן זיך 2 ס.ס.־אָפיצירן מיט אַ פאַרשטייער פון טעבענס׳ן און בעטן דעם זשאָב 10 מינוט וואָפנשטילשטאַנד. זיי ווילן עפּעס דערקלערן. זיי ווענדן זיך צו די שאָפּ־אַרבעטער, דאָס ס׳וועט קיינעם קיין האָר פון קאָפּ נישט אָראָפּפאַלן און בעטן מ׳זאָל פאַרלאָזן די באַהעלטענישן און נישט גיין אין די דרכים פון די באַיאָוצעס. (אויסער 2 צענדליק נאַיווע, האָט זיך קיינער נישט גערירט פון אָרט). דעם 21טן אַפּריל האָבן די דייטשן אונטערגעצונדן דעם שאָפּ. די באַיאָוצעס האָבן זיך דורכן פייער אַדורכגעריסן צו די הויפּט־כוחות פון זשאָב אין ברענענדיקן געטאָ.

צוליב דעם פעלן פון אַמוניציע און פאַרברענען אונדזערע הויפּט־באַזעס דורך די דייטשן האָבן מיר דעם ווייטערדיקן קאַמף געמוזט רעדוצירן צו איינצעלנע נאַכט־קאַמפן. די היטלעריסטן האָבן זייער פאַרניכטונגס־פּלאַן אַדורכגעפירט מיט

אַלע פּינקטלעכקייטן. דאָס, וואָס ס'איז זיי נישט געלונגען דורך פייער, האָבן זיי דערגענצט דורך דינאַמיט און גאַז. דער מענטשלעכער מח איז נישט פעיק אויפֿצופאַסן דאָס, וואָס דאָס מענטשלעכע אויג האָט געזען. כ'גלויב נישט, דאָס ס'זאָל זיין אַ פעדער, וואָס זאָל זיין אימשטאַנד צו באַשרייבן די שווידערלעכע טראַגעדיע, וואָס די יידן האָבן אַדורכגעלעבט אין וואַרשעווער געטאָ. פאַר די באַיאָוצעס איז קלאָר געוואָרן, דאָס אין געטאָ איז נישטאָ מער קיין באַדינגונגען פון קאַמף און מיר מוזן אַרויס אויף דער אַרישער זייט, כדי דעם קאַמף פאָרצוזעצן אין די וועלדער. דער איינציקער וועג — דאָס זענען די קאַנאַליזאַציע־קאַנאַלן. פון 7־טן מאַי האָבן מיר געשיקט גרופע ביי גרופע, וואָס זענען לײדער אומגעקומען. און דאָ איז געקומען די פּ.פּ.ר. פון דער אַרישער זייט און געמייסטערט די אַקציע. דעם 8־טן מאַי באַנאַכט האָבן מיר דערהאַלטן די פרייכלעכע בשורה, דאָס ס'וואַרטן אויף אונדז חברים מיט אויטאָס ביי די וולאַזן פון די קאַנאַלן. אַנגעהאָנגען ס'געוועג אויף די העלדזער האָבן מיר זיך געלאָזט אין די וואַרשעווערע קאַנאַלן פון פראַנטשישקאַנער ביז פּראָסטע. די קאָובאָיסקע מעשה־ביכלעך זענען פאַר אונדז אין די קאַנאַלן געוואָרן רעאַלעווירקלעכקייטן. דעם 10־טן מאַי 10 אין דער פרי — מיר שטייען פאַרצווייפלט ביים וולאַז אויף פּראָסטע. 6 אין דער פרי האָבן מיר געדאַרפט אַרויס און דער זייגער ווייזט 10 און קיין שום ידיעה. 22 טעג אין קאַמף. 32 שעה אין שטינקענדיקן וואַסער אויסגעשעפּט פון אַלע מענטשלעכע כוחות באַשליסט די אָנפירונג איבערצושיקן אַ טייל חברים אין אַ צווייטן וולאַז ביז אין אָונט. אין אָונט אַרויס אין גאַס. נאָכן איבעריקן אַ טייל חברים אין צווייטן וולאַז דערהערט זיך אַ טשאַסק אין דער קלאַפּע. מיר רעכענען דייטשן. די חברה ציען זיך צוריק און גרייטן דאָס געווער. „אַרויס!" שרייט קזשאַק [143] פון פּ.פּ.ר. מיט אַ שטרענגער שטים. ס'איז דאָ אַן אויטאָ. די גאַס ווערט ליידיק. פון אַלע פענצטער קוקן מענטשן מיט פאַרוואונדערונג. אַ פול אָנגעפּאַקטער אויטאָ מיט באַיאָוצעס גרייט מיט געווער צום קאַמף. אַזוי זענען מיר געפאָרן דעם 10־טן מאַי 1943, 11 אַזייגער אין דער פרי, איבער די וואַרשעווער גאַסן ביז אין נאָנסטן וואַלד. היינט אין טראַגישן יאָרטאָג, ווען מיר דערמאָנען אונדזערע קדושים, פאַרגעסן מיר נישט, דאָס זייער בלוט פאָדערט און מאָנט נקמה. נקמה נישט אין דייטשן פאָלק, נאָר אין דער היטלעריסטישער קליקע.

מיר וועלן נקמה נעמען.

איינער פון די קעמפנדע

---

[142] זע באַמערקונג 141.



POLSKA RZECZPOSPOLITA
LUDOWA

LEGITYMACJA

Nr 20975

WARSZAWA

dn. 16 październ. 1965 r.

Rozkazem Naczelnego
Dowódcy W.P. Nr 212
z dnia 18 kwietnia 1945r.
odznaczony (a) został (a)
BERLIŃSKI
Hersz s. Lejzora
pośmiertnie
KRZYŻEM SREBRNYM
ORDERU VIRTUTI MILITARI

KANCELARIA
RADY PAŃSTWA

די אויסצייכענונג „זילבערנער קרייץ פון דעם ווירטוטי מיליטאַרי אָרדער", וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן הערש בערלינסקין דורך דעם הויפט־אָנפירער פון דער פוילישער אַרמיי דעם 18טן אַפּריל 1945

יעקב קענער

אליהו ערליך

דער יוגנטלעכער עלעק ערליך — איז געווען אַ קינד פון דער וואָלינסקע־גאַס אין וואַרשע, וואָס דאָס מיינט: אַ קינד פון דער אָרעמקייט. ער האָט געענ־דיקט די 7־קלאַסיקע באַראַכאָוו־שול אויף זאַמענהאָף 6. נאָך אַלס שילער האָט ער שוין געהערט צום „יונגבאָר" און אין יאָר 1934, אַלס 15—16 יאָריק ייִנגל איז ער שוין געווען אַן אינסטרוקטאָר פון דערזעלבער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אים דערצויגן. ער איז פרי געוואָרן אַן אַרבעטער ביי דאַמען־האַנט־טאַשן, כדי מיט זיינע פאַרדינסטן צוצוהעלפן צו דער פרנסה פון זיין פאָטער. שפּעטער איז ער פון דער יונגבאָר־אַרבעט איבערגעגאַנגען צו די אַקטיוויטעטן אין דער וואַרשעווער „יוגנט", צו־ערשט אין דער יוגנט סעקציע פון פראָפ.־פאַריין פאַר לעדער־אַרבע־טער, וואָס איז געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די קאָמוניסטן און אים איז דאָרט אויסגעקומען אויסצושטיין אַ סך שיקאַנעס מצד די רויטע פאַר זיין פאַר־שפּרייטן דאָרט דעם פּועלי־ציוניסטישן יוגנט־אָרגאַן „די פריַיע־יוגנט". דערנאָך האָט ער זיך געווידמעט דער דירעקטער אינערלעכער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט אין דער „יוגנט" גופא און האָט אין משך פון אַ קורצער צייט זיך אַרויפ־געאַרבעט ביז צום אַמט פון אַ קאָמיטעט־מיטגליד אין דער וואַרשעווער „יוגנט". מיט אַ באַזונדערן אינטערעס און איבערגעגעבנהייט פלעג ער זיך פאַרנעמען, אין דער צייט ווען אונדזער באַוועגונג אין וואַרשע האָט פאַרלוירן איר לעגאַליטעט, מיט יענע געביטן פון אַרבעט, וועלכע זענען געווען פאַרבונדן מיט דער געפאַר פון פאַרלירן די פערזענלעכע פרייהייט. ער פלעג אָרגאַניזירן די פלי־דעמאָנסטראַציעס בעת די אינטערנאַציאָנאַלע יוגנט־טאָג־פייערונגען און אָנפירן מיט די קלעפּ־בריגאַדעס, וואָס פלעגן פאַנאַנדערקלעפּן אויף די וואַרשעווער מויערן די אומלע־גאַלע אויפרופן און לאָזונגען פון דער פּועלי־ציוניסטישער „יוגנט".

אליהו — אָדער עלעק — ערליך, האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט אומ־דערשראָקנקייט און מיט דרייסטקייט. קיין איין פריַיע שעה, נאָך דער אַרבעט אין וואַרשטאַט, האָט ער קיינמאָל נישט אויסגענוצט פאַר זיך, נאָר די גאַנצע צייט

אַוועקגעגעבן פאַר דער „יוגנט". ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייביקן אָפּטימיזם און אויף אַלץ רעאַגירט מיט אַ גוטמוטיקן, אָבער עטוואָס סאַרקאַסטישן שמייכל. נישט די אַרעמקייט אין שטוב, נישט קיין צייטווייליקער קריזיס אין דער אָרגאַניזאַציע און אפילו נישט דער אויסברוך פון דער מלחמה, האָבן אים נישט געקענט אַרויסברענגען פון די כלים... ער האָט שטענדיק אָנגעהאַלטן זיין פיל־זאָגנדיקן שמייכל און אַנדערע אָנגעשטעקט מיט זיין אָפּטימיסטישן בליק.

דעם היסטאָרישן 7־טן סעפּטעמבער 1939, ווען גאַנץ וואַרשע איז אַרומגע־כאַפּט געוואָרן פון איין גרויסער פּאַניק און אַלץ איז „געלאָפן", זענען מיר זאַלבע־דריט — ער, יעקב ווייסבראָד און איך — צוזאַמען אַרויס פון וואַרשע — און צוזאַמען געגאַנגען אַן ערך 140 קילאָמעטער — ביז לוקאָוו — ווו מיר האָבן זיך, בעת אַ דייטשישער באָמבאַרדירונג פאַרלוירן, כדי אין נאָוועמבער־חודש פון דעמזעלביקן יאָר, זיך ווידער צו טרעפן אַלס מלחמה־פּליטים אין בריסק. די נייע באַדינגונגען האָבן אים אָבער ווייניק־וואָס געענדערט. ער איז געבליבן דער זעלבער אָפּטימיסט, דער זעלבער אייביקער וויצלער, מיט דעמזעלביקן שטענדיקן שמייכל אויפן פּנים. נאָר מיט נייע אויספירן וועגן די אויפגאַבן פון אונדזער באַ־וועגונג, אויפן סמך פון די נייע באַדינגונגען.

מיר האָבן אַ סך גערעדט וועגן „גיין" קיין ווילנע, כדי פון דאָרט צו זוכן ווייטערדיקע עמיגראַציע־מעגלעכקייטן — אָבער ביי אים האָט גובר געווען די פליכט צו זיין משפּחה און ער איז שפּעטער, נאָך אונדזער „אַוועקגיין" קיין ווילנע, צוריקגעגאַנגען קיין וואַרשע. אין איינעם פון די געטאָ־באַריכטן, וואָס ח' בערמאַן האָט זיינערצייט אַרויסגעשיקט פון פּוילן, איז דאָרט דערמאָנט, אַז עלעק ערליך איז צווישן די לעבעדיקע און אַז ער איז טעטיק אַרום די אונטערערדישע אַקטי־וויטעטן פונעם יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט.

קענענדיק זיין מענטאַליטעט, זיין דרייסטקייט און זיין קאַמפערישע נאַטור, איז קלאָר און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ער איז געווען פון דער העלדישער גרופּע געטאָ־קעמפער, וואָס האָט זיך אונטער בערלינסקיס אָנפירונג דורך די קאַנאַליזאַ־ציע־רערן אַרויסגעריסן פון געטאָ, און דערנאָך געווען טעטיק אויף דער אַרי־שער זייט אַלס אונטערערדישער קעמפער — ביז ער איז צוזאַמען מיט פּאַלאַ עלסטערן און מיט הערש בערלינסקין געפאַלן ווי אַ העלד אויפן שלאַכטפעלד אינעם קאַמף קעגן פאַשיזם, און פאַרן כבוד פונעם יידישן פאָלק.

*

פאַר זיין העלדישקייט האָט אים — צוזאַמען מיט פּאַלאַ עלסטערן און מיט הערש בערלינסקין — די רעגירונג פונעם באַפרייטן פּוילן איינגעאָרדנט אַ פּאַ־ראַדנע ערן־לוויה און אַלע 3 האָבן באַקומען אַן ערן־קבר אין שכנות פון י. ל. פּרץ און אסתר־רחל קאַמינסקי.

י. ווייסבאָרד

מיין חבר עליע

עליע ערליך איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1912, ביי עלטערן פאָלקס־מענטשן, האָרעפּאַשניקעס. די עלטערן האָבן געוווינט אין וואַרשע אויף וואָלינסקע 10. דער פאָטער איז געווען אַ סאַרווער. אין הויז זענען געווען דריי קינדער. אויסער עליען איז נאָך געווען אַ שוועסטער און אַ יינגערער ברודער.

זיינע עלטערן האָבן אין קעגנזאַץ צו אַנדערע יידישע עלטערן אין יענער צייט, עליען נישט געשיקט אין קיין „פּאָוושעכנער" שולע, נאָר אויסגעקליבן פאַר אים אַ יידישע פאָלקסשול — די באָראָכאָוו־שול.

עליע איז אָנגעקומען אין דער באָראָכאָוו־שול אויף מוראַנאָווסקע 16, וווּ עס האָט דעמאָלט געהויכט מיט רעוואָלוציאָנערן אָטעם פון די לינקע פּועלי־ציון. די שולע איז דאַן אָנגעפירט געוואָרן דורך דעם ענערגישן פאַרוואַלטער, דעם לערער אברהם פריינט, וועלכער איז געווען איינער פון די שעפער פון דעם „יוגנט"־פאַרבאַנד ביי די פּועלי־ציון אין דעם אָנפאַנג פון דעם אומאָפּהענגיקן פּוילן, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה.

עליע ערליך איז באַווירקט געוואָרן פון דער דאָזיקער אַטמאָספער. ער האָט אין דער שולע געפונען נישט נאָר געוויינלעכע שול־לימודים, נאָר אויך אַ סביבה, וואָס האָט אַנטשפּראָכן זיינע פאַרלאַנגען און שטרעבונגען. צו יענער צייט — אין 1927 — האָט זיך געגרינדעט דער „יונגבאָר" (יונגע באָראָכאָוויסטן), וואָס איז באַשטאַנען פון קינדער־קלובן אויף נאָך מיטאָג און פאַרן אָוונט. די קלובן האָבן דערגענצט און אויסגעפילט דאָס לעבן פון די קינדער פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין פּוילן.

די פּועלי־ציון־לערער אונטער דער אָנפירונג פון אברהם פריינט האָבן זיך אַריינגעוואָרפן מיט טעמפּעראַמענט און ברען אין דער אַרבעט צווישן אַט דער יוגנט און אַריינגעצויגן אין איר אַ סך פון זייערע תלמידים. עליע ערליך איז געוואָרן איינער פון די אַקטיווסטע יונגבאָריסטן.

נאָכן קומען אַהיים פון דער שולע, עסט ער שנעל אָפּ און לויפט גלייך צוריק אין „יונגבאָר" אַרייַן. פון קינדווייז אָן ווייזט עליע אַרויס אַ ליבשאַפט צו ספּאָרט, אין זיינע שפּעטערע יאָרן — צום פּראַלעטאַרישן ספּאָרט.

געוויינלעך זענען נישט אַלע קינדער פאַרליבט אין גיין אין שולע אַריין. אַנדערש איז עס אָבער מיט די יונגבאָריסטן. זיי ווילן זיך גאָרנישט שיידן מיט דער שולע. אינדערפרי, ווען זיי גייען אין שולע אַרייַן, טרעפן זיי זייערע לערערס ווי שול־לערערס. נאָכמיטאָג, אין „יונגבאָר", טרעפן זיי די זעלבע לערערס ווי „יונגבאָר"־טוערס, ווי זייערע חברים. פאַרשטייט זיך, אַז די באַציונגען צווישן די לערערס און די קינדער זענען געווען אויסערגעוויינלעך חברישע, באמת זעלטענע, וואָס אַזלכע זענען נישט געווען צו געפינען אין די אַנדערע, אין די מלוכהשע שולן, וווּ דער לערער פלעג אָפטאָן זיין פליכט אין דער שולע און דאָן פאַרן קינד פאַרשווינדן. אין „יונגבאָר" איז דער לערער געווען דער מוסטער, דער אידעאַל פאַרן קינד.

אין יאָר 1932, ווען דער וואַרשעווער „יונגבאָר" האָט געפייערט זיין 5־יאָריקן יובל, געפינט זיך שוין ערליך אין דער אָנפירונג פון דער אָרגאַניזאַציע צוזאַמען מיט אברהם פריינט, פייגע לאַסמאַן, פישל האָניגסהענדלער א״אַ.

דער „יונגבאָר" האָט געהאַט פאַר אַ ציל צו דערציען די קינדער פון די יידישע אַרבעטער־מאַסן אינעם פּועלי־ציוניסטישן גייסט, אָבער אין דער זעלבער צייט צו דערציען זיי ווי געזונטע מענטשן מיט אַ פּאָזיטיווער באַציונג צו דער נאַטור און צו די געזונטע פּרינציפּן פון סקויטיזם. דער „יונגבאָר" האָט געזוכט צו פאַרקניפּן די אידעען פון פּועלי־ציוניזם מיט די שיינע עיקרים, וואָס פאַרפליכטן אַ סקויט: פירן אַ געזונט און ערלעך לעבן, ליב האָבן די נאַטור און פאַרברענגען אין איר שויס.

עליע ערליך האָט זיך איבערגעגעבן מיט דעם יונגן פלאַם פון זיין נשמה דער דאַזיקער באַוועגונג, דעם דאַזיקן ציל. ער האָט זיך ספּעציעל געווידמעט איינער פון די וויכטיקסטע אַרבעטן פון „יונגבאָר", וואָס איז באַשטאַנען אין איינאָרדענען אויספלוגן אויף דער שויס פון דער נאַטור ווי אויך לאַגערן און קאָלאָניעס פון איין אָדער צוויי וואָכן אין די זומער־חדשים. די דאַזיקע אויספלוגן האָבן געהאַט פאַר אַ ציל אויסצולערנען די קינדער ליב צו האָבן די נאַטור, צוגעוווינען זיי צו אַ קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן און צו דערציען זיי אין פּראַלעטאַריש־ציוניסטישן גייסט. פאַר ערליכן איז די אַרבעט אויפן דאַזיקן געביט אויסגעוואַקסן ממש צו אַ הייליקייט.

די צייט איז נישט געשטאַנען שטיל. די לאַגע פון די יידישע מאַסן אין פּוילן איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער. דער פּאָליטישער רעזשים האָט זיך

געהאַלטן אין איין פאַרשאַרפן. עליע ערליך איז פאַר דער צייט עלטער גע־וואָרן און אָט איז ער שוין אַן אָנפירנדיקער חבר ביי דער „יוגנט״. אויף אים ליגט נאָך אָבער אַלץ דער חותם פון דעם פּראָלעטאַרישן סקויט: תמיד מיט דעם „סלאָוואַצקי״־קאַלנער פונעם ווייסן העמד, דער טראָט זיינער אַ מונטע־רער, דער שטעל אַן אויסגעגלייכטער, דער קאָפּ — אַ שטאָלץ אויפגעהויבע־נער.

אין די מיטעלע דרייסיקער יאָרן האָט זיך אַ שאָט געטאָן אַ האַגל פון רדיפות און רעפּרעסיעס אויף דער לינקער פּועלי־ציון־באַוועגונג. די „אַרבע־טער־היים״ ווערט פאַרחתמעט, די באַוועגונג מוז אָנהויבן אַריבערגיין צו אומ־לעגאַלער טעטיקייט. עס הויבט זיך אָן אַן אַרבעט פון קעמערלעך, פון געהיימע גרופּעס, פון „בערזעס״. עליע איז אויסגעצייכנט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט. אַ גלויביקער אין דער פּרינציפּיעלער ריינקייט פון דער באַוועגונג, איז ער גרייט זיך מקריב צו זיין פאַר איר. ער געפינט זיך שטענדיק אין דער שפּיץ פון אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציעס, וואָס די באַוועגונג אָרדנט איין. אָט די אומ־לעגאַלע אַרבעטן אַנטשפּרעכן זיין כאַראַקטער. ער ווערט אָפט אַרעסטירט. דאָס שרעקט אים אָבער נישט אָפּ. פאַרקערט, ער ווערט נאָך אַקטיווער.

פאַרן אויסברוך פון קריג געפינט ער זיך ווי דער פּאָליטישער אָנפירער אין דעם ספּאָרט־קלוב „שטערן״ („גוויאַזדאַ״). ער האָט ליב די דאָזיקע אַרבעט. נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז באַגייסטערט פון ספּאָרט, פאַרזעט ער נישט דעם פּאָליטישן מאָמענט פון אָרגאַניזירן דעם יידישן פּראָלעטאַרישן ספּאָרטלער פאַר דעם ציל פון דער באַוועגונג.

*

ס׳איז געווען דער 7טער סעפּטעמבער 1939, שפּעט אין דער נאַכט. אינדרויסן — שטאַרק פינצטער, טומלדיק. שלאָפן האָט מען נישט געקענט. פון דער גאַס האָבן זיך געטראָגן קולות. די מלחמה, וואָס היטלער האָט אָנגע־וואָרפן פּוילן איז שוין געווען אין איר זיבעטן טאָג. דער טומל איז דאָך געווען אַן אויסערגעוויינלעכער.

מ׳קלאַפּט אין טיר. איך עפן, ס׳איז עליע ערליך. ער דערציילט מיר, אַז די באַפעלקערונג פאַרלאָזט וואַרשע און ער לייגט מיר פאָר, מיר זאָלן אויך גלייך פאַרלאָזן די שטאָט. איך האָב אים געפּרוּווט באַרויקן און אים געהייסן גיין אַהיים (מיר האָבן געוווינט אויף דער זעלבער גאַס, איך — נומער 4, ער — נומער 10), און אינדערפרי וועלן מיר באַשליסן וואָס צו טאָן. ער איז אַוועק, אָבער אין אַ שעה אַרום ווידער געקומען. דעמאָלט האָבן מיר מיטגענומען עטלעכע נייטיקע זאַכן אין וועג אַריין און האָבן צוזאַמען פאַרלאָזט וואַרשע.

אויפן וועג האָבן מיר זיך געטראָפן מיט נאָך חברים און זיך געלאָזן אויפן וועג קיין מינסק־מאַזאָוויעצק און דאַן קיין קאַלושין. מיר זענען דערגאַנגען ביז סטאָק און דאָרטן האָבן מיר זיך אין אַ מהומה, בעת די דייטשן זענען אַריין אין שטאָט, פאַרלוירן.

ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, איז עליע געגאַנגען ווייטער קיין לוקאָוו. ער איז געלאָפן פאָרויס פון די דייטשן און אַריבער אויף דער סאָוויעטישער זייט. ער האָט זיך שפּעטער דערשלאָגן קיין בריסק, ווו ער האָט געהאַט קרובים. ער האָט אַהין אַריבערגעבראַכט זיין משפחה: די עלטערן, אַ ברודער און אַ שוועסטער.

אין בריסק האָט ער געטיילט דעם גורל פון אַלע יידישע פּליטים. ס'האָט זיך אָנגערוקט דער געוואַלטיק קאַלטער ווינטער פון 1940. קיין אַרבעט איז נישט געווען (ער האָט געאַרבעט ביי דאַמען־טאַשן). די לאַגע איז געווען אַ האָפנונגסלאָזע. מ'האָט שוין אָנגעהויבן כאַפּן און פאַרשיקן פּליטים צו די ווייסע בערן.

ער, צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע פּליטים, האָבן דעמאָלט באַשלאָסן אומצוקערן זיך קיין וואַרשע.

בינה שטיינבערג

אליהו משה ערליך

מיר, די שילער, וואָס האָבן געלערנט מיט אים צוזאַמען אין דער באָראָ־כאָוו־שול, האָבן אים קיינמאָל נישט גערופן ביי זיין ערשטן אָדער צווייטן נאָמען און אויך נישט ביים פאַמיליע־נאָמען. מיר האָבן אים גערופן „געלער״. ער האָט זיך דעם נאָמען אַזוי צוגעאייגנט, אַז „געלער״ איז געוואָרן זיין פּאַקטישער, טאָגטעגלעכער נאָמען.

ער האָט געהאַט אַ געלן, געלאָקטן קאָפּ האָר. איין לאָק פון זיין טשופּרינע איז אים שטענדיק אַראָפּגעהאָנגען טיף אין די אויגן און צוגעגעבן אַ ספּעציעלן חן זיין שטיפערישקייט.

ווי ביי אַלע געלע איז זיין פּנים געווען לייכט באַשיט מיט זומער־שפּרענקעלעך. פון פּנים האָבן אַרויסגעקוקט אַ פּאָר קליינע, קלוגע אויגן. ער איז שטענדיק געווען אַ פריילעכער, אַ מונטערער. זיין צעשמייכלט פּנים איז קיינמאָל נישט געווען פאַרשאָטנט. תמיד איז ער געווען גרייט צו זאָגן אַ וויץ, וואָס זאָל אויפהייטערן די אַרומיקע. ס׳איז געווען אַ באַוווסטע זאַך: דאָרט, ווו דער געלער געפינט זיך, קענסטו הערן אַ גוטן וויץ און הנאה האָבן. ווו ס׳איז נאָר געשטאַנען אַ גרופּע, איז ער גלייך אויסגעוואַקסן אין צענטער. אויף יעדער זאַך האָט ער געהאַט אַ וויץ, אַ משל, אַ גלייכווערטל, אָדער אַ מעשה, וואָס האָט זיך אַלע מאָל געענדיקט מיט אַ הילכיקן געלעכטער פון די אַרומיקע. מיט זיין פריילעכקייט האָט ער אָנגעשטעקט אַלעמען.

זיינע באַדינגונגען אין דער היים זענען אָבער גאָר נישט געווען קיין פריילעכע. געבוירן אין 1912, האָט ער זיך דערצויגן און איז אויפגעוואַקסן אויף וואָלינסקע־גאַס, וואָס האָט זיך געפונען אין סאַמע האַרץ פון דער וואַרשעווער אָרעמקייט. אויך זיין היים איז געווען אַן אָרעמע. זיין פאָטער — אַ קעלנער — האָט קיינמאָל נישט פאַרדינט גענוג אויף פּרנסה און אליהו האָט שוין, אין די פריע קינדער יאָרן, געוווסט, וואָס עס הייסט נויט.

דערפאַר האָט ער אָבער געפונען אין דער יידישער שול, אין דער באָראָ־

כאַוו־שול, זיין אמתע פרייד. די שול האָט אים געגעבן דאָס, וואָס די היים האָט נישט פאַרמאָגט. די לערער פון דער ייִדישער שול זענען געווען נישט נאָר לערער, נאָר אויך דערציִער. דער שילער האָט אין זיי געפונען אַ געטרייען חבר, פריינט. אָפטמאָל האָבן זיי פאַרטרעטן אַ פאָטער אָדער אַ מוטער. עליע האָט דערפאַר ליב געהאַט די שול ווי דאָס לעבן.

אלץ פלעג ער אויפנעמען לייכט, אָבער ערנסט. זיין גרויסע לעבנס־פילאָזאָפיע איז געווען: אָפּטימיזם, וואָס האָט אים פאַרהיט פון פיל צרות, אַרויסגעבראַכט פון שווערע סיטואַציעס און אָפטמאָל אַפילו אים אָפּגעראַטעוועט דאָס לעבן.

נאָכן ענדיקן די באַראַכאַוו־שול אויף דזשיקע 6, האָט אליהו זיך געמוזט איינשפּאַנען אין טאָג־טעגלעכן עול, כדי צו העלפן זיין פאָטער אין דער פּרנסה. ער הויבט אָן אַרבעטן ביי דאַמען־טאַשן. די אַרבעט ביים דאָזיקן פאַך האָט אים ווייט נישט באַפרידיקט. ער האָט געוואָלט לערנען אַ קאָנסטרוקטיוו פאַך. אָבער וואָס פאַראַ פאַך האָט אַ ייִדישער יוגנטלעכער אין יענער צייט, אין דעם אַנטיסעמיטישן פוילן, געקענט לערנען, אַ חוץ די ספּעציפישע ייִדישע פאַכן: שניידעריי, דאַמען־טאַשן אד״גל?

אין יענער צייט איז ער טעטיק געווען אין דער קינדער־אָרגאַניזאַציע „יונגבאָר״. שפּעטער, ווען ער קען שוין זיין פאַך און טרעפט זיך מיט אַרבעטער און האָט צו טאָן מיט די ספּעציפישע ערנסטע פּראָבלעמען פון אַ ייִדישן אַרבעטער, ווערט ער טעטיק אין לעדער־פאַראיין, ווו ער צייכנט זיך אויס ביים פאַרשפּרייטן די צייטונג פון דער פּועלי־ציוניסטישער יוגנט „די פרייע יוגנט. ער גייט דאַן אויך איבער צו פאַרטייאישער אַרבעט אין דער „יוגנט״, וואַרפט זיך מיט זיין גאַנצן יוגנטלעכן ברען אין דער אַרבעט און ווערט אַ קורצע צייט שפּעטער אַ מיטגליד אין קאָמיטעט פון דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע. פּונקט ווי די באַראַכאַוו־שול אין זיינע קינדער־יאָרן, ווערט איצט די „יוגנט״ זיין אמתע היים. ער לעבט זיך איין מיט די חברים, האָט ליב די אַרבעט און אַלץ, וואָס איז פאַרבונדן מיט דער אָרגאַניזאַציע.

נאָר איין מאָל, זינט איך האָב אים געקענט, האָב איך אין יענער צייט געזען זיין פּנים פאַרוואָלקנט. דאָס איז געווען ביים געזעגענען זיך אויפן ווינער וואָקזאַל, ווען מיר, אַ גרופּע „יוגנט״־חברים זענען אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, כלומרשט צו דער מכביאַדע, אָבער פאַקטיש ווי עולים. דער צוג האָט געריִרט און ער, אליהו, איז געשטאַנען אַן ערנסטער און האָט לאַנג, לאַנג געפאָכעט מיט דער האַנט. זיין געלער קאָפּ האָט זיך נאָך לאַנג, לאַנג געלאָזט מערקן.

אין יאָר 1938—1939 געפין איך זיך אויף אַ באַזוך אין וואַרשע. איך באַגעגן

זיך מיט אליהון. ער איז שוין דאָן אַ דערוואַקסענער בחור, אָבער ווייניק וואָס געענדערט. צו יענער צייט איז די אַרבעט געוואָרן שווער. נאָר עליע ענט־פערט אויף אַלע שוועריקייטן און שיקאַנעס מיט וויצן, אויף זיין שטייגער, מיט פאַרגרעסערטן אָפּטימיזם.

יוני 1939. דריי חדשים פאַרן אויסברוך פון קריג. מיר שפּאַצירן אויף נאַלעווקעס דורך מילע, ווו איך האָב געוווינט. די גאַסן זענען פול געפּאַקט מיט מענטשן. דער אָוונט איז אַ מילדער, דער הימל אַ לויטער־ער און אליהו באַשיט מיך מיט פראַגן וועגן ארץ־ישראל. איידער ער הערט אויס איין ענט־פער, שטעלט ער שוין צוויי אַנדער־ע פראַגן. ער ווערט אַזוי ענטוזיאַסטיש, ער ציגדט זיך אינגאַנצן אָן. ער וויל וויסן נאָך און נאָך. צום סוף זאָגט ער: „איך וועל נישט אַרבעטן ביי מיין פאַך. אין לאַנד דאַרף מען טאָן קאָנסטרוקטיווע אַרבעט. מיט דאַמען־טאַשן וועט זיך ארץ־ישראל נישט בויען. דאָס פאַך וועל איך איבערלאָזן דאָ, אין גלות“.

אַ ווילדער, הייזעריקער פייף פון סירענעס האָט זיך צעוואָיעט. ס׳איז געווען שטאַרק פינצטער. מענטשן זענען געלאָפן און געפאַלן איינער אויפן צווייטן. האַלטנדיק זיך פאַר די הענט און שאַרנדיק זיך ביי די ווענט, האָבן מיר זיך קוים אַריינבאַקומען אין אַ טויער, פול געפּאַקט מיט מענטשן. מיר זענען געשטאַנען אין דער פינצטער און אַן אימה האָט מיך אַרומגענומען. אָבער באַלד האָב איך אויסגעשאָסן מיט אַזאַ הילכיק געלעכטער, אַז איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר די אַרומיקע. עליע האָט נאַטירלעך געזאָגט אַ וויץ.

ס׳האָט זיך דערהערט דער צווייטער סירענע־פייף. די ליכט האָבן זיך אָנגעצונדן. מיר האָבן פאַרשנעלערט אונדזערע טריט. דאָס האָבן די פּאָליאַקן געמאַכט פּראָבע צו דער פאַרשטייענדיקער מלחמה, אויב זי וועט אויס־ברעכן...

*

סעפּטעמבער 1939. אליהו „לויפט“ צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע חברים. צוליבן שטאַרקן אחריות־געפיל פאַר זיינע עלטערן גייט ער צוריק קיין וואַרשע. ער וואַרפט זיך מיט זיין גאַנצער קעמפערישער נאַטור אין קאַמף קעגן די דייטשישע רוצחים, קעגן די דייטשישע הינט, וואָס ווילן פאַרניכטן די יידן.

ער איז געווען פון דער גרופּע געטאָ־קעמפער, וואָס האָט זיך אַרויסגע־קריגן דורך די קאַנאַלן אויף דער אַרישער זייט.

*

אויפן גענשער בית־עולם אין וואַרשע, צוזאַמען מיט די פּועלי־ציון־חברים הערש בערלינסקי און פּאָלאַ עלסטער, רוען אויך די ביינער פון אליהו משה ערליך — דעם גרעלן.

דעם 29סטן אַפּריל 1945 איז אויפן גענשער יידישן בית־עלמין אין וואַרשע פאַרגע־קומען די לויה פון די דריי חברים פון לינקע פועלי־ציון, וואָס זענען געפאַלן אין וואַרשע אין יאָר 1944 מיט געווער אין די הענט: פאַלאַ עלסטער, הערש בערלינסקי און אליהו ערליך.

אין דער לויה האָבן אָנטיילגענומען דעלעגאַציעס פון דער רעגירונג און פון פוילישן מיליטער, פון די אַרבעטער־פּאַרטייען און פון די דעמאָקראַטישע פּאַרטייען. עס האָבן מספיד געווען די געפאַלענע זייער חבר, מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט און פון יידישן נאַציאָנאַלן קאָמיטעט אין וואַרשע: ד״ר אַדאָלף בערמאַן און יצחק צוקערמאַן (אַנטעק) פון דער קאָמענדאַנטור פון געטאָ־אויפשטאַנד. אין נאָמען פון דער רעגירונג האָט גערעדט פּראָפ. וויסאָצקי און יוזעף קראַקאָווסקי. אַלס לעצטער האָט גערעדט ד״ר עמיל זאָמערשטיין אין נאָמען פון צענטראַל־קאָמיטעט פון די פוילישע יידן.

דער צוג אויפן גענשער בית עולם

דער צוג אויפן געגשער בית עולם

ביים קבר פון די דריי

ביים קבר פון די דריי. עס שטייט צוו. אַנד. ד"ר עמיל זאַמערשטיין

ביים קבר פון די דריי

ביים קבר פון די דריי — אַ גרופּע חברים מיטן ח׳ זרבבל, דעצעמבער 1945

די מצבה פון די דריי

די בערלינסקי־גאַס אין לאָדזש (געוועזענע פעפער־גאַס אין באַלוט)

רינגעלבלום-אינסטיטוט — תל-אביב, רח׳ ברנר 14

ביז איצט דערשינען:

ילקוטי פועלי־ציון:

המהפכה הראשונה והשניה ברוסיה	1947
מבלפור עד בוין	1947
המבאק בזירה הפרוליטרית הבין־לאומית (חלק ראשון)	1954
המבאק בזירה הפרוליטרית הבין־לאומית (חלק שני)	1955
מוליע (שמואל עדלמאַן) — זאמלבוך צו זיין אָנדענק	1955
יוסף רוזן. כתבים נבחרים	1957

דערשינען אין אַרגענטינע:

פון בריטישן מאַנדאַט ביז דער יידישער מדינה (באַנד איינס)	1954